STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09521

ROHL

Sheindl Franzus-Garfinkel

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שיינדל פראַנצאָווסקי-גאַרפינקל

רחל

א נאָוועלע

מאָנטרעאל 1942

Copyright by Sheindl Franzus-Garfinkle
Montreal, Canada
1941

ווידמונג:

דעם אייביקן אָנדענק

פון מיין מוטער ל י ב ע.

רחל

קאפיטל איינס

סוף זומער 1916.

אין אוקראינישן שטעטל ב... ווי אין אנדערע שטעט און שטעטלעך, וואס זענען געלעגן ווייט פון די שלאכט־פעלדער, האט מען זיך שוין צוגע־וואוינט צו דער מלחמה, ווי הינט צו זייערע אייזערנע קייטן: אויף אייניקע איז פארבליבן דער אויסזען פון ליידן, אנדערע האבן אין פעטן ביין געפונען זייער טרייסט. א סך האבן טאקע גוט פארדינט.

ביי לאה פרענק אין זאל האט זיך פארזאמלט אן עולם. וואס איז? מ׳האט זיך דערוואוסט, אז ביים גרויסן, פיר־עקיקן טיש זיצן צווי וואזשנע סוחרים. אמת, מ׳זאגט זיי זענען גאר וואלד־הענדלער, און זיי ווילן מאכן עפעס א מסחר צו ארויסשיקן א פאר וואגאנען תבואה. אפילו מאנופאקטור קרעמערס שטופן זיך אויך. ס׳ערשטע שאדט ניט צולעגן אן אויער — וואס הערט זיך אויף דער וועלט? און ס׳צווייטע, מיט לאהן קען מען שליסן א געשעפט אפילו פון „קעבעבע״. אויף אלץ איז זי א קונה־הכל און מיט איר מזל׳דיקער האנט פארדינט מען שטענדיק.

ווי נאר לאה, די בא׳חנ׳טע נגידהסטע, מיט די שנירלעך פערל אונטערן גבירישן גוידערל, האט אויפגעעפנט די טיר, און די סוחרים האבן זיך א לאז געטאן צו רעדן מיט איר, איז ארייך פון קיך חיה, די דינסט:

— באלעבאסטע! איך וועל אייך ניט דערלויבן קיינע מסחרים פאר־האנדלן, דאס עסן וועט אזוי אויך האבן „מאצקיס־טעם״, שוין הונדערט מאל עס געריקט אין פליטע. נישקשה, זיי האבן אזויפיל געוואַרט, וועלן זיי נאך אביסל באלאקען ביז איר וועט אפעסן.

די סוחרים האבן געלאכט:

— לאה, זי איז שוין באלד מער באלעבאס פון אייך.

— וויפיל יארן פראוועט זי שוין אזוי מיט אייך?

—נו, וואס ווילט איר. האט איינער באמערקט — זי האט דאך נאך רחלן אויף אירע הענט אויסגעהאדעוועט.

אין אַ רגע איז לאה געוואָרן, וועגן וואָס די צוויי זענען אַראָפּ־געקומען: ס׳בייסט זיי. זי האָט איצט גאָר אַנדערע קאָפּדרייעניש... דאָך, ע... בע... אַז זיי בעטן זיך ביי איר — וועט זי אָפּשינדן אַ פּאַלע.

אַז ס׳האָט זיך שוין גאָר אויסגעלאָזט צי דיבורים וועגן מסחר, און דער ערשטער וויל קיינער ניט אוועקגיין, האָט מען זיך דערמאָנט: נאָך דאָס יאָר וועט מען אין שטעטל אויסבויען אַ גימנאַזיע.

רחל ווייסט ס׳וועט זיין דערווייילע נאָר פון פינף קלאַסן. דער אַראָפּ־געבראַכטער דירעקטאָר זאָגט: זי וואָלט געקענט אַריין אין זיבעטן קלאַס — וויל זי אוועקפאָרן קיין אַדעס. לאה איז קעגן דעם, זי טענהט:

— פאַרגעס ניט, טאַכטער, אַז דו ווערסט דעם ווינטער, מיט געזונט, זיבעצן יאָר. גענוג וואָס איסרן האָט די גימנאַזיע פאַרטריבן פון דער היים. און חיים האָט פון די ביכער אויסגעשטודירט פאַר אַ משוגענעם.

— אַנדערע מאַמעס, זיי האָבן כאַסלערע פאַרן צווייטן מאָן, — איז האַלטן זיי די קינדער מיט זיך און געפּטרט אַן עסק! איך ניט. נישטאָ קיין גוטער מלמד אין דאָרף — איז באַלד אַפּגעפירט די אינגלעד צוריק אין שטאָט. חיים וויל דעם גאָט אליין: „מאַטלען דעם קרומען״ (אַ גרויסער העב־רייער), — איז אין געלט קיין מניעה ניט. ווערט ער גאָר, אַ מיינע צרות אויף די שונאים׳ס קעפּ, אַ וועגעטאַריער. כ׳האָב אַ קוק געטאָן: ס׳העלפט ניט מיט גוטן, ניט מיט שלעכטן, האָב איך אים אַריינגעזעצט אין אַ קלייט מיט סחורה אָבער אַז ער האָט שוין געגעבן דער כאַנדראַ אַ האַנט — האָט עס אים געשלעפּט אין אַלדע רוחות. ערד־אַרבייט האָט זיך אים געחלומט. געלאָפן קיין אַרגענטינע, פּאַלעסטינע און געקומען צוריק אַן הויזן און קאַליע אויגן. האָט געדאַרט דער מאַמען דער קאָפּ — אים אַ נייע קראַם געעפענט, שטייט ער אויף דער שוועל — דער יאַריד ברענט! — און ער זאָרגט אַריין אין זיינע עספּע־ראַנטישע ביכלעך. „מאיז ניט גענוג לייטיש צו די גוים״ — כאַטש נעם דאָס פאַרמעגן און צוטייל זיך מיט זיי.

— זעסטו זיך, אַלע רייסן זיך איבער אַ קונה און צו חיימן קומען זיי אַליין. זיי האָבן דערשמעקט, ער גיט אַן אמתע וואָג — איז מודיע שוין איין גוי דעם צווייטן. ערלעכקייט איז די בעסטע זאַך! אין לערנען איז דער וועג דערצו! האָט רחל טריאומפירט.

די מוטער האָט אַ בטולדיקן קרים געטאָן מיטן מויל!

— ס׳האָט אַ מאָך, ווי קאַמינסקע. דאָס יאָ, כ׳זאָל איסרן ניט געוועזן

שיקן לערנען, וואלט ער עד היום געווען אין דער היים. א גארנישט פון פופצן יאר, האט ער זיך איינגערעדט: „כ'וויל נישט פארן פאנישן לערער, פארלעג־גערן דאס זינגען „מה יפות... און נאר אמעריקע וועט זיין גערעכט צו אים".
ווערט ער דארט אויסגעריסן. האט ער פאר נישט וועלן פארשטיין. אקעגן א קריסט, דארף א איד פארבייגן זיין שטאלץ. זעסט וואס עס קומט ארויס פון אייער אויפגעקלערט ווערן! — סאיז אן דיר אויך דא גענוג אויסגעשטודיר־טע עוברבטלניצעס.

דאס מאל איז רחל אויך איינגעקשנט, ווי אירע ברידער. זי וויל פון גארנישט ניט הערן, ניט וויסן. זי וועט סיי־ווי פארן לערנען, — איז בעסער זאל די מאמע דערלויבן.

טא פאר־ר ! און הלואי זאלט איר זיין די חכמים. אז מ'וועט דארפן עמיצער זאל פארריכטן א זאק — וועט מען גיין פון שטוב צו שטוב, פון אומעטום וועט מען ענטפערן: „גייט ווייטער! דא וואוינט א דאק־טערין!" חיים זאגט, די דינסטן דארפן אויך לערנען. אבער, ווי וואלט ער גע־פילט ווען איך זאג אפ חיהן און ס'וואלט ניט געווען ווער ס'זאל אים אונטער־טראגן: „א גראבע לאטקע"! אזוי ווי ער האט ליב! — ער קומט נעבעך אפ, אויסגעשריבן קאקאסעווע־בוימל... נאר פארט! גייט! טוט וואס איר ווילט! איך פארשטיי שוין גארנישט! צוליב דיר זיך אריבערגעקליבן אין שטאט, דאס העלפט אויך ניט. — איז גיי דיין וועג!

רחל איז געשטאנען מיט אן אראפגעלאזטן קאפ. זי האט געקערעוועט איר רחמנות, אויף דער פארצווייפלטער מוטער, אהין, אהער. זי האט גע־וואלט פונם רחמנות מאכן א געווער גובר זיין דעם שטארקן ווילן צום לערנען. אבער אומזיסט! דאס געווער איז ניט שארף גענוג.

— — —

זי האט שוין פארפאקט אירע ביכער, קליידער מיט פיל קלייניקייטן, און געבליבן שטיין ביים אפענעם פענסטער. עס דוכט זיך איר, די קלארע לופט קוקט אויף איר אזא דרייסטע, א שטאלצע...

מיט אמאל האט זי זיך ווי צונויפגעגאסן מיט איר: דארטן אין דער ווייטן, ווען וועסט אנזאמלן א סך בילדונג און וויסן ---- וועסטו אויך ווערן, ווי איך, אומאפהענגיק, מיט א כח צו דערמוטיקן, דערפרייען.

דער באלעגאלע „וויפטשיק" האט אריינגעשריען:

— מאדאם פרענק! נו, אייער באריש׳נע פארט?! גיכער! זיי ציטערן זיי וועלן פארשפעטיקן די באן!

לאה בויערט זיך נאך אלץ דעם קאפ: ווי רעדט מען אפ רחלען פון פארן

לערנען הייגטיקע צייטן, דאַרף מען דורכגיין א באַזונדער שקאָלע צו וויסן ווי צו רעדן אפילו מיט אייגענע קינדער. ביי אירע עלטערן — א געשריי: „כ'הייס ניט!" האָט געוואָרפן, ווי אין א קדחת. קיינער פון זייערע צען קינדער האָט ניט געסמייעט א פּיפּס" צו טאָן.

— טאָכטער, ווייסטו וואָס? נאָ דיר דריי מאָל אַזויפיל, וויפל ס'דאַרף דיר אָפּקאָסטן א יאָר לערנען, גיב עס אויס אויף איינמאָל. קויף דיר די טייערסטע, שענסטע קליידער — וועסטו כאָטש וויסן האָסט נוצלעכע זאַכן אָפּגעשפּאָרט. ס'איז מלחמה־יאָרן, אַ באַלעבאָטישער שידוך וועט ניט וואַרטן ביז דו וועסט אויסשטודירן.

אויך די מומע ענזי, וועלכע איז שטענדיק פאַרנומען מיט: „אַ קוגל ווי אַ סטעלניק", און די אַנדערע רייכע קרובים. אפילו דער קלוגער און געלערנטער סוחר ר' ישראל — האָט געמוטשעט, אויף גיך, איר ווידער דערווייזן, אז אַ מיידל, וואָס לאָזט זיך צופיל אריין אין די ביכער — קען זיך קיין חתן ניט צו־פּאַסן, און אפשט פאַרזיצט זי אַן אַלטע מויד.

זאָלן זיי זיין, ביי זיך, ווי גערעכט, נאָר אין רחלס אונטערבאַוואוסטזיין האָט געגאַגט א פּאַרדראָס: — די פרוי פאַרנעמט אזא נישטיק אָרט, עפּעס א זייטיק, אַנגעטשעפּעט קאַרניזל, וואָס וואַרפט זיך יעדן אין די אויגן, טאַקע מיט דער אומנוצלעכקייט, מיט דעם ניט אַריינפּאַסן זיך.

קאפיטל צוויי

פון זינט מ׳האט אנגעהויבן שמועסן, אז מ׳וועט באלד רופן די רעזערווי־סטן אין מלחמה, איז רחלס עלטסטער ברודער, ברוך, אוועקגעפארן קיין אדעס און מיט א פיינער ״פאליטיקע״ זיך אריינגעדרייט אין אן אמוניציע־זאוואד זיך אויסצוהיטן פון פראנט.

אויף אדעסער וואקזאל איז רחל געווען פארוואונדערט, וואס דער ברו־דער איז זי ניט געקומען באגעגענען. זי האט דעם אדרעס וואס ער שרייבט זיך איבער מיט זיי.

א בחור האט געעפנט די טיר און מיט א ביטערן שמייכל איר געענט־פערט: — אייער בורזשוא ברידער, אפילו ווען זיי הייסן שוין יא ״ארבעטער״ אבער אויסגעריסן ווערן טאקע מיר — און זיי פארן אויף ״אורלויב״ צו זיי־ערע ווייבער און קינדער.

פון קיך איז אריין אן עלטערע פרוי מיט א צונויפגעדרייט, נאס שטיק גרעט, איר פנים פארשוויצט, צעפארעט, זי האט אויף א שלעכטן, געבראכע־נעם רוסיש זיך צעשריען אויפן בחור—ער זאל שוין אנטשוויגן ווערן. און צו רחלען:

— אזא יאר אויף מיר, וואס פאר א פיינער מענטש דער גאספאדין פרענק איז. אט איז ער היינט אינדערפרי אהיימגעפארן — האט ער יעדן גע־לאזט א נדיונע, אפילו מיר — האט זי זיך פארשעמט צושמייכלט.

דער בחור איז אזש אונטערגעשפרונגען:

א ״נדיונע״! אזוינע ״דריי־סוחרים״ ווייסן שוין ווי אייך אונטערקווי־פן! אט האט ער, דער כלומרשטדיקער ארבעטער געשלאסן א געשעפט מיט די ״כאבארניקעס״ פונם זאוואד. — חזיר פאר דער ארמיי וועט ער צושטעלן!

דער בחור האט זיך צולאזט אין א צעהיצטער, לאנגער רעדע.

א־א! רחלן איז געווארן קלאר די אורזאך פון זיין כעס: מ׳האט אים אפ־געזאגט פון דער שטעלע, פונקט די וואך, וואס ער האט שוין געזאלט קריגן א העכערונג. אבער וואס איז איר ברודער שולדיק, דאס פארשטייט זי ניט.

יעדן פרימאַרגן, זיבן אַזייגער, האָט דער נאָך פון דער היים געבראַכטער ,,גימנאַזיע־הונגער'' געוועקט רחלן. זי האָט מיט זשעדניקייט געשלונגען יעדן לערערס לעקציע. צוגעהערט זיך צו די שילעריִנס ענטפערס: געציילטע לערנען זיך פלייסיק, אַ גרויסע צאָל גרייטן צו די לעקציעס — נאָר ווען זיי רעכענען, אַז באַלד וועט קומען זייער ריי צו ענטפערן. דאָס רוב שעמט זיך נישט, ווען מען באַשטראָפט זיי. ערגער נאָך: די לערערס זענען אויך ניט שטאַרק פאַראינ־טערעסירט אין דעם וויסן פון די שילעריִנס. דאָס צונויפקומען פון לערער און שילעריִנס איז גיכער, ווי אַן אָפּקומעניש, ווי עפּעס אַן אומזיניקער לאַנגווייל.

די פאַרנאַכטיקע טונקלקייט אין רחלס צימער האָט זיך ערנסט פאַר־קלערט: דאָס מיידל ווערט וואָס אַמאָל טרויעריקער. זי זוכט אַן ענטפער אין לייענען ביכער. וואָס מער געדאַנקען זי נאַשט — אַלץ גרעסער איר אומרו. איצט טראַכט זי: — אָט איז זי אין אַדעס שוין צוויי חדשים, לערנט, לייענט, גייט צו לעקציעס, טעאַטער, אָבער ווען דאַוויד זאָל רעדן מיט איר, וואָלט ער זי געפונען פונקט אַזוי ניט געענוג אַנטוויקעלט, ווי ביי זייער ערשטער באַקאַנט־שאַפט. זי ווייסט ניט: צי די אַלע זאַכן און דערשיינונגען האָבן ניט קיין טיפ־קייט, צי מ'דאַרף אַליין זיין אַנדערש, מיט אַ ברייטערן פאַרשטאַנד, צו אויפ־נעמען עס. דאַוויד שרייבט איר, אַז ווי נאָר זיין פאָטער וועט געזונט ווערן, וועט ער קומען קיין אַדעס.

ווען ליזאַ, רחלס חברטע איז געקומען פון באַלטע, האָט זי, ווי אַ חסיד, וואָס האַלט אין איין דערציילן מופתים פון זיין רביץ, געהאַלטן אין איין לויבן דאַווידן. זי האָט קיין זאַך ניט אַרויסגעלאָזט וועגן אים. זיין אויסזען: ''רוימיש, קלאַסיש'', זיין אַרט רעדן. ''די משפחה איז זייער אַ קלוגע, אים רופן זיי: ,,מיטן גראָבן פינגער'' פאַר זיין איבערשפּיצן זיי אין חכמה. געלערנט, זיך אַנגעלייגנט ווי אַ פויק. קאָן די פּאָליטיק פון דער גאָרער וועלט ווי זיינע צען פינגער. אויף זיין עצה, האָט דער פעטער נאָך אין אָנפאַנג מלחמה אָנגע־קויפט זאַפּאַסן סחורות. אַצינד גילט מען זיי אָפּ פאַר יעדעס פּיצעלע. דאַוויד האָט אַוועקגעשיקט זיינע פּאַפּירן אין אַדעסער אוניווערזיטעט, ער וויל אויפ־נעמען מאַטעמאַטיק. זיין ברודער האָט געענדיקט פאַר צייך־דאַקטער. אַלע קור־

זינס האבן העכערע בילדונג. זיי זאגן: „דאוויד איז ווי באַשאַפן די קאַמפּלי־צירסטע, פילאָזאָפישע פאַרנעפּלקייט קלאָר אויסצואוויקלען״. ער האָט ליב גע־האַט א קריסטן, — א שיינהייט, אבער לסוף באַשטימט ס׳איז ניט פּאר אים— איז ארויסגעוואָרפן פון הארצן, ווי קיינמאל גאָרנישט געווען.

איינמאל, א פאַרנאַכט, איז רחל געקומען צו ליזען און געטראָפן דאָרט צווישן אייניקע פון דער שטעטלדיקער אינטעליגענציע א פרעמדן אין א רייכן גרויען אַנצוג. אַן אריסטאָקראַטיש אַליוו פּנים מיט קלוגע צוויי אויגן. זי האָט אַלעמען דערלאַנגט די האַנט און אַז ס׳איז געקומען צום אומבעקאַנטן האָט זי אים געפרעגט:

— איר זענט דאוויד.

ער האָט א דורכדרינגנדיקן קוק געטאָן און דריקנדיק איר האַנט געענ־טפערט: — יאָ, און איר זענט עס רחל?

הם־ם, האָבן רחלס ביידע חן־גריבלעך פון קין און באַק צוגאָסן זייער חן איבערן גאַנצן פּנים. זי האָט געשמייכעלט פון אַנקוועלן אויף ליזעס פעהיקייט: ווי זי קען דאָס אַפּמאָלן אַ מענטשן! א שטריכעלע, א פּינטעלע זאָל פעלן! און דאָס האָט זי, שוין, דאָ צונויפגעבראַכט די אַלע, זיי זאָלן הערן וואָס פאַר אַ ״געלערנטער־חכם״ איר קוזין איז.

אָבער ס׳האָט אויסגעקוקט, ווי איטלעך מאָל וואָלט די קורצינקע, שיינע ליזע מיט די גרויסע בלויע אויגן און געקרויזלטע הערלעך, אַ ציגעטאָן ניט דאָס ריכטיקע שטריקל. — אלע זענען שוין אריין אין דער דיסקוסיע, נאָר ניט דאוויד. ער איז געזעסן א לעבעדיקע „עטיקעטע״, וואָס שלאָגט נישט איבער יענעמס רייד.

מ׳האָט גערעדט פון די נביאים: אַז זיי האָבן געלעגט דעם פונדאַמענט פון דער וועלט־קולטור. וואָס איז רעליגיע און פילאָזאָפיע?

צוויי שטונדן האָבן זיי זיך געשפּאַרט און געאַמפּערט, אַז ניט דורכן רעאַליסטישן דענקען, נאָר דורך מיסטישער פאַרטיפונג קאָן מען באַנעמען די געהיימנישן פון מענטשליכען וויסן.

מיסטיציזם איז ניט א פאַרבלענדעניש!

דער סטודענט פּאַמעראַנץ האָט געבראַכט ביישפּילן פון ה. ספּענסערן אַז מיסטיציזם איז אַן אַפּנאַרעריי! א פיקציע!

אַלעמענס רייד זיינען אויסגעשעפּט געוואָרן. מיד געוואָרן זיינען אַלע־מענס מוחות.

אַט האָט דאַוויד, אויף אַ רוהיקן אופן, ווי פון אַ קנײלעכל אָפּ־געוויקלט, איינס נאָכן אַנדערן עמיצנס פריער אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען. ער האָט ניט אַראָפּגענומען אַ פּעדימל. בלויז צוגעלייגט זיין אייגענע מיינונג און עס אומגעקערט וועמען עס באַלאַנגט.

ער האָט אַריינגעפּירט אין ספּענסערס גרענעצן פאַר דער מענטשלעכער דערקענטעניש. ער ווייסט אין וואָס דאַרווין און מאַרקס שטייען הינטערן איינ־פלוס פון ספּענסערן, אויך זייער מיינונג פאַרשידנקייט. ער האָט אויך דער־קלערט ספּענסערס פילאָזאָפיע וועגן צוקונפטיקן מענטשן, וואָס דאַרף ערשט גע־שאַפן ווערן.

אַלע האָבן געשטוינט פון דאַווידס קלאָרן שכל, אויסגעהאַלטענער לאָגיק.

— — —

א לויטערער פרימאָרגן. רחל האָט געקלערט: נעכטן, דער זעקסטער אָוונט ווי דאַוויד צייכנט זיך אויס, יעדעס מאָל, מיט אַן אַנדער געשפּרעך. זי קען זיך ניט אָפּוואונדערן פון דער פאָרם און אָריגינעלקייט פון זיינע גע־דאַנקען, אַזוי אָפּגעמאָסטן און פאַרגאַנצט.

זי האָט זיך עטוואָס דערשראָקן: זי זאָל גאָר בעתן צוגרייטן די לעק־ציעס טראַכטן פון עמיצן.

זי האָט אַ ציטער געטאָן פונם דורכגעבליצטן געדאַנק: "ווען זי פאַר־ליבט זיך אין אים?" און אויף דער זעלבער רגע האָבן אירע פאַררייסענע אויגן אויסגעלייענט אין טיף־בלויען הימל אַן ענטפער — „וואָלסטו געווען אַ פאַר־ליבטע, — נאַר".

זי האָט אַ באַוועג געטאָן מיטן קאָפּ, ווי אָפּצוטרייבן עפּעס און ווידער געלערנט. אָבער שפּעטער מיט אַ שטונדע איז זי געווען זייער צופרידן, וואָס איר לערער איז גראַד אַוועקגעפאָרן. זי האָט גיך געשפּאַנט איבער דאָ אין דאָרט זיך וואָלגערנדיקער שטרוי, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון די גויאישע פּירלעך, צוליבן יאַריד־טאָג זענען די גוים געקומען אין שטאָט אַריין. סוחרים דרייען זיך אַרום, טאַפּן די קלומקעס. רוקן דעם „שטשופּ" אין די זעקלעך, לעקן פון די זשמעניס. שלעפּן די גוים צו זיך אין די קלייטן אַריין. שטשופּן אַן פאַפּשויענע מעל און שטופּן עס צום קונה: זי ווייסט שוין וואָס זיי וועלן. זאָגן. — „נאַ פאַרזוך אומיסטן — וועסטו זען ווי זיס סאַיז, אַן אַ טראָפּן פאַרנילייעטקייט, אָדער ביטערקייט". ביי ר' ישראלן האָט זיך צוגעקלעפּט אַ ביסל מעל צו דער שפּיץ נאָז. אידן שמייכלען מילד קוקנדיק אויף רחלס שמייכל.

מ׳דינגט זיך מיט די חזירניקעס איבער א האלבער קאפיקע אויפן זעקל, סווערט ניט גוט צו קוקן. מ׳שלעפט זיין האנט און מ׳האלט אין איין צוקלאפן, צו דערלעבן צו הערן: וויפיל פארט?! איינס, צי צוויי זעקלעך דארף ער?!

דער גוי קראצט זיך פאוואלינקע אונטערן היטל און קוקט אריבער צו דער אנדערער קראם:

— כ׳וועל נאך דארט א פרעג טאן.

רחל ווייסט ניט אויף וועמען א גרעסערער רחמנות: אויפן פויער, וואס פארשטייט ניט אז אזוי האנדעלט מען נישט, אדער אויף די אידן, וואס דארפן מיט זיי אזוי האנדלען.

זי איז איילנדיק ארויף די פאר טרעפלעך און א פארסאפעטע אריין צו ליזען: — גוט מארגן! דאס קינד איז היינט פריי פון חדר. קומט צוזאמען פראוועז א יום־טוב! עס מעג זיין א שיפל, א וואלד, וואס איר ווילט.

— אין וואלד! אין וואלד! האט דאווידס פנים אויפגעלויכטן און א משונה־נארישן אויסדרוק געקראגן.

רחלס אויפגערעגטקייט האט זי באלד אפגעטיילט פון זיי. זי איז אריין אין דער טיפעניש פון וואלד. דינע פאסיקלעך זון־ליכט האבן דורכגעלויכטן די בוימער, זי האט זיי נאכגעקוקט און ווי נאכגעשמייכלט: דאווידס קורץ־וויליקער, נארישער אויסזען טרעט ניט אפ פון איר.

ליזעס פלוצלימדיק קול האט זי דערשראקן. זי פארוואונדערט, ווען יענע האט איר געזאגט, אז זיי האבן, די גאנצע צייט, געהאלטן אין איין אהור־קען צו איר.

ליזע האט זיך צוגעבויגן: דאוויד איז אויך אוועק דיך זוכן, ער זעט אין דיר „א קלוגע, מאטעמאטישע אויסרעכענונג״. ביי אים איז מאטעמאטיק זיין אידעאל, — פארשטייסט, דו שלאפנדיקע פרינצעסן, וואס דאס מיינט?!

רחל גלויבט ניט דעם אנווינק, אבער די בלימלעך אין אירע הענט האבן גענומען וואקסן אין איר גופא.

דאוויד איז צוגעקומען מיט א טיפער פילאזאפיע וועגן זעלבסטאנא־ליז און זיך פארפלאנטערט אין זיין אייגענער אומקלארקייט. אפגעריסן א צווייגל און מיט עפעס א באהיינדיקן שמייכל עס אויסגעשטרעקט צו רחלן.

ליזע האט א כאפ געטאן דאס צווייגל און גענומען רייסן די בלעטלעך.

— ליב, — ניט ליב, א שפיי טאן, א קוש טאן — צום הארץ דריקן, — צום טייוול שיקן... — כא! כא! „צום טייוול שיקן״!

זי האָט זיך געלאָזט לויפן אַרויסן וואַלד אויף די לאַנקעס, און זיי נאָך איר. דאָרט האָבן זיי אויפן הויכן גראָז אויסגעשפּרייט אַ טישטעך, אַרומגעוויקלט פיר שטיינער מיט גרויסע בלעטער און אַרומגעלייגט דאָס טישטעך, דער ווינט זאָל עס ניט הייבן צוזאַמען מיט זייער מיטאָג.

— — —

פּאַרנאַכט איז ליזע מיט דאָווידן געזעסן אויף דער סאָפע ביי רחל'ן אין צימער און זי אַנטקעגן אויף אַ שטול. יעדערער צופיל פאַרקלערט צו באַמערקן דעם אַנדערנס שוויגן. סיי־ווי איז עס ניט צום אַרויסזאָגן וואָס זיי ווילן, אפשר ווייסן זיי גאָרניט וואָס זיי ווילן. מיט אַמאָל האָט זיך ליזע צולאַכט:

— רחל ביסט אייפערזיכטיק, וואָס כ'בין אַזוי נאָענט מיט דאָווידן.

אים האָט עס אַ ביס געטאָן:

— אייפערזיכטיק קענסטו זיין! ווייסט גוט, אַז איך בין געקומען נאָר אויף דריי טעג, און פאַרשטייסט גאַנץ קלאָר פאַרוואָס איך האָב זיך פאַרהאַלטן ביזן קריגן אַ דעפּעשע פון דער היים.

זיי ביידע טענהן זיך אויס, און אין רחלס בלאַס פּנים ווערט אַלץ געדיכטער די רויטע פאַרב. זי האָט פאַרשטעלט מיט די הענט אירע באַקן: אַזוינע מוסרים!

ס'איז איר געקומען אויפן געדאַנק איר ברודער חיימס דערציילן וועגן אַ געוויסן מין ברואימלעך אין פּאַלעסטינע, וועלכע בייטן דעם קאָליר לויט דער פאַרב פון דער זאַך אין וועלכער זיי געפינען זיך. זי וואָלט וועלן ווערן עפּירנע, ווי דער דופט פון די בלומען, וואָס דאָוויד האָט פאַר איר אָנגעריסן.

אַ קלאַפּ אין טיר. מ'איז געקומען רופן ליזען — ממש אַ מצוה געהאַט.

דאָוויד האָט זיך איבערגעזעצט אויף אַ שטול לעבן רחלן:

— אַנטשולדיקט מיר מיין נישט שיין האַנדלען. אייער קאַרמזין פּנים האָט מיר געזאָגט, אַז איר זענט אויך ניט רוהיק. צו איר האָב איך געמוזט אַזוי רעדן. זי איז אַ וואויל מיידל, נאָר צופיל אַ פאַנטאַזיאָרקע. ווען זי איז געווען ביי אונז האָט זי מיך דערפירט צו דערציילן איר זאַכן, וואָס מען וויל אַמאָל מיט זיך אַליין ניט טיילן.

„איר ווייסט וועגן קריסטלעכן מיידל. — כ'בין געזעסן פאַרטיפט אין אַ בוך. פּלוצים האָט אַ זייער אַנגענעם קול מיך אויפגעהויבן פון אָרט און גע־

פירט פון צימער צו צימער — ביז אין קיך אריין. כבין געבליבן שטיין א פאַר־גאַפטער: דאָרט האָט גערעדט איינע, וואס איז געקומען פאַר א דינסט צו מיין שטיפמוטער.

דאַוויד האָט פאַרצויגן דאָס רעכטע אויג, פאַרבויגן דעם קאָפּ אויף אַ זייט און זיין צונג האָט מייסטעריש געמאָלן אַ פּאָרטרעט פון אַ בלאָנד רוסיש מיידל. רחל האָט געפילט: אַ ווילד פרעמד וועזן פון לויטער און פרייד האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן זיי ביידן.

ווי מיט א פאַרהאַלטענעם זיפץ האָט ער ווייטער גערעדט:

— זי האָט געדינט ביי אונז. איך האָב זיך געחדושט אויף איר פיין פיליקייט. אַ קינדישע צוגעבונדנקייט, אַ פאַרטרוילעכע פריינטשאַפט. אַ מאַמי־שע געטריישאַפט. איך האָב זיך געניטיקט אין דעם.

„סהאָט אנגעהויבן נאָגן דער וואָרים פון סאָציאַלער אָרדנונג. — ציסט צופיל אין דעם שטריק מיט וועלכן ביסט צוגעבונדן צו דיין געזעלשאַפט. כהאָב שוין געזאָלט עס לאָזן זיך איבעררייסן. פאַרשטאַנד, ערנסטקייט האָבן זיך אָפּ־געטאָן פון מיר. כ׳האָב אפילו געזען שיינקייט אין דערהויבנקייט, וואס די נאַ־איווע פלעגט ברענגען, יעדן זונטיק, פון דעם גלחס פּרעפּלען אין קלויסטער.

„איין טאָג: מיט איר מילדן שמייכל וויל זי מיך איבערצייגן, אז איך בין ניט קיין איד, ווי יענע זשידעס, וועגן וועלכע דער גלח האָט דאָס ערגסטע געזאָגט. זי צלמט זיך, זי וויל אפילו ניט הערן וועגן מיין ענגן שייכות מיט אַלע אידן. „דו פּאַניטש מיט דיינע אייגענע און באַקאַנטע האָט איר גאָרנישט קיין געמיינשאַפטלעכס מיט די זשידעס!״. בעתן וועלן זי איבערצייגן, אז רע־ליגיע מאַכט דעם מענטשן פאַר אַ בלינדן שקלאַף צום קלויסטער, — האָבן שנאה אַנגעפּילטע אויגן מיך געוואָלט דורס זיין. דאָס בלינדע גלויבן איז אויס־געוואַקסן צוזאַמען מיט איר.

„דורך דערקלערן איר שפּינאָזעס פילאָזאָפיע, אַז גאָט און נאַטור זע־נען איין אומצוטיילבאַרע זאַך. דער אומזין צו גלויבן — אז אַ גאָט, וואס דאַרף זיין דער מוסטער פון העכסטער גערעכטיקייט, זאָל וועלן, אז מענטשן זאָלן דורות לאַנג—נעמען נקמה דורך שנאה, בלוט־פאַרגיסונג. וועגן די נביאים, וועגן קריסטוסן: ווי שרעקלעך מען האָט פאַרקריפּלט זיין גרויסע, אוניווערסאַ־לע ליבע צו דערהייבן דאָס מענטשלעכע אין מענטשן.

רחל האָט זיך פאַרקלערט: אייניקע דענקען אַז יעזוס האָט פאַרראַטן דאָס אידישע פאָלק. לויט דאַווידן האָט די מענטשהייט פאַרראַטן יעזוסן. ווער איז נאָענטער צום אמת?

דאוויד האט געוואלט זיך באהערשן, נאר ניט געקאנט איינהאלטן זיי־נע רייד.

„דער שטאטישער גלח, האט זי געזאגט, איז א שלעכטער מענטש, אז איך וועל פארן אין דארף — וועל איך גיין אין קלויסטער. אונזער גלח, זאגט טאקע: אז אלע מענטשן זענען ברידער". מיין פרייד, זי איז א פיינער, רויער מאטעריאל. מיטן באקענען זי מיט די ערשטע פיזיאלאגיע־פרינציפן און מיט די עלעמענטארע פסיכאלאגישע אמתן — קען מען זי איבערדערציען זי זאל ווערן אן עכטער און רייפער מענטש, איז געקומען די שרעק פון נאציאנאלע־אנ־דערשקייט. איך וועל דארפן קעמפן מיט מיין נאציאנאל־פאנאטישער פרוי, — מיט א געטויפטער פאלאגעיע. זי וועט שטענדיק זיין די ליידנדיקע, און אפשר וועל איך אויך דערשפירן די נאציאנאלע קאנטראסטן.

מיט א פארגליווערטער אומעט האט ער געקוקט אריבער רחלן, עפעס, ווי דארט אין דער הויך וואלט זיך דאס העכסטע געזעגנט מיט אים.

ראפטאם א גלעט געטאן רחלס האנט:

— בלויז עטלעכע טעג — און סאיז געווארן ווייטע פארגאנגנהייט. א שיין וואלד מעשה׳לע, לעגענדע.

רחל איז פיינליך גערירט געווארן. זי האט זיך צוגעבויגן צו זיין שטערן און מיט מיטגעפיל א קוש געטאן.

זי האט זיך אזוי אומשולדיק דערקלערט איר קוש. עס איז אבער אויך געווען די פרייד, זיג איבער „יענער".

דער סטודענט פאמעראנץ איז געקומען. דאוויד האט זיך געזעגנט. ער האט נאך געדארפט א סך געשעפטן דורכפירן. ער מוז מארגן פארטאג אהיים־פארן.

אויפן דריטן טאג האט רחל געקראגן פון אים א בריוו:

ער האט איר געשריבן וועגן פיל אומבאקוועמקייטן ביים ארויספארן. די „געזעץ־היטערס" האבן אים געלערנט, ווי מ׳גיט וואס מער „כאבאר". זיי האבן אים געזידלט „קארגער זשיד" און אליין געדונגען זיך ערגער פונם ערג־סטן ביי זיי „זשיד". זיין בריוו פארענדיקט: "עס בענקט זיך נאכן פאר־לאזטן שטעטל."

זי האט זיך געזוכט אין דאווידס וועלט, אבער אנגעשלאגן זיך אין משונהדיקע צווייפלן. שוין זייענדיק אין אדעס האט זי אים געענטפערט א בריוו, ווי זי וואלט געווען זיין בלויז א ווייטע באקאנטע. און איצט קוקט זי ארויס אויף אים.

קאַפּיטל דריי

אַ חוץ איין שילערן פון גימנאַזיע מיט וועמען רחל האָט זיך באַפריינט האָט זי אַפילו ניט געטראַכט פון קיין אַנדערע באַקאַנטשאַפטן. זי האָט געשפירט אַ ניט קלאָרן געדויש ארום זיך, אַ פאַרטויבטן גערּאַנגל אין גרויסן ארום און געזוכט אַן ענטפער.

שוין עטלעכע מאָל האָט זיך אין ביבליאָטעק געזעצט אויפן צווייטן בענקל איינער אַ בלאָנדער בחור און אויסגעשריבן פון פאַרשידענע ביכער.

איין טאָג, גייענדיק אַהיים, האָבן זיך זייערע בליקן באַגעגנט. זיי האָבן ביידע אַ שמייכל געטאָן, און גוסטאַוו פעלדמאַן האָט זיך איר געגריסט אַראָפּ־נעמענדיק זיין היטל:

— איך גלויב, אַז די ביכער פון ביבליאָטעק האָבן אונז שוין פאַר־געשטעלט און איך מעג זיך נעמען דאָס רעכט צו רעדן צו אייך.

ער, עטוואָס העכער פון מיטלוואוקס. זיינע בלויע אויגן מיטן מילדן אויסדרוק אויף זיין פאַרברוינט פּנים זאָגן עדות: אויף אַ פיינער־דענקענדיקן מענטשן. זיין רעדן געפעלט איר.

— איך רעכן אויך אַזוי, האָט רחל אים געענטפערט.

פון יענעם טאָג אָן זענען זיי אָפט געגאַנגען צוזאַמען פון ביבליאָטעק ביז רחלס הויף.

שוין אַ פּאָר מאָל איז גוסטאַוו אַריינגעגאַן זי רופן. אַ שבת האָט ער איר פאָרגעלעגט צו גיין אין קינאָ „אוראַניע״.

— דאָרט דערקלערט יעדעס מאָל אַ פּראָפעסאָר די בילדער.

רחל איז גערן געגאַנגען מיט אים. ער איז איר זייער געפעלן: אַ געביל־דעטער, אינטעליגענטער און ערנסטער בחור. נאָר צאָלן פאַר איר וועט זי אים בשום אופן נישט דערלויבן.

אויף גוסטאַווס פּלייצע זענען געווען אויסגעהעפט אַכזריותדיקע צייכענס, פון בעת די צאַריסטישע כוליגאַנעס האָבן געטריבן די פּויליש־אידישע היימלאָזע פונעם פּראַגע געביט. זיין צעווייטיקט האַרץ האָט צאַרנדיק געזאָדן פאַר זיין פאָלק. ער האָט געזאָגט צו רחלען:

— אין די פּוילישע שטעטלעך איז די אידישע יוגנט ערנסטער, מער אידעאַליסטיש געשטימט. אין אָדעס האָב איך זיך אָנגעשלאָגן אין אַ גרויסער

פוסטקייט. אָבער סוף־כל־סוף האָט זיך מיר איינגעגעבן צו געפינען באַוואוסט־זיניקע בחורים און וואוילע מיידלעך. אייניקע דאַרף מען בלויז אַרויספירן אויפן ריכטיקן וועג. — וועלן זיי שוין זיין אויף אַ לאַד.

זי האָט אים שטענדיק אויסגעהערט מיט גרויס אינטערעס. זיין שכל־דיק רעדן האָט איר דערמאָנט אין דאַווידן: וועט איר לילעפּוטן־נשמה דער־וואקסן צו דער מדרגה צו באַטראַכטן זיך ווי דאַווידס גלייכן?

רחל איז געקומען מיט גוסטאַוון צו זיינעם אַ באַקאַנטן. אַ טומלדיק געריידּ פון בחורים און מיידלעך איז אַריבער צום דערפרייען זיך:

— גוסטאַוו! פעלדמאַן! גוסטאַוו!

ער האָט זיי פאַר פאַרגעשטעלט רחלן און צו איינעם אַ סטודענט זיך א ווענדע געטאָן: — אַט איז דער מענטש!

— זיסקינד, האָט זיך יענער אָנגערופן און דערלאַנגט רחלן ביידע הענט. — איינע צו דער פרייליין פרענק, און מיט רחלן דערלויבט מיר צו גריסן זיך מיט דער לינקער האַנט.

רחל איז צעטומלט געוואָרן: איז זי איצט דען ערגער, ווי תמיד, וואָס דער שטענדיק טאַקטישער גוסטאַוו האָט זי אַזוי מאָדנע פאָרגעשטעלט? און דער לץ, אַן אַנגענעם פּנים האָט ער, וויצלט זיך אויף איר חשבון.

דאָך זענען אירע אויגן ווייך געוואָרן און זי האָט אים אויך אויסגע־שטרעקט ביידע הענט.

פון אַ ווינקל האָט זיך דערהערט גוסטאַווס קול:

— חברים און חברטעס, עס פרייט מיך זייער, וואָס יעדעס מאָל באַ־מערק איך צוקומען נייע פריינט צו אונזערע קורסן. מיר בונדיסטן דאַרפן זיך ניט שרעקן, וואָס דאָ זענען מיר קליין אין דער צאָל. בכלל זענען מיר אַ פּאַר־טיי און ניט בלויז אַ קרייזל. אָבער יעדער גרופּע מוז זיך אָנשטרענגען צו פאַר־מערן דאָס וויסן. — די שטאַרקסטע קראַפט אין אונזער פּאָליטישן קאַמפן. איין קליין גוט אָנגעשריבן ביכעלע קען געלייענט ווערן פון מיליאָנען מענ־טשן. מ׳דאַרף שיקן אונזער שטאַרקסטן רוף צו אונזערע ברידער, שוועסטער אויף דער גאַרער וועלט.

רחלן איז געווען פרעמד דאָס וואָרט „בונדיסטן״. זי האָט זיך פאַר־קלערט: וואָס איז דאָס אַזוינס? זי האָט געהערט ווייטער און באַלד געלאַכט פון זיך: ווי אומוויסנדיק זי איז! זיי זענען סאָציאַליסטן. זיין פליסנדיקע שפּראַך רופט צו אַזוינע שיינע אידעען. אַט דאָס האָט ער אַזויפיל געשריבן

אין ביבליאָטעק. ער האָט דאָרט צוגעגרייט די רעפעראַטן. ווי מייסטערהאַפט ער רעדט וועגן די פראַנצויזישע רעוואָלוציעס! וואָסערע איינצעלהייטן! וואָס פאַר א זעלטענער אויסדרוקס־קראַפט! — עס וואַקסן פּיראַמידן פון די פון דורות לאַנג פאַרקנעכטע, באַ׳עולה׳טע דורכן אַדל, דורכן צאַריזם, פּריצים, קאַ־פּיטאַליסטן. און פאַקטישע ביישפּילן האָט ער נאָך, דאַכט, פון איידער די וועלט האָט זיך אָנגעהויבן.

אַ מיידל האָט געפרעגט:

— מיט וואָס דערקלערט מען אונזער אָפּט זיך ווענדן צו די פאַרצייי־טיקע אידעען?

גוסטאַוו:

— לויט בערן, פילן מיר די גייסטיקע נאָענטקייט פון די גריכן (אפילו פאַר קריסט. געב.) ווייל אויך זיי האָבן געהאַט זייער אַלטערטום און זייער מיטלאַלטער. און מיר דאַרפן וויסן, אַז יעדער דענקער האָט דאָס רעכט צו באַ־טראַכטן זיין צייט, אַלס דעם פּעריאָד פון דער נייער צייט. דערפאַר גלייכן זיך אַמאָל אויס יענע אידעען און אַנשויאונגען מיט אונזערע.

נחמן, אַ קליינוואוקסיגער בחור פון איבער צוואַנציק, אין אַ גימנאַזיסט־יש היטל אַראָפּגערוקט אויף הינטן, דער ציווילער אַנצוג ניט איבעריק גאַנץ, האָט געזאָגט מיט איבערצייגונג אין זיין שטים:

— גראָד אין פּרימיטיוון לעבן איז אָפּט געווען מער גייסטיקייט, ווי אין אונזער נייסטער צייט.

זיסקינד איז האַסטיק אויפגעשפּרונגען. רחלן איז אַזש א ווינט דורכ־געלאָפן.

— לעצטענס איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין דערפער ארום אָדעס, כ׳האָב א פרעג געטאָן איינעם א פויער: „אייך אינטערעסירט גאָרניט צו וויסן וואָס משרייבט אין די צייטונגען?‟ האָט ער אויף מיר א לאַנגזאַמען קוק גע־טאָן: „כ׳האָב געהערט שוין ניט איינמאָל לייענען דעם ליגן. אונזער קיסר שרייבט אויף וויפל מ׳האָט אָפּגעשטויסן, און וויפל מענטשן פאַרלוסט דער שונא האָט. און דער שונא שרייבט אויך דאָס זעלבע‟ — האָט ער א גלייכגיל־טיקן מאַך געטאָן מיט דער האַנט. „פון ד׳י אַלע וואָס מען האָט צוגענומען אין אונזער דאָרף — איז קיין איינער צוריק ניט געקומען. קומט מיט מיר, כ׳וועל אייך פירן פון שכן צו שכן: אין דער ערשטער שטוב וועט איר באַגעגענען אַ מיטל־יעריקע פרוי. יסורים האָבן פון איר געמאַכט אַן אַלטע באָבע. פון זינט

זי האָט געקראַגן דאָס קעסטל מיט די פּאָר זאַכן, וואָס דער זון האָט געבעטן, אַז נאָכן טויט זאָל מען עס אַפּשיקן זיין מוטער — זיינען אירע אויגן אויסגע־לאָשן געוואָרן — פּאָר איר לעבט שוין מער קיין זאַך און קיינער נישט.

„אין דער צווייטער שטוב וועט אייך אַנטקעגנלויפן אַ פלאַטערנדיק, אויפגערעגט קול פון א יונג ווייבל — הערט זיך בלויז איין ווי איר קול ראַנ־געלט זיך אין טרויער — אויב איר זענט ניט געקומען מיט דער דערוואַרטער גוטער ידיעה פון איר יונגן מאַן.

„עפנט נאָך א טיר: פאַרחושכטע קינדער וועלן זיך, ווי ווערים, ארומ־קלעפן ארום אייך: „טאַטע! טאַטע!" איבערן גאַנצן הויז סווישטשעט די נויט. —די מאמע איז אוועק פאַרדינען אויף ברויט. ווער ווייס אויף אַ וואָסערן אופן."

א וויכוח, צי קריג איז פאַרמיידלעך, האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט.

אין רחלן האָט געוואונדערט: וואָס פאַר אַ פיינע באַקאַנטשאַפט! ווי שיין זיי טראַכטן. זיי קריטיקירן שאַרף איינער דעם אַנדערן און אַן פאַרביטערונג, ווי איבערגעגעבן זיי זענען צו דעם וואָס זיי זוכן. צוליב דער פאַרבעסערונג פונם מענטשנס מצב זענען זיי גרייט זיך מפקיר זיין!

— — —

שוין נאָך איינס אַזייגער. די לבנה האָט א פול מויל מיט זילבערנער פרייד. גוסטאַוו איז געגאַנגען אהיימפירן רחלן. ער איז אַזוי געווען פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען, אַז זי האָט געמיינט ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן וועגן איר. פּלוצים:

— רחל, איר וועט וועלן קומען יעדן דינסטיק צו אונזערע לעקציעס?

— הלואי זאָל מאָרגן ווידער ווערן דינסטיק. כ'בין טויט פרעמד אין די אַלע סאָציאַלע ענינים. כהאָב זיך גאָר קיינמאָל נישט פאַרטראַכט וועגן די אַלע געזעלשאַפטלעכע פראַגעס. זעט איר אין אַנטיטעאָלאָגיזם בין איך ניט אַזוי פאַראינטערעסירט. — כהאָב זיך שוין גענוג אָנגעהערט פון מיין מיטלסטן ברו־דער, ער איז אַ וועגעטאַריער. און פון מיין באַקאַנטן דאַוויד פערעלמוטער, זייער אַן אָנגעלייענטער בחור. אַ סטודענט, ער וועט אין גיכן קומען. איר ביידע באַ־זיצט אַ פעהיגקייט צו אויסצולערנען יענעם די הויפּט סודות פון א תורה אויף איין פוס. אפשר אַ דאַנק אייך ביידן — וועל איך נאָך אויך ווערן אַ שטיקל למדן. האָט רחל זיך צעלאַכט.

גוסטאַוו (נאָך קיינמאָל ניט אַזאַ אויפגעלעבטער) האָט אָנגעכאַפּט דאָס גאַרטעלע פון איר מאַנטל:

— רחל, לאָמיר לויפן ביז אייער הויף!

פריילעך האָט געפּאַטשט דער שאָסיי! פּלוצים, און גוסטאַוו האַלט אָפּ רחלען. זיינע ליפּן שעפּטשען ערנסט:

— אויף דער אַנדערער זייט גאַס, איר זעט דאָרט די צוויי ארויסגע־קומענע אַפּיצערן. — איז שטרענגט אַן אייער בליק אויף זיי, זיי זאָלן אויס־דרייען זייערע פּנימער צו אייך. — כדאַרף עס זייער נויטיק.

זי האָט געטאָן, ווי ער האָט איר געהייסן און איז פאַר אַ רגע פאַרגלי־ווערט געוואָרן: ביידע אַפּיצערן האָבן אויסגעדרייט זייערע קעפּ אין איר זייט, ווי לויט אַ באַפעל נאָך, און געשמייכלט צו איר מיט זייערע מיט שיכרות אָנגע־גאָסענע צעקנייטשטע פּנימער.

גוסטאַוו האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט: אַן אומבאַמערקטער צו פאַרגעדענקען זייערע געזיכט ־ שטריכן, און געשווינד אַוועקגעצויגן רחלען מיט זיך.

זי האָט געשטוינט:

— וואָס איז עס אַ האַלוצינאַציע, צי אַן איינגעגעבענע נאַרישקייט?

— כוויס אויך נישט! האָט גוסטאַוו אַ גיכן ציגעטאָן זיין לינקן אַקסל, און אַ געדאַנק האָט ווי עפּעס אַ שפּראַץ געטאָן פון אונטער זיין שטערן: — איי־ערע אויגן פאַרמאָגן טאַקע אַ באַצווינגענדיקן כח.

זי האָט האַסטיק אויסגעדרייט צו אים איר פּנים מיטן „אינדיווידועלן חותם" (ווי דאַוויד האָט זיך איינמאָל אויסגעדרוקט). נאָר גוסטאַוו האָט אַ בייג אַראָפּגעטאָן דאָס דעכל פון איר הוט:

— ניט אַלעס איז געזונט צו שמעקן.

רחל האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט:

— איר האָט מיך דערשראָקן, כהאָב געמיינט איר האָט דערזען מיין קלאַסנע־דאַמע — האָט איר מיך אויף אַזאַ אופן פאַרשטעלט. ווען איך האָב דערהערט, אַז שוין אַריבער צוואַנציק יאָר שפּילט זי אַזוי מיט איר קעצישער צורה, האָב איך אַ „הי"! געטאָן — און אונזער קלאַס איז געבליבן אַן אַי־בערייס. דערפאַר בין איך אויף צען איילן פרומער געוואָרן, דעם גימנאַזיסט־ישן הוט ניין אַזייגער געלייגט שלאָפן, און איידער ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן בין איך ניט צוגעקומען צו מיין הויף. — דער בחור וועט זיין אַן עדות.

גוסטאַוו האָט פרייליך אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויפן האַרצן:

— איך שווער ביי דער „חברטע פון פאַרשטענדעניש״!

— — —

אונטער דער ווירקונג פון גוסטאַווס דינסטיקע לעקציעס מיט די שפּע־טערדיקע דיסקוסיעס, איז רחל שטאַרק ערנסט און אויפגערעגט געווען, וואָס די גאַנצע לעקציע פון פּסיכאָלאָגיע לייענט דער לערער פון ביכל אַרויס.

ער האָט פאַרענדיקט: „ווי אַבסורד איינער זאָל ניט רעדן, איז עס פון־דעסטוועגן אוממעגלעך אַז איין וואָרט מיטן אַנדערן זאָל קיין שום שייכות ניט האָבן.״

אייניקע האָבן זיך אָנגערופן: „אין מיין בלעבלען וועט זיך קיין איין וואָרט ניט בינדן מיטן צווייטן״.

דער לערער האָט לייכט אַ שמייכל געטאָן און פאַרגעסן, אַז דאָס רעדן צו אים זיינע שילערינס. רחלס בענקעל האָט זיך אַזוי צוסקריפּעט, אַז אַלע האָבן זיך אויף איר אומגעקוקט. נאָר זי איינע האָט גאָרנישט געהערט, ניט געזען! ניט אומזיסט זעטיקט זי ניט די גימנאַזיע, ווי צו לעבן נוצלעך לערנט מען ניט און צו פאַרשטיין מענטשנס ליידן אוודאי נישט.

אונטער איר בלייכער הויט האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ דערשראָקן געל־קייט, ווי ביי אַ גנב, ווען מהאָט אים געכאַפּט ביי דער האַנט, זי האָט דורכגע־לעבט די גנבה וואָס דער לערער איז באַגאַנגען בנוגע די שילערינס: זיינע גרויסע שטערן־ווינקלען מיט די איידעלע הענט טראָגן דעם אויסקריץ פון זיינע גע־ענדיקטע פיר פאַקולטעטן. דאָך געפינט ער ניט פאַר נויטיק, צו דערקלערן, מיטן אייגענעם געדאַנק, אַזאַ וויכטיקן פּאַראַגראַף. ער, דער געוועזענער דומע־דע־פּוטאַט. איז זיין קאָפּ פאַרנומען מיט עפּעס העכערס? שטיינסגעזאָגט — אַ „העכערס״ ביי אַ מענטשן, וועלכער פאַרנאַכלעסיקט זיין לערערישע פליכט.

אין איר זכרון האָבן אַ האַמער געטאָן אַ פּאָר געדאַנקען, וואָס דאַוויד האָט געבראַכט פון שאָפּענהויערס און ספּענסערס ווערק: זי וועט פּרוּוון אויך לייענען פילאָזאָפיע. זי האָט גענומען אין ביבליאָטעק קאַנטס אַ בוך און אומ־געדולדיק געאיילט אהיים: סאיז גוט וואָס דער ווטער איז אַזאַ שיינער, אַלע פון שטוב זענען געוויס אַוועקגעגאַנגען.

פון ערשטן זייטל האָבן די טיפע געדאַנקען זי אַריינגעכאַפּט מיט אַ שאַרפער נייגעריקייט. זי האָט יעדן פּאַראַגראַף איבערגעלייענט צו צווי, דריי

מאָל. זי האָט געפּיבערט. דאָס בלוט איז געלאָפן אין איר, ווי מ׳וואָלט עס געטריבן מיט בייטשן: אַט איז דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד העכער איבער אַלץ, און אַט איז דער גאַנצער מענטש ניט מער ווי אַ שטויבל אין דער מיסטעריע פון דער נאַטור.

זי האָט מיט אַ שווער געמיט פאַרמאַכט דאָס בוך: זי באַנעמט עס ניט! ווען דאַוויד זאָל שוין קומען צופאָרן. זי הערט גוסטאַוון קלינגען, זי וועט אים פרעגן.

— יאָ, צוזאַמען מיט מיינע קאָלעגן, נאָך אין פּוילן, פלעגן מיר שטודירן פאַרשידענע פילאָזאָפישע ווערק. אָבער צוליב וואָס פרעגט איר עס, איר ווילט זיך דען פאַרקלאָפּן דעם קאָפּ מיט פילאָזאָפיע?

איר מוט איז אַוועק פון איר. זי האָט דערפילט אַראָפּגעפאַלן פון זיין פראַגע: ער האָט זי גוט טופס געווען — אַז אַ העכערע שאַפונג איז ניט פאַר איר נישטיקן פאַרשטאַנד. גוסטאַוו האָט דערזען איר מיט אַמאָל אומעטיק ווערן, כעס אויף זיך האָט אַנגעצונדן זיינע אויגן:

— איר זעט ווי שלעכט ס׳באַווירקט די אַלגעמיין אַנגענומענע מיינונג וועגן דער פרוי! דאָס איז דער הויפט סם וואָס מדאַרף וואָס גיכער אומברענגען. אַפילו מיין פראַגע האָט אָפּגעקלונגען ווי איך וואָלט אויך געצווייפלט אין דער פרויס פעאיקייטן, — כאָטש כבין שוין לאַנג איבערצייגט, אַז די פרוי איז אַ גלייכער מענטש מיטן מאַן. ביידע דאַרפן פאַרנעמען אַ גלייך אָרט אין דער געזעלשאַפט.

אָבער רחלן האָט געקלעמט אַ טיפע אַנטוישונג: זיין פּנים איז רויט געוואָרן. אומזיסט זיין וועלן פאַרזיסן דעם ביטערן אמת;

וועגן אייניקע שטעלן, וואָס האָבן זיך מער דייטלעך איינגעקריצט אין איר זכרון האָט זי אים געזאָגט, ווי אַזוי זי האָט זיי זיך דערקלערט.

— איר זעט, פון קאַנטס טיפן דענקען איז מיין מוח נאָך מער איינגעשרומפן געוואָרן, פאַרטשאַדעט געפערלעך.

גוסטאַוו האָט געשמייכלט. זי איז געווען זיכער, אַז דאָס לאַכט ער פון דער שמאָלקייט פון איר פאַרשטאַנד. אום זיך מער ווייטאָן האָט זי ווייטער גערעדט:

— איר ווילט לאַכן. — כהאָב פאַר גרויס בייזקייט אויסגעלאָזט מיין האַרץ אויף קאַנטן. אַט האָט ער, דוכט זיך, שוין געלייזט דאָס פּראָבלעם, זיך

אנגעשלאגן אין סאמע פינטל! אבער טאקע פון גרויסן אנשלאגן זיך — שפרינגט ער ווידער אפ אויף צוריק. צו אפשר שפרינגט ער פאראויס? מענטש און וועלט הוידן זיך ביי אים אויף אן "ארויף און אראפ הוידעלקע". אט איז דער מענטש אין דער הויך, — איבער דער וועלט. ער ווערט דער אויפנעמער און דער שאַ־פער; פון זיין קלארן שכל איז אלץ אפהענגיק! פלוצים! טוט קאנטס וועלט א שפרינג אין א זייט, דער מענטש ווערט אראפגעזעצט מיט א גוואלטיקן אימ־פעט, אזש דער מח צעמישט זיך אים. דעמאלט ווערט די וועלט א זייטיקער ענין. דעם מענטשנס לאגישער שכל פארשטייט זי שוין קוים, קוים.

רחל האט טיף אפגעאטעמט, ווי זי וואלט אראפגערעדט א שטיין פון זיך. נאר דאס דריקן פון דער שווערער משא האט ניט אויפגעהערט ווייטאָן.

גוסטאוו האט ארומגעכאפט איר קאפ מיטביידע הענט;

— א רחל, איר ווייסט ניט וואס פאר א באשיידן מיידל איר זענט, ווי ערלעך שיין איר דענקט. כ׳וועל קומען צו אייך יעדן שבת אווענט צו לעזן צו־זאמען פילאזאפיע.

זיין אנבאט איז איר זייער טייער. אפשר מיט זיין הילף וועט זי אנהויבן פארשטיין. — ניין! ער האט זי ארומגענומען ווי א קליין קינד — דאס מיינט רוק נישט דיין נאז וואו מ׳דארף ניט.

קאפיטל פיר

נחמן האט איינגעצאלט פארן לערניאר, אביסל געלט אהיימגעשיקט זיין מאמען, דער אלמנה, מיט די צוויי קליינע שוועסטערלעך. און ער, ביז ער וועט אנהויבן פארדינען, וועט זיך דורכלעבן אויף ברויט מיט וואסער.

וואס טוט מען אבער מיטן שלעכטן אויסזען? מ׳וויל אים נישט אננעמען פאר א רעפעטיטאר צו רייכע קינדער, מ׳מיינט ער איז א קראנקער. ער קען עס אבער ווערן פון טאג־טעגלעכן אונטערהונגעריקן.

ביים ראג גאס וואו רחל וואוינט האט זי דערזען נחמנען: ס׳איז פון אים קיין האלב ניט געבליבן. אפילו דער קאפ זיינער איז קלענער געווארן. זיין גימנאזיסטיש היטל פאלט אים אריבער די אויערן. גוסטאוו האט איר אביסל דערציילט וועגן זיין צושטאנד.

אין איר צימער איז אויפן טיש געשטאנען א בלעכל האניק, א סך גע־בעקס און א קארן־ברויטל מיט היימיש געמאכטן שאקאלאד.

זי האט באמערקט, ווי נחמנס אויגן האבן אן אומרואיקן, היציקן לויף געטאן איבער דעם עסנווארג. — עס האט איר דערמאנט אין דבורה־פייגעס. זיין לאגע איז איר נאך קלארער געווארן: ער הונגערט.

— שוין דאס דריטע בלעכל האניק איז מיר אנגעקומען דעם חודש, כזאל שרייבן מיין מאמען זי זאל מיר מער ניט שיקן — וואלט זי מיר פארוויינט דעם קאפ; איך עס ניט גענוג. מיין באלעבאסטע גיט מיר מאלצייטן צו־זעצט צו ווערן.

„נחמן, זייט א גוטער און נעמט דאס פעקל מיט זאכן. אחוץ דעם קא־רענעם ברויטל, אויף דעם בין איך א נאשערן, קיינער קען ניט אזא ברויט באקן, ווי אונזער דינסט.

רחל האט א שלעפ געטאן א שופלאד מיט געבעקס:

— איר זעט וויפל איך האב נאך פון פריער, ס׳ווערט פארטריקנט און פארשימלט אויב כ׳זאל עס ניט אוועקגעבן אין צייט. — נאט פארזוכט אומיסטן די בולקאלעך. און די אנדערע זאכן. איך וועל גיין זיך איבערטאן, איז אנטשולדיקט מיר אויב כוועל זיך אביסל פארזאמען. (זי איז גערן געוועזן וואס

גיכער ארויס פון צימער און ניט זען, ווי אַ פאַרהונגערטער האַלט זיך אָפּ פון ארויפוואַרפן זיך אויפן עסן).

נחמן האָט זיך געשראָקן: זיין האַרבער הונגער וועט אַלץ פאַרשלינגען אויף איינמאָל. פון וועלן צוריקהאַלטן דעם „צעהיצטן הונט״ האָט אים אַנגע־הויבן שווינדלען איז קאָפּ. פון יעדן בולקאַלע איז געוואָרן צען... זיי מערן זיך. אַ ברוינלעך־גאָלדענער באַרג וואַקסט אויפן טיש. אַ קליין אינגעלע שטייט דאָרט און לאַכט.

נחמן איז מיט אַ לעקציע־אַנאַנס, אַז מזוכט אַ לערער אָוועק אויפן אָנ־געגעבענעם אַדרעס. אַ קליין, פעט אינגעלע האָט געעפענט די טיר: „גייט צו־ריק, סזענען שוין היינט געווען אריבער דרייסיק. מיין מאַמאשע זאָגט, זי וויל אַ הויכן, שטאַרקן לערער״.

דער געשמאַקער רח פונם געבעקס האָט צעטריבן דעם באַוואוסטזיין. ווי ביי אַ ווילדער חיה האָט דאָס מויל זיינס זשעדנע געקייעט. און פלוצים מיט גרויליק אויפגעריסענע אויגן האָט ער פון זיך אָפּגעשטויסן דעם פלאַדן:

„דאָס איז דער שמערצלעכער פונקט וואו מ׳מיאוסט זיך יענע נויטבאַ־דערפטיקע דרייסיקער, הונדערטער, טויזנטער אריבערלאָזן די שוועל!״

ער האָט זיך האַסטיק געלאָזט צו דער טיר און ארויסגעשלאָגן אַ הייסע גלאָז מילך פון רחלס הענט. דאָס אָפּבריען זי האָט אים נאָך מער אויפגערייצט:

— ווער דאַרף אייער מילך! אייערע טובות! ציט אראָפּ די זאָקן, שמירט אָן מיט בוימל! לייגט צו נאַסע סאָדע.

רחלס געדאַנק איז אין איין אָטעם אָוועק צו פייגע־גדליהס נויט. זי האָט געוואָלט זאָגן נחמנען עפּעס אַ גוט וואָרט, אָבער ארויסגעריסן האָט זיך:

— איך בין דאָך פון די בורזשועס, וועמען איר דאַרפט האַסן — איז זאָל ווערן וואָס מער פאַכירן אויפן גאַנצן קערפּער.

איר פּנים האָט אויסגעדרוקט אומבאַקאַנטע ליידן. עפּעס אַן אויסטער־לישע באַליידיקונג אויף אַלץ האָט זי ווי פאַראַליזירט.

נחמן האָט זיך ווי אַ טשערעפּאַכע אריינגערוקט אין אַ פאַראַרטער־טער שאָל.

רחל האָט געפילט זי מוז עפּעס טאָן צו איבערייסן דאָס שווייגן:

— נחמן, דערלויבט מיר צו דערציילן אייך אַ קליינעם עפּיזאָד פון מיין לעבן. — אין אַ פּאָר יאָר נאָך מיין פאָטערס טויט האָט מיין מוטער ווידער חתונה געהאַט, קיין שום לערער האָט ניט געוואָלט אַראָפּקומען צו אונז, מיר

האָבן געוואוינט אין אַ דאָרף. אַן אָרימער ישיבה בחור, וואָס האָט פֿאַרזיכערט, אַז ער קען רוסיש אויך לערנען מיט מיינע ברידער, שטיפֿשוועסטער און מיר, — איז אויף „ביוואַ״ (אַ פֿעלד) האָט ער אונז געטייטשט „אַ פֿויגל״ אויף מאַ־טשינקי ביעט״ (קיין כח ניטאָ), „אַזוינע פּרוכטן״ און נאָך ענלעכע איבערזע־צונגען. פֿאַרשטייט איר שוין ווי מיר האָבן געחוזקט פֿון אים.

„האָט אונז די מוטער אָפּגעפֿירט צוריק אין שטאָט. מיר אָנגעדונגען קעסט ביי „פֿייגע־גדליהס״. די מינוט, וואָס מיין עלסטן ברודערס משרת האָט מיך אריינגעפֿירט אהין, האָט זיך געיאָוועט די גאָס מיט ווייבער. איטלעכע מיט איר באַזונדער פֿאַרוואונדערונג. איינע מיט אַן אינגלשן רעקל אויפֿן רעכטן אָקסל, דער קאָפּ צעשויבערט אַ שרעק. „פּ־פייגע! וואָס זע איך?! סאיז לאה פרענקס מיידל. אַזוי, אַזוי מ׳מעג איבערלאָזן גרויסע טויזנטער מיט מויערן״....

— אַ צווייטע מיט אַ גראָבן שאַל איבערן קאָפּ, בלויז די אויגן האָבן ארויסגעקוקט: „פּכע! נאָט אייך אַ פּיטאָק פֿאַר די גבירימס טויזנטער, ביי אונז אָרימעלייט האָט כאָטש די פּרוי אַ הארץ, די מאַמע איז זיך מפקר פֿאַר אירע קינדער. דער טאַטע איז סיי־ווי, ווי אַ הונט. ביי די נגידים איז די מאַמע אויך ניט בעסער.

— אַ דריטע מיט באָרוויסע, פֿאַרחושכטע פיס אין צעריסענע קאָלאָשן. זי האָט געאַרבעט אַ זאָק און ניט קוקנדיק צו די דרייענדיקע ביי איר אין האַנט שפּיזלעך — האָט זיך איר מויל געדרייט: „מיין מאַן האָט דערציילט, אַז פֿאַרן מיידלס נדן האָט לאה אָנגעקויפֿט וועלדער און איז נאָך הונדערט מאָל נתעשר געוואָרן. ערשט טאַקע דאָס יאָר״.

„וואָס איז דאָ צו רעדן, געלט גייט צו געלט. וואָס דען אייער מאַן וועט רייך ווערן פֿונם אָפּקויפֿן ביים אָרימען פויער אַ מינטל האָלץ, דאָך שיקט זי איר בת־יחידה צו וואַלגערן זיך ביי פֿייגען.

„ וואָס מיינט איר „זיך וואַלגערן„ האָט זיך פֿייגע אָפּגערופֿן. זי וועט ניט זיין ביי מיר אומזיסט. איך קאָן אויך מאַכן גוט מאכלים.

„פֿייגע לעבן, נאָך וואָס זאָלן מיר זיך נאַרן, — דאָס וואָס מוואַרפֿט ביים גביר אַרויס אין מיסט — עסן מיר אפֿילו ניט אום שבת.

— פֿון זייערע בליקן בין איך ווי פֿאַרשטאַרט געוואָרן. אפֿילו לעגנדיק זיך שלאָפֿן האָב איך ניט אויפֿגעהערט צו פֿילן די אַראָפּ און אַרויף, ווי אין אַ שטיק גלאָז, טאַנצנדיקע אויגן איבער זיך.

— ביי איין עק טיש האָט פֿייגע מיר געשטעלט דאָס עסן און געבעטן, און צוגערעדט כזאַל עסן וואָס מער. ניט איך בין געווען פֿאַראינטערעסירט וואָס פֿייגע וועט מיר געבן, נישט איך האָב באַמערקט, וואָס ביים אַנדערן עק פֿונם

לאַנגן טיש, זי מיט איר מיידל און זון עסן. אויפן דריטן טאָג, דאַנערשטיק פאַר־נאַכט, האָט פייגע געפרעגט: „דבורה, פאַרוואָס עסטו ניט?״

„כוויל ניט מער יעדן טאָג פאַרפוילטע ווײדעלעך, וואָס דו קויפסט אָפּ פון הינטערשטע פעסלעך! כוויל אויך סאַרדינעס און גוטע סמעטענע.

פייגע האָט זיך צושריען: „אַזאַ מרשעת! בהמה! פאַר דער קאַץ קיין שכל האָט עס ניט. כאָטש געשעמט זיך פאַר א פרעמד קינד. נאַ! נאַ! דו וויס־טער נאַר.

זי האָט געקנאַפּט און געשלאָגן דבורהן.

„לאָז זי אָפּ!״ האָט הערץ, דער זון, געגעבן אַ קלאַפּ אין טיש — אביסל גרינע סאַראַוועטקע איז ארויס פון דער צעבראָכענער שאָל, און ער פון שטוב.

— הענט און פיס האָבן מיר געציטערט. פייגע, טויט־געל, איז צו: „רחלע, שטער דיר ניט, ענדיק דיין וועטשערע. סוועט זייביידן איבערגיין דאָס משוגעת, כ׳לעב ניט פון זיי. מיינע פּרנסה געבערס״.

—כביין געליגן אין בעט מיט רויטע פלעקן אויפן פּנים. אפילו אין שלאָף געדענקט, אז פון מאָרגן וועל איך וואוינען ביי מיין שוועגערן. אַ גערייד האָט מיך אויפגעוועקט:

גדליהו?! האָסט אזוי פרי שוין פאַרכאַפּט דעם שבת? וואָס האָט עפּעס פּאסירט?

— גאַרנישט!

— וואָס הייסט „גאַרנישט״? האָסט געהאַט אַ שלעכטע וואָך?

— הע, אַ פּוסטע וואָך. זיך אויסגערעכנט, וואָס וועל איך זיך אומזיסט וואַלגערן אין דאָרף. פייגע, וואָס שלאָפט הערץ גאָר אויף צונויפגעשטעלטע בענקלעך?!

— שאַ, איך האָב אריינגענומען לאָה פרענקס מיידל.

— וואָס־ס־ס?! וואָס צאָלט זי דיר?

— פרעג ניט. נאָך מער, ווי איך אליין האָב אפילו שכל געהאַט צו מאָ־נען.

— נו, טאַקע דאַנקען גאָט, וואָס ער האָט געשיקט אַ רפואה צו דער מכה. און איך האָב זיך די וואָך אזוי מיאוס אויסגעהאַנדלט — אפילו ניט אָפּגע־שפּאָרט צו באַצאָלן דעם גוי פאַר דער פור.

— מיינסטו, אז דער גרויסער תכשיט דיינער, מיט דער נאַרישער מויד ווילן עפּעס וויסן. די מויד וויל דאָס זעלבע עסן, וואָס איך גיב לאָהס קינד, און דער בחור שרייט נאָך אויף מיר.

— וואס הייסט?! זיי זיינען אראָפּ פון זינען?! האָט זיך געהערט אַ בייז קול.

די צונויפגעשטעלטע בענקלעך האָבן זיך צוסקריפּעט, הערץ האָט זיך איבערגעדרייט. — שרעק זיך ניט, טאַטע, ניט אַראָפּ פון זינען, נאָר אַ גרויסער ווייטיק: דער גבירנטעס מיידל — איז אַ קינד — איר קומט דאָס בעסטע, אָבער איר אייגן קינד אין די זעלבע צען יאָרן — איז אַ „מויד" אַ „מרשעת" און זי שלאָגט זי נאָך. איך בין שוין אַ גרויסער, דאָך אַז איך זע בעסער עסן — ווילט עס זיך מיר אויך.

— אָבער וואָס טוט מען, אַז איך האָב ניט נאָר ניט פאַרדינט אויף טרוקן ברויט, נאָר נאָך דערלעגט די הוצאות. אַז דער גוי אליין פּעכנט אויפן פּיסק איז מיט וואָס קען דער איד זיך ספּאַזשיווען לעבן אים? — אַזוי, מיט לאָהס מיידל, וועט איר כאָטש ניט דאַרפן שטאַרבן פון הונגער".

אַ טיפע שטילקייט האָט איבערגעריסן זייער געשפּרעך.

ביי יעדן קומענדיקן מאָלצייט האָב איך זיך געוואָלט פאַרטיפן אין לייענען, נאָר פון איטלעך אות איז געוואָרן אַ נאָך ווייטער אָוועקגעזעצטע דבורה און הערצ׳ס אויסגעדרייטע פּלייצע צו מיין זייט. עפּעס אַ משונה־ווילדער כח האָט מיך געשלעפּט צו קוקן, ווי זיי טונקן אָלטגעבאַקענע שטיקלעך ברויט אין אָפּגעבליאַקירטער טיי.

פייגעס זאָגן: „רחלע, דו האָסט גאָר קיין פּוטער ניט אָנגעשמירט אויף דעם צעשניטענעם פּלעצעלע". פּלעגט מיט מיר אַ ווארף טאָן, ווי מ׳וואָלט מיך געפּאַקט ביי אַ גנבה. איך האָב געשמירט די פּוטער, געגעסן דאָס איי, די קאַשע, געוואָלט אַלצדינג וואָס גיכער איינשלינגען, אַבי פייגע זאָל ניט דערמאָנען און אויסרופן דאָס אָנגעשטעלטע עסנוואַרג. פּלעג איך זיך פאַרהוסטן, אַניט צעשליקערטן. — כהאָב ניט געקענט כאַפּן אַזויפיל אויף איין מאָל. בכלל בין איך תמיד זייער אַ קליינע עסעריו. פייגע פּלעג גלייך צולויפן: „קינד פאַרטרינק אַביסל מילך!" מיך פּלעג באַשלאָגן אַ היץ: „זי מוז נייטיק דערמאָנען מילך: — אין קיך אַז קיינער זעט ניט, טרינקט דבורה אויס די ביסלעך, וואָס איך פּלעג איבערלאָזן.

— הערץ איז געווען מיין לערער אין העברעאיש, נאָך איצט גייט מיר איבער אַ גרויל, ווי ער מיט זיין שוועסטערל האָבן מיך פיינט געהאָט. מיינט ניט, אַז איך בין געווען אַזאַ מלאך שטענדיק צו פאַרשווייגן. כהאָב יעדן טאָג זיך געזאָגט: „זאָג אויס דער מאַמען און אויס מיט די יסורים". דאָך אַריבער אַ יאָר אויסגעהאַלטן.

אויפֿן אָרט האָט רחל, ווי אַ קוק געטאָן אין זיך און איר גאַנצער אויס־זען האָט זיך ביים פֿאַרשפּיצט: וואָס רעדט זי? זי איז, ווי פֿייגע מיט אירע ווייבער, די ערגסטע וואונד ווילן זיי אויסהיילן מיט שפּינוועבס.

זי האָט דערמאָנט נחמנען אין זייערע דיסקוסיעס מיט גוסטאַוון און ווי אַלץ האָט באַשטעטיקט: ברידערלעכקייט איז פֿאַרט דער באַזיס פֿון דער געזעלשאַפֿט.

זי האָט זיך געבייזערט אויף אים, וואָס פֿון נעמען אַביסל געבעקס מאַכט ער אַ גאַנצן ווערט.

— ניין! ניט מיט בדאי הונגערן — און ניט נעמען ביי די „רייכע" וועט געלעזט ווערן דער מענטשלעכער פּיין.

עפּעס אַ ריטמישע מידקייט האָט אַ גלעט געטאָן נחמנען, באַרויקט אַביסל און אים אומגעקערט זיין פֿריינטלעכקייט צו רחלען:

— איר זענט ניט אומגערעכט, אָבער איר זאָלט זיי זאָגן — מיר ווערן שטאַרק — און דעמאָלט נקמה! די פֿריש אָנגעקומענע זאַכן לאָזט זיך, און מיר גיט די פֿריערדיקע מיט אייער האָניק. די גיפֿטיגע שטאַכלן וועלן מיר אויס־נוצן אין אונזער קלאַסן־קאַמף.

רחל האָט זיך איינגעהערט אין נחמנס אוועקגייענדיקע טריט: די אומ־פֿאַרשטענדלעכע, מאַטעריעל עקאָנאָמישע באַגריפֿן וועלן צעדריקן איר מוח.

זי האָט גענומען די ציייטונג די אין די הענט און זי צוריק אַ שליידער געטאָן: אַן אומענדלעכע אומרו! גוסטאַוו איז לעצטנס שטאַרק פֿאַרנומען מיט צו־גרייטן רעפֿעראַטן פֿאַר געהיימע פֿאַרזאַמלונגען. איז אויס מיט איר שבת — און מיט איר פֿילאָזאָפֿיע. סיי־ווי, וואָס איז איר ארויסגעקומען, וואָס די טיפֿסטע, סימבאָלישע געדאַנקען שיילט ער אויס ווי אַן אָפּגעקאָכט איי. זי האָט דורכגעלעבט אַ טיפֿע פֿרייד בעת זיין דערקלערן זיי, נאָר דאָס באַפֿרייט זי ניט פֿון די ספֿקות. דאָס גאַנצע לעבן איז פֿאַר איר אומבאַגרייפֿלעך. זי האָט זיך צונויפֿגעקאָרטשעט ווי פֿון אַ ווייטיק.

קאפיטל פינף

דאַוויד איז אַריין צו רחלן ווי פון הימל אַראָפּ. זיינע הענט פול מיט פּעקלעך. ער איז פון נעכטן אין אַדעס. אין דער פרי אוועק אין אוניווערסיטעט, געהערט די ערשטע מאַטעמאַטישע לעקציע:

— אַן אנהויב פונם ראַציאָנאַלן — פון אַלעס וואָס דער שכל, דער פאַרשטאַנד קען באַנעמען. און טאַקע גלייך פון דאָרט צו אַ צענדליק מענטשן, געמאַכט מיט זיי פיינע געשעפטן.

„כ׳האָב פאַרלאָזט מיין פאָטער מיט אַ תנאי, אַז ווייל כוועל לערנען אין אַדעס, זאָל איך מיט מיין ברודער, דעם צייך-דאָקטאָר, איינפירן אַ גאַלאַנטעריי קלייט. אונזער משרת, וואָס איז שוין ביי אונז אַריבער פופצן יאָר, האָב איך אויך מיטגעבראַכט. אויף אים קען מען זיך, דאַכט, גיכער פאַרלאָזן, ווי אויף אַ נייעם מענטשן.

דאַוויד האָט צופרידן געשמייכלט:

— איך האָב מיר געגעבן דאָס וואָרט אומבאַדינגט צו זען אייך היינט, ווייל כ׳וועל פאַר גוטע צוויי וואָכן זיין פאַרנומען די טעג און נעכט, אָבער איר מוזט מיר צוזאָגן, אַז ווי נאָר מירן איינשטעלן די קלייט, וועט איר קומען אָנקוקן. איך דערוואַרט אויך מיין פּאַפּאַשען.

ער האָט וואַרעם געדריקט איר האַנט:

— זייט געזונט און איר זאָלט ניט פאַרגעסן.

רחלס געמיט-צושטאַנד האָט זיך געוואָרפן צווישן אומעט און פרייד, אַנטוישונג און האָפנונג: די צייט קריכט אַזוי פּאַמעלעך.

אַט האָט זי געקראָגן אַ בריוול — דאַוויד אַנטשולדיקט זיך ער איז זייער פאַרנומען. זי זאָל אים טאָן „אַ גרויסע טובה״ און היינט פאַרנאַכט קומען.

אַ סך קונים זענען געווען אין קלייט, מ׳האָט זיך קוים אַרויסגעזען. אַ פאַרקויפערין האָט אָנגעוויזן רחלן וואו דאַוויד זיצט ביי דער קאַסע.

רחל האָט פאַרלוירן דעם אָטעם: דאַוויד שרייבט אויף אַ פּאַפּירל „רחל, רחל פרענק, רחל.

ער האָט דערפילט עמיצער שטייט. אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַרויס פון דער קאַסע-שטייג און אָנגעכאַפּט רחלן בייביידע הענט. ער האָט זי צוגעפירט צום פאָטער. — פּאַפּאַ, דאָס איז מאַדאַם פרענקס טאָכטער!

ד׳ער הער פּערלמוטער האָט זי אויסגעפרעגט ווי עס גייען די געשעפטן ביי אלע אירע אייגענע. איבערהויפּט פון איר מוטער האָט ער גאָרניט געקענט זיך געבן אַנלויבן. צום עלטערן זון געזאָגט:

— איך קען גוט די פרענקס, אלע געניטע סוחרים, אָבער זייער מוטער שטייגט זיי אלעמען איבער.

מ׳האָט שוין געדאַרפט באַלד פאַרמאַכן די קלייט. די קונים זיינען זיך צו־גאַנגען, דאַוויד האָט פאַרגעשטעלט רחלן פאַרן עלטסטן משרת; אַ מאַן אין די טיף־דרייסיקער. און מיט אַלע פאַרקויפערינס זי באַקענט.

ער האָט יעדן באַזונדער געמאַכט קאָמפּלימענטן. אלע האָבן זייער צו־פרידן געשמייכלט צו אים און אין איין וועגס צו רחלן. איר איז דורכגעלאָפן אַ געדאַנק; דאַוויד קוקט דאָ אויס, ווי אַ יונגער מאַנאַרך, וואָס ווייל ער איז זייער שאַרפזיניק — קען ער מיט זיין יעדן הייטערן וואָרט מאַכן די אַנגעשטעל־טע אונטערטעניקער און געטרייער.

ער האָט זיי טאַקע באַלד געבעטן אַ טובה: היינט זאָלן זיי, אַלע, זיך אַביסל שפּעטער פאַרהאַלטן. אַן אים, ברענגען אַלץ אין געהעריקער אָרדענונג.

— איך וועל גיין אָפּפירן די פריילן פרענק, דערפאַר וועט זי זיין „אונזערע — אַ גוטער קונה״. ער האָט געמאַכט מיט זיי שותפות.

אַ צופרידנקייט צו אויסצופילן זיין ביטע מיט אַ פאַרלאַנג אויסצוציי־כענען זיך פאַר אים — האָט אָפּגעענטפערט פון זייערע אויגן און מיילער, אויף דעם וויץ פון זייער קלוגן „האַר״.

— איך דאַנק אייך. איך ווייס איר וועט זיך אַ פלייס טאָן. און צום פאַ־טער: גאַספאַדין ליפּאָוועצקי וועט דיר העלפן פאַרמאַכן די קלייט.

— — —

אויף רחלס קוואַרטיר האָבן זיי געטראָפן איר ברודער ברוך. ער האָט גע־קראָגן אַ בריוו, אַז סוועט זיין די טעג אַ רעוויזיע אויפן זאַוואָד; און פאַרשטייט זיך אַז וועמען מען וועט ניט טרעפן ביי דער אַרבעט, וועט מען באַזייטיקן. „מוז מען זיך אויספּוצן אין אַרבעטער קליידער און לעבודה״ האָט ברוך געשמייכלט.

דאַוויד האָט דערציילט, וואָס פאַר גרוילן ער האָט דורכגעמאַכט אין זיין פיר חדשימדיקער סאָלדאַטשינע:

— איך בין נאָך געוועזן אזוי נאַאיוו, אַז כ׳האָב געמיינט מיליטער דינסט וועט זיין פאַר מיר בלויז אַן ענין פון פאַרהאַרטעוועט ווערן. איך האָב מיר בשום אופן ניט געקענט פאַרשטעלן, אַז צו מענטשן פון וועמען מ׳פאָדערט זיי זאָלן

מיט זייער לעבן באַשיצן די אינטערעסן פון דער מלוכה — זאָל מען זיך אַזוי מערדערלעך באַגיין.

„אַלעס האָט געהייסן מיליטער כללים. מ׳האָט אונז אַ שטייגער גע־לערנט ווען מיר דאַרפן זאָגן: „ראַד סטאַראַטסיאַ!״ און ווען „פּאַסטאַראַיעמ־סיאַ״! — איז עס געווען מזל און ברכה צו פאַרשמייסן, יעדן טאָג, אַ צאָל סאָל־דאַטן פאַר ניט ריכטיק ענטפערן.

„אונזער ראָטע איז באַשטאַנען פון פשוטע פויערים, ס׳האָט געשמעקט פון זיי מיט צעאַקערטע־פעלדער, געזונטע אַראַפּאַשניקעס מיט טיפּישנע פּוי־עריש־שווערע מוחות. איז אַפילו זיי האָבן שוין מער ניט געקענט אַריבערטראָגן די אַכזריות. מ׳האָט באַשלאָסן אויף מאָרגן זאָל קיין איינער גאַרנישט ניט ענט־פערן בעת די נאַרישע מיליטער כללים. די שווידערלעכע שטראָפן, וואָס מיר האָבן געקראָגן דערפאַר איז גאָר ניט איבערצוגעבן. איך האָב אָפּגעשפּאַרט אַ קראַנקן פּוס. אין די באַראַקן האָט מען אונז באַהאַנדלט ערגער ווי משוגענע הינט.

דער ברודער האָט זיך געאיילט אין זאַוואָד, און דאַוויד מיט רחלן אין קינאָ זען קנוט האַמסנס „וויקטאָריאַ״ און נאָך עפּעס אַ בילד.

אין דער פינסטער האָט דאַוויד געגלעט רחלס האַנט. געקושט יעדן פינגער.

איר גאַנץ וועזן האָט געגליט מיט עקזאַלטאַציע.

אויפן לייוונט האָט זיך באַוויזן אַ בלאָנד רוסיש מיידל. דאַוויד האָט עפּעס ווי אַ ציטער געטאָן. רחל האָט אַרויסגענומען איר האַנט פון זיינער.

ביים אַרויסגיין פון קינאָ האָט זי (ניט קוקנדיק אים אין די אויגן) גע־זאָגט:

— דאַוויד, איר וועט מיר אַנטשולדיקן. דאָרט גייט מיינע אַ באַקאַנטע, וועל איך שוין מיט איר אַהיימגיין.

אין דרוק פון זיין האַנט האָט זי געשפּירט דאַנקבאַרקייט. פאַרדראָס האָט איר געביסן: ער איז צופרידן אַנטלויפן פון איר וואָס גיכער.

אַ מין נקמה האָט זיך אין איר אַ צאַפּל געטאָן: דאַוויד דער ראַציאָנאַ־ליסט, פאַרשטייט די גאַנצע וועלט מיט איר יעדן הויך, איז אויך אַ בלאָנדזשענ־דיק, סענטימענטאַל אינגל. — פריער האָט ער זיך פאַרליבט אין אַן אומוויסנדיק שיקסל, נאָכדעם איז אים געפעלן געוואָרן אַ באַגרענצטע רחל. און ווידער איז די פּאַלאַשקע־לעגענדע גייליקע געשיכטע.

טרערן האָבן זי גענומען שטיקן. זי האָט זיך געוואָקלט אויפן געלעגער.

די ליכטיקע לבנה האָט דורכן פענסטער אַ שניט געטאָן אין די אויגן, מיט אַ צונויפגעצויגענעם בליק האָט רחל זיך פאַרקוקט אויפן הימל; דער גאַנצער אור־ניווערז איז אַ פיינלעכער סוד, און זי אַ בלאָנדזשענדיק פינטעלע פייניקט זיך איבער פאַרליר׳ן אַן אַנגענעם געפיל.

אירע געדאַנקען האָבן לאַנג געפּאַרשט: סאיז, ווי נאָכן זען שפּילן אַ קאָ־מעדיע, ווען דער הומאָר ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פּסיכיש מיטליידן מיט די אויסגעלאַכטע. דאָס מאָל איז עס געווען זי אַליין.

— — —

דאַוויד האָט אויך פאַרבראַכט אַ שלאָפלאָזע נאַכט. ער האָט געקעמפט קעגן דעם פאַלשקע־כשוף. אַלע זיינע טראַכטונגען האָבן געפירט צוריק צו רחלן.

יענעם טאָג האָט ביי דאַווידן דאָס איינרעדן די קונים אונטערגעהונקען. צוויי מאָל געדאַרפט איבעררעכענען אַ חשבון. ער האָט אומגעדולדיק ארויסגע־קוקט אויפן טרעפן זיך מיט רחלן: זי וועט אים העלפן אין זיין באַשלוס. ער וועט באַלד נאָכן פאַרמאַכן די קלייט אַוועק צו איר.

ער האָט פאַרגעלעגט רחלן צו פאָרן אַביסל אויסערן שטאָט. ער וועט מיט איר פרייער און אינטימער קענען שמועסן.

דעם גאַנצן וועג האָבן זיי געשוויגן, ווי דער פאַרשפּעטיקטער האַרבסט וואָלט געדריקט זייער געמיט. ווי נאָר זיי זענען ארויס פון טראַמוויי האָט דאַ־וויד זי אַ כאַפּ געטאָן אונטערן אָרעם:

— רחל, איר האָט מיך נעכטן איבערצייגט, אַז דאָס פיינערע, וואָס איך האָב געשפּירט וועגן אייך איז נאָך טיפער, ווי איך האָב מיר פאַרגעשטעלט.

אַן אומרו האָט זי ארומגענומען: אַ פרייד ברויזט אין איר! וואָס וויל ער אָבער אויספירן מיט זיינע רייד? זי וויל ס׳זאָל בלייבן ביי איר אַן איינדרוק, אַז ער איז פאַרליבט אין איר ניט אין „יענער״!

ס׳האָט איר אַ שווינדל געטאָן אין קאָפּ. די זשאַווער־גרינע לאַנקעס האָבן אָנגעהויבן באַוועגן זיך, צוגעלאָפן צו אַ בערגל, אַ הייב געטאָן עס העכער, העכער און פאַריסן רחלס צעטומלטע אויגן צום שטאָלץ־שווייגנדיקן אויסגע־שפּרייטן הימל.

— דאַוויד, כ׳בעט אייך, רעדט ניט פון מיר. ביי היינטיקן טאָג איז מיין הויפּט אידעאַל צו לערנען און דערגרייכן אַ ציל.

נאך די ערשטע פאר מינוטן, שווערע פויזע, דאַוויד איז שטאַרק צופרי־דן: דאָס אומקלאָרע וועט האָבן צייט צו אויסקריסטאַליזירן זיך.

ער האָט זיך באַקלאָגט, ווי שווער ס׳איז צו פאַרלאָזן זיך אויף פרעמדע מענטשן, אַזוי, אַז ער איז געצוואונגען צו דורכלאָזן אַ סך לעקציעס. די קלייט פאַרשלינגט אים אינגאַנצן:

— אַ גליק, כ׳האָב זיך באַקאַנט מיט זייער אַ וואוילן בחור, אָרים ווי דער טויט, אָבער ער פאַרפעלט ניט קיין איין לעקציע, איז נאָך איך פון אים, און אַזוי אָרום, ווען איך כאַפּ זיך אַריין אין אוניווערסיטעט — ווייס איך דאָך אין אַ וואַסער וועלט מ׳איז דאָרט.

רחל הערט אים גאַרנישט, פון בענקשאַפט צום געהיימען, וואָס דאַוויד האָט, איבער איר שולד, ניט דערזאָגט, האָט זי אַרומגעכאַפּט אַ כעס אויף זיך; פריער רעדט מען זיך איין אַ חלום און נאָכדעם מיינט מען, אַז מע ליידט!

קאַפּיטל זעקס

דריי וואָכן האָט גוסטאַוו ניט געזען רחלן. קוים אָפּגעשפּאָרט פאַר זיך אַן אוונט צו פאַרברענגען מיט איר אַ פּאָר שטונדן.

זי האָט אים באַקאַנט מיט איר ברודער, וועלכער איז געזעסן ביי די חשבונות פון זיין צוקער־זאַוואָד.

גוסטאַוו איז זייער פאַראינטערעסירט געוואָרן:

— וואָס פאַר אַ געהאַלט קריגן די אַרבעטער? וויפל שטונדן אַ וואָך אַר־בעטן זיי? פון וויפל בוריקעס קריגט מען אַרויס וויפל צוקער?

הכלל ער וויל אַלץ געגוי אויסגעפינען.

ברוך, פאַרקערט, וויל אים וואָס ווינציקער דערציילן. עפּעס שמעקט ער אַ שונא אין דעם בחור, אָבער זיין איידל רעדן געפעלט אים. האָט ער אַריינ־געדרייט אַ פּסוק און אים איבערגעפירט צו חקירות וועגן רמבם, נאָכדעם וואָס רש״י זאָגט און אַזוי זענען זיי אַוועקגעשוואומען צו— אין וואָס באַשטייט דאָס אידישע פּראָבלעם.

פאַרשטייט שוין גוסטאַוו, אַז ער האָט צוטאָן מיט אַ רייכן סוחר, ווע־מען סאיז גוט אומעטום, אַ ציוניסט איז ער „צוליב די אָרימע אידן, פאַר זיי איז דאָס פּאַסיקסטע זיך אַריבערפּעקלן קיין ארץ־ישראל״.

האָט גוסטאַוו גענומען דערווייזן, אַז ניט פּאַלעסטינע, נאָר סאָציאַ־ליזם וועט לעזן די אידישע פראַגע.

זיי האָבן לאַנג געחקירעט. ברוך היצט זיך. גוסטאַוו רעדט געלאַסן:

— ניין, איך וואָלט ניט דערלויבט קיין בלינד אויספילן, אפילו די טייערסטע מיר אידעען. יעדער מוז זיך אָנשטרענגען צו אויספאָרשן דאָס לעבן, אויספורמען דעם ריכטיקן קוק אויף דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג. איר זענט די, וואָס נוצן אויס דאָס אומגליק, וואָס דאָס פאָלק טראַכט ווייניק. איר רעדט זיי איין: אײַנגאַנצן צו פאַרלאָזן זיך אויף אייך, און איר זענט זייערע פאַר־פירער. אָבער דאָס פאָלק הייבט דאָך אָן קומען צום שכל.

זיי שפּאַרן זיך. רחל איז אָנגעשטרענגט, ווי מבאַטראַכט אַ שאָך־שפּיל פון צוויי גוטע שפּילער: זי פלעג אַזוי ליב האָבן און שטאָלצירן מיט איר ברו־דערס אויסטייטשן פסוקים, פּאָליטיק, אָבער איצט געווינט גוסטאַוו און זי איז צופרידן.

אין רחלס וויזיע קומט פאַר אַ שטאַרקער אויפברויז: דאַוויד איז ווי ברוך, זיי ציען אין אַ צוריק־רוים. צוליב רוחים וואַלטן זיי, דאַכט זיך, פאַרקויפט דעם ערלעכסטן שלום. גוסטאַוו אַזאַ קלאַר־זעענדיקער, מיט אים גייט מיט אַזאַ גרויסער באַטייט, אַזאַ חשיבות.

דער ברודער איז געגאַנגען אין מיליטער־זאַוואָד: עס איז גלייכער פאַר אים צו זיין אין דער באַנאַכטיקער סמענע. ביי טאָג זעט מען זיך צופיל ארויס, און אייניקע אַרבעטער זענען, לעצטנס, צו אַפּריק געוואָרן. אין יעדער מלחמה וואַקסן, ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן, די סאָציאַליסטלעך, רעוואָלוציאָנער־לעך, היץ־קעפּ! נאָר אַ מאָץ האָבן זיי ווי אַ בולבע אויפן וואַסער.

גוסטאַוו האָט גערעדט מיט רחלן וועגן זאַראַטוסטרען, אין מיטן שמו־עס זיך האַסטיק אויפגעהויבן, ווי עפּעס וואָלט אים אַ ברי געטאָן. ער איז אַוועק צום פענסטער: סאיז נישט אמת דאָס וויסן — ווער סזענען די נאָענטע איי־גענע, אַט איז רחלס ברודער אַ ברייטביינערדיקער, אַ בלאָנדער מיט אַ קיי־לעכדיק, ראָז־מילכיקן פּנים, סוחריש־קלוג. די אויגן גרויע, פריילעכע פון אַ שטענדיק דערפאָלגרייכן. — זי, אַזאַ דינינקע, דער קאָפּ ברען־שוואַרץ, דאָס וואָלע פּנים—מאַט, די אויגן טרויעריקע, מיט אַ פאַרשעמט הומאָרפול־שמייכל אין ווינקל מויל. ווענען, אָדער וואָס וויל באַקעמפן דער דאָזיקער הומאָר אירער?

רחל טענהט צו דער אומבאַקאַנטער האַנט, וואָס האָט זי אויסגעוואָרצלט: פאַרוואָס זענען אייניקע מענטשן געבענטשט צו אויפנעמען און גיבן פון זיך עפּעס גרויס, ווען אַנדערע, זי אַריינגערעכנט, מיט זייער בעסטן ווילן — בלייבן זיי דורכשניטלעך, קליינע מענטשלעך?

אירע געדאַנקען האָבן זיך איבערגעריסן פון גוסטאַווס געהעכערט קול:

—יעדער אינדיווידועלער, אייגנאַרטיקער קינסטלער ווערט פון און מיט זיין עפּאָכע פאַראייביגט.

איר שטים פאַרזאָרגט:

— אָבער, וואָס טוט מען מיט דער פינסטערניש, מיט דער בלאָנדזשע־ניש, ווען מזוכט און מ׳אָן שום דערפאָלג.

גוסטאַווס ערלעכע אויגן קוקן, ווי ער וואָלט געהאַלטן אין איין האַנט אַ שטיין צו וואַרפן איר אין קאָפּ, און די אַנדערע האַנט וואָלט זיך געריסן צו פאַרהיטן דעם אומגליק. דאָך האָט ער, לויט זיין באַגריף נאָך, געוואָרפן דעם שטיין.

— כ'האב אייך משוגענערווייז ליב, כאטש כהאב אפילו ניט קיין איי־גענעם „איד" אייך אנצובאטן.

זי האט זיך פריידיק צעשמייכלט. זי האט געוואלט אויסשרייען: „כהאב אייך נאך שטארקער ליב". נאר ניין! זי טאר אזוינס ניט זאגן. האט דאס איך געזאגט גוסטאוו, צי דאווידז? א שרעק האט זי באהערשט: דוכט זיך זי שפירט צו גוסטאוון דאס זעלבע, וואס צו דאווידן. זאל עס זיין, אז זי פארהערט זיי ביידן פאר זייער שיינגייסט, און דאס איז בכלל ניט קיין ליבע? ווי קען זי אים דערציילן וועגן דער נארישער פאנטאמימע? אבער וואו שטייט געשריבן, אז ממעג אפפאיאצעווען פון יענעם און קיינמאל ניט פון זיך.

זי האט געטראכט, גערעדט און אויסגעלאזט:

—איר זעט. ניט נאר קען איך קיין מענטשן ניט, זיך אליין קען איך אויך ניט.

גוסטאוו האט געשלונגען יעדן „ניט". א גאנצע ארמיי פון אירע „ניטס" דארף ער, אפשר וועלן זיי אים אפשטויסן פון איר. ער וועט ווערן צוריק שלום מיט זיך — דעם קרבן זיין ארבעט — דער פארטיי.

ער האט דורכגעצויגן זיין מילדן בליק דורך רחלס גרויס עגמת נפש און פארגעזעצט דעם איבערגעריסענעם שמועס וועגן פילאזאפיע. דערביי האט זיין איבערגעלעגטער פוס אן אויפהער נערוועז זיך באוועגט.

— — —

דינסטיק. גוסטאוו איז געקומען רופן רחלן. דעם גאנצן וועג גערעדט, ווי קיין שום שאטן וואלט ניט געלעגן צווישן זיי.

סהאט זיך איר שטארק געוואלט אנטשולדיקן פאר אים, וואס שבת האט זי געמיינט אז זי געפעלט אים. בעסער — אז מרעדט ניט.

גוסטאוו האט געגעבן זייער א באלערנדיקע און אויפקלערנדיקע לעק־ציע, ווי וויכטיק סאיז די אנטוויקלונג פון דער וויסנשאפט פון פסיכאלאגיע.

זיסקינד בעט אלעמען זיך פארהאלטן רואיק. וואס וויל ער זאגן? ער איז גוואלטיק ערנסט.

— אין א שעה ארום פארט גוסטאוו אוועק מיט נויטיקע שליחותן קיין פעטראגראד. מירן אים ווינשן ער זאל אונז איינגיכן אנזאגן דעם נצחון פון די אונטערדריקטע קלאסן און פעלקער.

נחמן איז אויפגערעגט: אַלע רעדן אויף איין מאָל. זאָלן זיי פריער צו־נויפנעמען זייערע געדאַנקען. זיי דערמאָנען אים יענעם אומגעריכטן מאָמענט, ווען ער האָט דערזען, ווי זיין קערפּער האָט זיך פּלוצים געאַנדערשט, אַן אינער־לעכער באַוואוסטזיין האָט אַ יאָג געטאָן פון רוקן אין מאַרך, אַנגעשלאָגן זיך אין די צוימען פון ווילן, ווידערווילן, עקסטאַז, אימפּעט... עס דוכט זיך אים גוסטאַוו אפּפאַרן האָט זיי צייטיק געמאַכט פאַרן קאַמף.

די לופט איז געווען געדיכט פון פּאַפּיראָסן־רויך דורכגעמישט מיט אַ שווערן ריח פון זאַקן־שוויס, רחל איז געזעסן אַ צעטומלטע, ווי אין אַ חלום, אַן ענטוזיאַסטיש־לויפנדיקע און זיך ניט געקענט רירן. די אויגן פאַרצויגן, ווי מוויל פון טיפקייט עפּעס דערזען. איר געוויסן האָט זי אַריינגעוואָרפן אין אַ געריכט־זאַל: זי איז די שולדיקע — און די אַלטע פאַרשימלטע געזעצן האָבן פאַרמשפּט גוסטאַוון. זי הערט דאָס ארומיקע מוטיקן זיך. זיי שטופּן אַפּ דעם טרויער. ווען דער מענטש זיך באַפרייען אַמאָל פון דער אייביקער קנעכט־שאַפט צום אומבאַוואוסטזיניקן אינסטינקט? אַט וואָלט זי געוואָלט, מיט איר גאַנץ לעבן, זאָגן גוסטאַוון די אַזוי פּשוטע ווערטער: „איך האָב אייך ליב״. — איז דען פאַראַן אַ מינסטע אורזאַכע צו שטערן איר אין דעם געפיל. און דאַך ווייסט זי, אַז זי וועט עס קיינמאָל ניט קענען טאָן איבער עפּעס אַ ניט פאַר־שטענדלעכן „פאַרוואָס״?.

— וואָס איז די שמחה, וואָס האָט צעפלעמלט גוסטאַווס פּנים?

— איך בין זייער צופרידן, וואָס אונזער זיסקינד וועט אַנגיין מיטן קורס־לעקציעס. הער, אונזער עקשנדיקער גריבלער, ווי נאָר סוועט ארויס דיין בוך „סאָציאָלאָגיע״ זאָלסטו מיר, נו, אויב ניט צושיקן, כאָטש מדיע זיין. גריס די אַרבעטער פון דיינע אוונט־קורסן, און דעם „רויטן״ פּריינט דיינעם פון יורידישן פאַקולטעט, ער האָט מיר דערציילט וואָס פאַר אַ טומל סהאָט דאָרט ארויסגערופן דיין „רעכטס־וויסנשאַפט״ כאַ, כאַ.

„חברים, איך האָב אים אומיסטן אַנגערעגט ער זאָל קומענדיקן דינסטיק אויפנעמען די טעמע. צוליב באַוואוסטע אורזאַכן געזעגן איך זיך דאָ מיט אייך, זייט גרייט פאַר דער ריכטיקער שעה.

„מיר שווערן״... האָט אַ זינג געטאָן פון אַלע מיילער.

זיסקינד האָט מיט עפּעס אַ דראָפּע געטאָן רחלס האַנט? אַ פּאַפּירל: „אַ וויכטיקע זאַך דאַרף נאָך ווערן אָפּגעטאָן, גוסטאַוו וועט בשום אופן ניט דערלויבן אייך היינט אַריינמישן״.

זי דאַרף געדענקען; דעם אדרעס. דריי מאָל אָנקלינגען. צו פּאַוולענקאָן זאָגן: „מיין מומע האָט פאַרגעסן צוויי שירעמס״ אויב ער וועט ענטפערן: „דער גרינער האָט זיך צעריסן״ — זאָל זי מיט אים מיטגיין און ברענגען עס צום וואָקזאַל. טאַמער נעמט די פּאָליציי איבער, זאָל זי זאָגן: „אַ פרוי האָט מיך געבעטן איך זאָל האַלטן דאָס פּעקל, ביז זי וועט אָפּנעמען אָט דאָ ערגעץ איר קינד״. זי ווייסט עס שוין פון לאַנג.

גוסטאַוו האָט זיך אַרומגעקוקט און געשמייכלט פאַרשולדיקט:

— כהאָב געמיינט רחל וועט זיין מיט מיר ביז די באַן וועט אָפּגיין.

זיסקינד האָט אים געשלעפּט מיט זיך:

— זי איז אוועק צום וואָקזאַל.

גוסטאַוו האָט דערזען רחלן מיטן טשעמאָדאַנדל איז ער טויט־בלייך געוואָרן און פאַרגעסן וועגן פאַרזיכטיקייט.

— זיסקינד! ביסט מער ניט מיין פריינט..

זיסקינד בלאַס ווי אַ מת, די ליפּן ציטערן:

— רעד גאָרנישט, מהאָט געמוזט.

גוסטאַוו האָט אַוועקגעטראָגן אין וואַגאָן דאָס טשעמאָדאַנדל און אַרויס־געקומען אַ באַרואיקטער:

זיס — קינד מיינס, זאָלסט רופן רחלן צו דיינע לעקציעס, זאָלסט זי ליב האָבן. ער האָט זיך צעקושט מיט זיי ביידע.

זיסקינד האָט אהיימגעפירט רחלן:

— זעט נאָר דעם הימל, אַן אויסגוס פון רויטער־גרויקייט. אַך דעם מענטשנס היפּך טאַנץ.

רחלס מויל האָט זיך באַוועגט ווי ביי אַ וואַנזיניקער:

— פאַרוואָס? פאַרוואָס בין איך אַזאַ געשטראָפטע צו ווייטאָן מיין בעסטן פריינט?!

קאפיטל זיבן

ניט אומזיסט האט מען די שטאט אדעס „מאמע״ אנגערופן. פון אלע עקן רוסלאנד האט מען זיך געצויגן אהין: צוליב מסחר, שטודירן, פארבעסערן דאס געזונט מיט די בארימטע שווארצע ים־בלאטעס.

די צאל פון אכסניות איז געוואקסן פון טאג צו טאג און מיט זיי די אויסגעלאסנקייט.

דעם אנהייב פרילינג האט מען אין אדעס ניט אויסגענוצט געהעריק די שיינע וועטערס: די לופט איז טומלדיק געווארן מיט געהיימע גרוסן. מהאט מיט חשד געקוקט אין די אויגן. געשראקן זיך, געטרוימט פון אן אנדער מארגן. א מארגן, וואס גיט מוט, קילט דאס בלוט. מאכט דעם מוח הארט: פון ניט קענען ארומנעמען דאס פארמיידן דעם אומבאשטימטן, אומאיימלעכן טאג, פון אנגעשטרענגטןווארטן אויפן גליקלעכן טאג.

מענטשן סודן זיך. די הייזעריקע אויסגעשרייען פון די צייטונג־פאר־קויפערס אי הויך, אי מיט עפעס א באהאלטענער מורא. מ׳כאפט די צייטונגען און מלויפט! קיינער דארף ניט זען א וואסערע נייס אינטערעסירן דיך און ווי דו שלינגסט זיי.

אין די ווינקלען פון גימנאזיע האבן זיך שילערנס בשתיקה דערציילט:

— מזאגט מיר וועלן באלד קיין קיסר ניט האבן. ווען מיכאאיל נעמט אים איבער, וואלט אלץ גלאטער צוגעגאנגען.

איינע האט איבערגעגעבן אן אנעקדאט, וואס איר ברודערס פריינט האט איר דערציילט. „מ׳האט געפרעגט אונזער קיסר: ,,וואס איז ער? דאס פאלק? צי דאס פאלק — איז ער?״ האט דער קוני־לעמל געענטפערט: ,,שיקט מיך קיין יאלטע — כ׳האב אזוי ליב בלומען!,״

— ש־ש... די פאר שילערנס האבן זיך צערוקט אין פחד.

בלאסע, אנגעשטייפטע פנימער. דער לערער פון ליטעראטור האט זיך דערמאנט — אז סאיז פאראן זייער א סך אומלעגאלע ליטעראטור, און אויך וועגן יעקאטערינע דער גרויסער. נאר געציילטע מענטשן האבן געלייענט די פאר־באטענע, אונטערערדישע ליטעראטור.

די מיידלעך כאפן אויף דעם לערערס ווערטער, ווי זיי אליין וואלטן פון דער לבנה פלוצים אראפגעפאלן.

— — —

אין צימערביים שריפטשטעלער וויינער האָבן זיך פאַרזאַמלט מיטגלי־דער פונם ליטעראַרישן קלוב.

זייער מאַרך איז מיד געוואָרן פון דער הייסער דיסקוסיע: אויב אַ רע־וואָלוציע — איז וואָס דאַרף זיין זייער אויפגאַבע אַלס די צוקונפטיקע ליטע־ראַטור־טרעגערס?

דעם הויכן, שלאַנקן דיכטער אַלעקסאַנדער האָבן די מיידלעך ענג ארומ־גערינגלט. זיין אַליוו פנים מיטן אויסדרוק פון זיכערקייט, האָט אויפגענומען זייער שמייכלען זיך צו אים, ווי אַ זאַך וואָס קומט אים. איראָניע האָט זיך גע־וויקלט אין זיינע כינעזיש קרומע אויגן: שענערע מיידלעך האָבן זיך געצאַפּלט מיט באַגער צו אים. דאָס שיינע געשלעכט — דאַרף מען אָנרופן „לייב". ער קען שוין די ווייבלעכע שוואַכקייט.

אַ פרעמדער בליק האָט אים געגעבן אַ וואָרצל ארויס. אַן אומבאַקאַנטע מיידל איז אַריינגעקומען.

— קאַלעגע וויינער, ווער איז זי? באַקען מיך.

אַלעקסאַנדער איז לויט זיין שטייגער שוין געזעסן לעבן רחלן: ער קען זיך ניט פאַרשטיין וואָס איז מיט אים געשען? וואו איז אַהינגעקומען זיין פליסנדיקער געשפרעך? די געדאַנקען בינדן זיך אים אַזוי שווער! צו די אַנ־דערע האָט ער גאָר קיין געדאַנקען ניט געדאַרפט.

ווי נאָר רחל האָט דערזען אַלעקסאַנדערן, האָט זיך איר האַרץ געגעבן אַ שרעקלעכן וויג און ניט צו באַרואיקן זיך: סאיז סאַשע שטערן, וואָס האָט געלערנט מיט איסרן אין א . . . גימנאַזיע. משה האָט אבער געזאָגט, אַז ס'איז אָנגעקומען קלעגלעכע בריוו, אַז סאשע וויל ניט זיין ביי זיין פאָטער אין אַמעריקע.

סהאָט זי געשטיקט אין האַלז: די מיידלעך האָבן געזאָגט „ער איז אַ ציניקער, ער האָט אַזאַ צוציהונג, אַלע זענען אין אים פאַרליבט. צווישן אים מיט פאַליען האָט שוין געהאַלטן זייער ווייט". עמאַ האָט זי געוואָרנט: „היט זיך! איטלעך מיידל איז ביי אים נאָר א „זי". גיי רעכט זיך, אַז דאָס האָבן זיי גערעדט וועגן סאַשען.

סהאָט זי געוואונדערט זיין משונהדיקע באַציאונג צו איר: ער דער־קענט זי נישט, צי עס שטייט אים ניט אָן צו דערקענען זיך? איז וואָס זיצט ער לעבן איר אַ צעטראַגענער? די מיידלעך שיסן מיט בייזע בליקן! וואָס קלערט זי אַזויפיל וועגן אים?!

אלעקסאַנדער פילט ווי עפּעס קומט פאַר אין אים: דער טייוול ווייסט!

ער דרייט דעם קאָפּ, ווי דער קאַלנער וואָלט אים געקוועטשט. ציט מיט די פינגער די הויט פונם האַלז:

— זאָלן די קאַלעגן, וואָס ווילן מזאל אפשאצן זייער שאָפן שוין אַנ־הייבן פארלעזן. וואָס קלייבט מען זיך אַזוי?!

— — —

דאָס באַנאַכטיקע פּרעסטל האָט זיך באַהעפט מיט דריי מיידלעכס פאַרביטערטן אויסגוס. פּירא האָט זיך געהיצט:

— אוי, אַז אַלעקסאַנדער קען זיך נאָך פאַרויטלען ווי א חסידל אי־בער אַ מיידל — איז ווי מיין באָבע זאָגט „משיח וועט באַלד קומען״.

עמא האָט איראָניזירט:

אַלעקסאַנדער האָט מיר דערמאָנט אונזער יונגן לאַשעק, ווען מען האָט אים דאָס ערשטע מאָל איינגעשפּאַנט אין אַ בריטשקע, ער האָט זיך צעלאָזט מיט אַ ווילדן געלויף און פּלוצים! — ער רירט זיך ניט פון אָרט, — זיך דער־שראָקן פאַר א ווייס־געקאַלעכט קלעצעלע.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט. פאַליעס ליפּן זענען בלוי געוואָרן:

— רחל איז אַ קליינשטעטלדיקע, אַלע גיין זיי פאַמעלעך. זי וואָלט נאָך געדאַרפט רעדן הויך! איר זענט א מבין געווען, ווי צעטומלט און צע־פלאַקערט זי איז געוואָרן ביים ענטפערן יאַניען, צי ס׳געפעלט איר זיין פאַ־עמע. איר ציילן די ווערטער האָבן די בחורים־נאַרונים אויפגעכאַפּט ווי עפּעס אַ ווער ווייס וואָס פאַר אַ ניטגעהערטע פילאָזאָפיע.

— — —

געחידושט האָט זיך נאָך מער פון אַלעמען אַלעקסאַנדער אַליין: וואָס איז עס געווען פאַר אַן אַנשיקעניש אויף אים? ער, דער געקרויינטער דאָן־זשואַן, זאָל זיך דערשרעקן פאַר אַ נאַאיוו מיידעלע. זי קוקט אויס, אין פאַרגלייך מיט זיינע אַנדערע באַקאַנטע, ווי אַ מייזל, ערשט אַרויס פון דער נאָרע. אָבער ס׳איז דאָס ערשטע מאָל, ער זאָל ניט אַנטשלאָפן ווערן איבער אַ מיידלס געשטאַלט.

— שוואַרץ־גלאַנצדיקע האָר מיט א בלוילעך סאַמעטענעם שימער. אַ פּרעכטיק געפורמטער קאָפּ! ביים אַנרירן איר האַנט איז זי ערנסט־טרויעריק געוואָרן, צוויי שטילע, טיפע קוקערס האָבן מיט אַ בליאַסק זיך אויפגעהויבן ביז זיין מויל און אירע באַקן זענען רויט געוואָרן, ווי אַן אינווייניקער פייער

וואַלט געהאַלטן אין איין איבערגיסן זיך אין זיי אין אַן אַלץ געדיכטערן רויטן קאָליר.

סאַשע האָט זיך פאַרקלערט: פון יאַניעס פּאַעמע „יעזוס טענה צו זיין מוטער" האָט זיך ביי רחלן צושטראַלט דער שטערן, ווי ביי זיין טאַטן דעם מוח־מענטש, מיטן פאַרשטאַנד איז ער געוואָרן אַ משכיל, נאָר סהאָט נאָך פון אים געשמעקט מיט אַנגעוויגטן חסידיזם. באַלעקט זיך פונם בערדיטשעווערס טראַגן בינטלעך האָלץ צו אָרימע.

סאַשען האָט באַהערשט אַ קינדערשע בענקשאַפט צום פאָטער, מיט אַ דרך־ארץ פון אַ דערוואַקסענעם צו אַ שיינגייסטער: שטענדיק געגריבלט זיך וועגן רעליגיע. מיט אים פלעג ער קנעלן — „רוחניות איז דאָס העכסטע גליק, מענטשן דאַרפן אייביק שטרעבן צו דעם".

פלוצים האָט האַלב ערנסט, האַלב איראַניש זיך צעדראָעט סאַשעס פויסט. זיין אומקלאָר געמיט האָט פאַר אים געבראַכט דעם לאַנגען, גרויען טיש מיטן איינגעבויגענעם רבין אין זיין אַמאָליקן חדר:

— דו רבי! האָסט דער ערשטער פאַרזי״ט אין מיר אומקלאָרע מחשבות, אַז מיין טאַטע האָט מיר שיר השירים ריכטיק פאַרטייטשט — האָב איך עס אויפגענומען אַן פרושים. נאָר דו, רבי, האָסט פון אַ זייט אויף אונז אַ קאָסן קוק געטאָן: „ישקני — מיינט קושן די תורה".

סאַשע האָט זיך לאַנג געדרייט אויף זיין געלעגער, און פלוצים האָט ער זיך געגעבן אַ זעץ אויף! אַ פריילעכן קנאַק געטאָן מיט זיינע פינגער!
— כ'האָב עס! רחל איז די „תורה" פון לעבן... אַ ברייטער שמייכל האָט זיך צעשפּרייט איבער זיין גאַנצן אינווייניק.

— איך וועל דער ערשטער זיך אַנשכורן פון איר הייליקייט. כאַ, כאַ!
— האָט זיין סאַרקאַזם געיובלט.

— — —

שיין איז די יוגנט, דער זכרון קלאָר. צו דער ערינערונג פון די קינדערשע יאָרן איז אַ לויף, אַ שפּרונג, מאיז דאָרטן.

דורך דער ביינאַכטיקער שטילקייט האָט רחלס זכרון געאײַלט אַהין. יעדע קלייניקייט אַזוי ליב: איר מאַמע האָט זי מיטגענומען צו זען זיך מיט איסרן און אַנצוקוקן אַ גימנאַזיע. ביי איסרס באַלעבאָסטע האָט זי זיך באַקענט מיט סאַשען. יענע האָט געוואָלט ווייזן, ווי זי גיט זיך אָפּ מיט פרעמדע קינדער, האָט זי געהייסן סאַשען שרייבן אַ בריוו צו זיינע עלטערן.

באַלד האָט זי זיך צעשריען: „זעט נאָר דאָס שקראַבען! פיל מיט פלעקן! שרייב עס שוין איבער!"

סאָשע האָט אַ פאַרשעמטער געטענהט: „כשרייב עס בלויז צו מיין אייגענעם טאָטן, דאַרף איך ניט האַלטן אין איין איבערשרייבן".

די באַלעבאָסטע האָט זיך נאָך מער צעלאָזט מיט איר קוויטשעדיק קולעכל: „איר הערט כאַטש! אזא עקשן, צעלהכעותניק, ווי שטאַלץ דאָס רעדט! זיך אריינגענומען אַ משוגעת: „אַ פּאָעט"! — מאַכט ער אַלעמען קראַנק, מזאַל אים אויסהערן מיט זיינע אנגעטענטלטע מיינע צרות. ווייז איך אים אָן איי־נעם אַ צבי־הערש. די סוחרים באַשטעקן אים מיט פעדערן, די קינדער גיין ביי אים קריע־בליע. די ווייב אַליין, נעבעך, זאָגט: „ער איז אַ פּאָעט — קען ער ניט פאַרדינען".

רחל האָט זיך צעשמייכלט פונם דערמאָנען זיך:

ארום טיש האָבן זיך אויסגעזעצט דער באַלעבאָסטעס פיר קינדער סאָשע, איסר און זי. דער אויסגעדאַרטער, נאָכגעגעבענער פופצן־יעריקער טיאַ־מע האָט געבאַלעבאָטעוועט: „קלאַפּט ניט אזוי מיט די גאָפּל־לעפל. כאַפּט ניט ווי זשעדנע אָרימעלייט"

סאָשע האָט ענטוזיאַסטעש אויסגערופן: „כ'האָב אַ ניי לידו!"

„מאַמע! דער אידיאָט מאַכט מיר ווידער אַ בויך גרימעניש מיט זיינע גראַמען!" האָבן טיאַמעס געשרייען פאַרהילכט סאָשעס לייענען פון קאָפּ ארויס.

דאָס עלטערע מיידל, וועלכע פלעג ארויסהעלפן דער מוטער אין גיין איינקויפן אין מאַרק האָט גערעדט ווי אַ גרויסע: „טיאַמע, דאַרפסט אים גאַר־נישט מקנה זיין, ער וועט ווערן ווי דער „משוגענער פילאָזאָף צבי־הערש". פון זיין ווייב לאַכן אַלע מאַרקעלעכעס, ווי זי דרייט זיך ארום זוכן ביליגע פיש".

דאָס קלענסטע מיידעלע האָט צעלאָזט איר פלעקעלדיק צינגל: „משו־גענער פּאָעט, משוגענער פילאָזאָף! אַוודאי האָט איר סאָשע געוואָלט אַריבער־דערלאַנגען אַ פּאַטש. ווי דערשראָקענע הינער, קאַטשקעס מיט אַן אייזעריקן האָן האָבן זיך אַלע צעפילדערט. די צעהיצטע באַלעבאָסטע איז אַריין און גלייך צו סאַשען: „אַלע צרות מאַכסטו מיר אָן! אַ בחור פון דרייצן יאָר"...
אירע אויערן האָבן זיך פאַרשפּיצט, זיי האָבן פון דרויסן דערהערט עמיצן:

„מאַדאַם פרענק וועט מיינען מאיז דאָ פון זינען אַראָפּ. עסט און קיין פּיפּס זאָל איך ניט הערן".

זי, רחל, איז זייער אַנטציקט געוואָרן פון סאָשעס פעהיקייט אויפן צרט

צונויפצושטעלן אַ ליד. זי האָט איר גאַנצן שאָקאָלאַד אַרײַנגערוקט אין זײַן מויל אַלס פאַרגיטיקונג און רעספּעקט.

א ראָזע פּאַרב, פון מיידלשער בושה, האָט באַדעקט רחלס געזיכט, ווי גלייך דער הײַנטיקער סאַשע וואָלט זי אַ קוש געטאָן: איר הייליקטום, וואָס זי האָט דאָרט אַרומגעוויקלט מיט אַ סאַמעטענעם מענטעלע איז טמא געוואָרן. אויף איר דעמאָלדיקן בעטן און וויינען זי זאָל בלייבן לערנען אין גימנאַזיע האָט די מאַמע זיך געהאַלטן ביי איינס: „וועסט זיך אזוי אויך באַדרייען" און צופרידן געשמייכלט.

די באַלעבאַסטע האָט חניפהדיק אונטערגעהאָלפן: „דאַרפסט ניט וויינען קינד, הלוואי אויף מיינע טעכטער, אַז דיין שאַדן, געזאָגט געוואָרן. דיין מאַמע איז קיך־עין־הרע אָנגעשטאָפּט, זי האָט פאַר דיר געגוג נדן צו פאַרשטעלן צען גימנאַזיעס". עד היום פילט זי יענעם האָס צום „אָנגעשטאָפּט", און צום „נדן".

גאַנצפרי האָט רחל זיך געזאָגט: „טראַכט ניט מער פון סאַשען".

ס'האָט ניט געפּאָלגט: ס'האָט זי אינגאַנצן באַהערשט.

אין אָוונט, האַלב נאָך ביין האָט דאָס קישן ווייס־געשמייכלט: זי וועט ניט אַנטשלאָפן ווערן אַזוי פרי, יונגע מיידל. זי ווייסט ניט — אַז יענער דינער, קינדערשער פאָדים, וואָס האָט זי דעמאָלט צוגעבונדן צו סאַשען איז גענוג שטאַרק זי זאָל אים ניט קענען איבעררייסן.

יענער פאָדים האָט אַרומגענומען רחל'ס האַרץ און מוח: צוליב איר האָט די מאַמע זיך אָפּגעריסן פון די געשעפטן און געפאָרן קיין קרים — „רחלע זאָל זיך באָדן אין ים־וואַסער און אויפעסן אַ ביין, כאָטש זעקס פונט טרויבן אַ טאָג. ווערן צוריק אַ פעט מיידל".

אויפן אַדעסער וואָקזאַל האָט דער טרעגער געזאָגט, אַז אַ שיף קיין סע־וואַסטאָפּאָל וועט אָפּגיין ערשט צען אין אָוונט. לעבן זיי איז ווי אויסגעוואַקסן סאַשעס פאָטער.

— מאַדאַם פרענק! ברוך־הבא, אַ גאַסט! דאָס איז די בת־יחידה? (אַ גלעט איבער דער באַק). — איר מוזט פאַרפאָרן צו אונז. מיין סאַשע, זאָל לע־בן, איז שוין דער אמתער בחור. אַ מאַן, גרעסער פונם טאַטן. און אַ קאָפּ — אַן אַנטיק!

אַן אומבאַקאַנטע ריכטונג האָט אַ ציגעטאָן רחלן. זי האָט געהערט פון דאָרט סאַשעס קול — ווי ער האָט געלייענט זיין ליד. איר האַרץ איז געוואָרן אַ פויק־סיגנאַל.

די מוטער האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן: „יאָ, שוין אַ גרויסער? ער דאַרף זיין עפּעס אין איינע יאָרן מיט מיין אינגל אין אמעריקע. און וואָס מאַכט עפּעס אייער מאַדאַם?

— אַ דאַנק, וואָס זאָל זי מאַכן? מיין פלוניתטע וועט זיך גאָר מחיה זיין מיט אייך, זי וועט האָבן אַ געלעגענהייט צו באַווייזן זיך, ווי זי איז אַן „אַדעסיטקע״ געוואָרן. געלעכטער אין אַ זייט. לאָם איך אייך זאָגן, מאַדאַם פּרענק, די אַנדערהאַלבן יאָר דאָ האָבן מיר ערשט געעפנט די אויגן. אין די קליינע שטעטלעך זענען די מענטשן ווי פאַרלאָרענע.

— — —

דער זעכצניאָריקער סאַשע האָט טאַקע אויסגעקוקט ווי אַ גרויסער, אין זיין אַנוועזנהייט האָט רחל געשעמט זיך, מאָדנע געפילט און ניט געוואָלטליידן, וואָס איר מוטער זאָגט: „שוין אַ מיידל פון דרייצן יאָר און קוקט אויס ווי אַכט״.

אַ געשמאַק מאַלצייט איז געשטאַנען אויפן טיש, אַלץ איז געווען אויפן פיינסטן אופן. האָט פלוצים סאַשעס מוטער אַ בייזן שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו זיין פאָטערס זייט:

— ווי איר קוקט אָן מיין מאַן — האָבן זיך אים ערשט די ציינדלעך געגומען שניידן — רוסישע ביכלעך ליגן אים שוין אינזינען. ס'איז מיר אַ בזיון פאַר גאָט און פאַר לייט. ער שטייגט אריבער אַלע אפּיקורסים, כ'דער־צייל עס פאַר אייך, ווי פאַר אַן אייגענער שוועסטער. (זי האָט זיך צעוויינט): ער רויכערט אַ פּאַפּיראָסל אום שבת. און איך דאַרף אָפּפינסטערן מיינע יאָרן מיט אים.

זי האָט אים אויפגעוואָרפן: איר טאַטע האָט אים תּק'ערס נדן אָנט־קעגן געטראָגן פאַר זיין פרומקייט. אַ טכוירענעם טוליפּ געמאַכט. זיין מאַמע, די יחסנ'טע, האָט אים מיטגעגעבן צעפּיצלט גרעט, פאַר קיין גראָשן פעפער ניט געווען אין וואָס צו פאַרוויקלען. . . .

דער פאָטער האָט זי געבעטן זי זאָל שווייגן. אָבער זי האָט געשריען און אַלץ דערציילט:

די רייכסטע, יחוסדיקע באַלעבאַטים, די שענסטע חסידים זענען זיך צונויפגעפאָרן צו זייער חתונה. קינד און קייט איז געלאָפן קוקן. דאָס שטעטל איז געוואָרן פון אַלע מיילער איינס. איר ראַטאַנדע מיט די חתונה־קליידער האָבן געשמט. איז אַנטאָן זיך האָט זי, דאַנקען גאָט, אין וואָס. בלויז דאָס שיקן זי, ווי ביי לייטן אַ מאַן, אין די ביידער, זאָרגט ער אויך ניט. אַחוץ זיין קענען

דאָס לערנען — האָט ער קיינמאָל צו גאָרנישט ניט אויסגעטויגט זיך, און אַזוי איז ער פאַרבליבן אַ לא יוצלח ביז היינטיקן טאָג.

דער פֿאָטער האָט בייז געשמייכלט:

— כאָטש גראָב אויס אונזערע טאַטעס און האָב צו זיי אַ טענה, וואָס קוועטשן די באַנק איז געווען ביי זיי די גרעסטע, גליקלעכע דערגרייכונג פאַר זייערע קינדער.

— נו, וואָס זאָגט איר, מאַדאַם פרענק? מיין ווייב הערט ניט אויף אויסצורעכענען הסרונות אויף מיר. איך פאַרשטיי נאָר ניט פאַרוואָס ביי ביאַ־ליקן, זשאַבאָטינסקין און אַ סך אַנדערע קלוגע, געלערנטע בין איך אַ מענטש. זיי גיבן מיר אָפּ דעם גרעסטן רעספּעקט. ביי איר בין איך נישט מער ווי אַ שמאַטע. אָן ענדע מוז נעמען!

פון זיינע טאַטע־מאַמעס מיילער האָט אַ לאַז געטאָן זיך פייער, פלאַם.

זי האָט געטראַכט — גרויסע מענטשן און ערגער פון קליינע קינדער, מיר געזאָגט! דיר געזאָגט! סאָשען איז ניט גוט ביי זיי. זי האָט דעמאָלט ניט פאַרשטאַנען ווי שווער ס'איז דאָס צונויפלעבן זיך פון אַזוינע צוויי פאַר־שידענע וועלטן.

אַ בענקשאַפט האָט זיך געטראָגן פון רחלן צום אַמאָליקן סאָשען: ערשט ווען זייער קריגעריי האָט זיך פאַרוואַנדלט אין הייסן פריסיק, האָט מען זיך דערמאָנט, אַז די קינדער האָבן ניט געוועזן הערן דאָס אַלץ. מ'האָט זיי געשיקט שפּאַצירן. אוודאי איז זי אַרויס די ערשטע. פון זייער קריגען זיך האָט זי געדריקט אַ געפיל — זי מוז אויסשפּייען. נאָר ווי טויט מען עס פאַר פרעמדע מענטשן. די טיר האָט זיך פון סאָשעס הענט־אַרויס געגעבן אַ מאַך צו מיט אַן הילכיקן קנאַק! „אַנטשולדיקט מיר" איר האָט זיך דערשראָקן"? און ער האָט צוריק אויפגעעפנט די טיר צו פאַרמאַכן זי פאַמיילעך.

זי האָט אַ שמייכל געטאָן און געלאָזט זיך לויפן אַראָפּ צו די טרעפּ, טראַכטנדיק: ער וויל ווייכער מאַכן דעם פריערדיקן קלאַפּ, האָט ער צוליב דעם נאָכאַמאָל אויפגעעפנט די טיר. ער ווייס פון זיינע שלעכטע עלטערן מאַכן גוטע.

רחל קלערט: דעמאָלט איז איר געוואָרן מיט אַמאָל אַזוי פריילעך, אָבער איצט שטיקט אָן אומעט. זיי זענען אַריין אין אַלעקסאַנדערסקע בולוואַר.

„סאָשע איר שרייבט לידער?" האָט זי אויסגעשאָסן מיט איר פאַר דער גאַנצער צייט צוריקגעהאַלטענער נייגעריקייט. זי געדענקט עס ווי נעכטן וואָלט עס פּאַסירט: זיין פּנים האָט אויפגעלויכטן, אַ נייער איז ער געוואָרן. ער האָט

ארויסגעשלעפּט פון בוזעם־קעשענע א ביכעלע: „איך צוזאמען מיט מיינע צוויי פריינט האבן עס ארויסגעגעבן". זיינע לידער אזוינע טרויעריקע. רחל טראכט: געדעכט איז פושקין „וואס וועט אוועק — וועט ווערן ליב". עס בענקט זיך איר נאכן פארגאנגענעם. אויף דער שיף האט זי אלץ פארכאפּט. דער ארום פון הימל און ים — איז אַ וואונדער־חלום. ניט ווינציקער צוציענ־דיק זענען געווארען די דריי קורסיסטקעס מיט די צוויי סטודענטן. איך גע־הער האט זיך פארשאפט צו זייער ווינקל: ניט דורכצולאזן אַ ווארט! סאיז נאך העכער פון גימנאַזיסטן און גימנאַזיסטקעס. זיי זאגן: „יאַלטאַ איז דעם קיסרס דאַטשע — לאַזט מען אהין קיין אידן ניט". זיי רעדן א סך וועגן די באַ־גרענצונגען, וועגן די שוואַרץ־מאהניקעס. זי האט זיי פארגלייכט מיט איר ברוד־דער חיים — דעם טאָלסטאָוויעץ און וועגעטאַריער. עס האט איר געמוטיקט צו רעדן צו זיי.

„אין דארף פארן זומער דורך ציגיינער, זייערע קינדער נאַקעטע, זיי אַליין אפּגעריסענע. אַ שטיקל ברויט כאַפּן זיי מיט זשעדניקייט. דאך איז איידער עפּעס איז, וואַקסט אויס דער סאַצקע און מיטן שטעקן: אידאַ! אידאַ! מארש! „זיי, זאָגט ער, איז לויטן געזעץ פארבאָטן צו שטיין לאַנג אין דארף".

די סטודענטן מיט די קורסיסטקעס זענען געווארן אירע פריינט פארן גאַנצן קוראַרט־סעזאָן. זיי האבן זי געהאַלטן אין איין אויספרעגן וועגן דעם לעבן אין קליינעם שטעטל, און דארף.

רחל האט זיך צעשמייכלט. זי האט זיך דערמאָנט, ווי זי האט געהאַלטן אין איין חזירן אין איר מוח: „די צעפאַלונג פון דער בורזשואזיע מוז אנקומען, די צעפאַלונג פון דער בורזשואזיע מוז אנקומען". זי האט געוואלט די ווער־טער איבערגעבן חיימן, אפשר ווייסט ער ווער דער מאַרקס מיטן מאַרקסיזם זענען?

רחל האט זיך ערנסט פארזאָרגט: דער גרעסערער טייל פון דער אינ־טעליגענציע איז באַקאַנט נאָר די טעאָרעטישע זייט פון לעבן. זי האט זיי דער־ציילט, ווי פייגע גיט אַנטאָן איר מאַן א לאַנג בענדל אויפן האַלז — ווייל פאַר דער וואַך, וואס ער נעכטיקט אין דאַרף ביי די גוים — ווערט ער פאַר־לייזיקט, אויפן בענדל צום לייבצו קלייבן זיך דערהויפּט די לייז — איז איר גרינגער צו באַרייניקן אים. טרערן האבן זיך געשטעלט ביי די קורסיסטקעס. זיי האבן זיך גאַר ניט געקענט פארשטעלן, זיי האבן געשטוינט: „אין דאַרף איז דאַך אַזאַ פרייע, שמעקנדיקע לופט"?

טרויעריק פליען רחלס געדאַנקען: ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז סאַשע איז מיט זיין פאָטער אוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע — האָבן די ווערטער פון זיינס אַ ליד „כוואַליעס שלינגט מיך איין!" אַנגעגאָסן מיט טרערן אירע אויגן. איר מוטער האָט זיך צעלאַכט: „דו ביזט אַזאַ שיין מיידל געוואָרן — די רייכסטע שדוכים וועלן מיר אָפּשלאָגן די שוועלן". און איצט, איז ער, אַלעקסאַנדער, אַ באַטיטלטער מיט „דאָן־זשואַן", „ציניקער". דערפאַר וואָס זי האָט אים דעם לעצטן געגעבן די האַנט — האָט ער אַ שמייכל געטאָן: „אחרון, אחרון חביב?" ווי שאַבלאָן.

עס פליט די נאַכט, עס דוכט זיך רחלן: עפּעס אַ פאַרשידנקאָלירטע צונג, ווי די געהייליקטע טעפּער־בענדער אין טאָג פון רעליגיעזע־פּראָצעסיעס, ווען די דריי־פיר אידישע פאַמיליעס אין דאָרף האָבן געציטערט פאַר זייער לעבן, שפּעטן און באַליידיקן איר נשמה...

סאיז אין רחלן דייטלעך אויפגעשוואומען די פאַרשעמטקייט, וואָס דאָס דאָרף מיט די גוים האָבן געפילט בעתן דערוויסן זיך וועגן דעם הולטאַישן טאַט פון זייער גלח צו דער קליינער יתומה, וועלכע ער האָט אריינגענומען צו זיך, ווי אַ וואוילטעטיקער.

מדאַרף פאַרגעסן אין דעם אַלעקסאַנדער. אויב זי וועט אים ערגעץ באַגעגענען — איז ווי אַ ווילד פרעמדן. זיין נעכטיק ליד געפעלט איר.

— — —

אויף מאָרגן, אַ ליכטיקער, זוניקער זונטיק. אַלעקסאַנדער איז געקומען! פון גרויס צעטומלעניש האָט רחל פאַרגעסן אין איר אָפּמאַד — קיינמאָל אפילו ניט צו קוקן אין זיין זייט.

עס צאַפּלט, עס וואַרפט זיך איר מיידלש האַרץ:

— סאַשע, הייסט עס איר האָט מיך יאָ דערקענט, אַז איך בין איסרס שוועסטער.

ער האָט אַ ציטער געטאָן:

— איר! איסרס שוועסטער?!

זיין שטערן האָט זיך איינגעקנייטשט און זיך אַראָפּגעלאָזט צו זיינע אויף גיך פאַרצויגענע אויגן. איטלעך אויג האָט ווי געוואָלט אריינקריכן אין אַנדערן צו אויסמוסרן פאַר ניט אויספּילן זיין פליכט אין אַזאַ וויכטיקן ענין. ער האָט זי באַטראַכט:

— אבער ווי איז עס מעגלעך?!

— וואס?! איך האב אייך געזעץ ביי אונז, אין אדעס, ווען מיין פאטער איז נאך דא געווען.

רחל האט זיך ניט געקענט מוחל זיין: געדארפט גויטיק צורודערן זיי־נע וואונדן, זיין פנים א באהאלטענער קומער.

— אבער ניט איר זענט געווען ביי אונז. איך געדענק עפעס א קליין מיידעלע מיט גראבע, לאנגע צעפ ביז נאך די קני. כא כא כא! כ׳האב זיך דער־מאנט א פיקאנטע זאך: בעת איך בין איר נאכגעלאפן אראפ די טרעפ — האב איך זי געוואלט אנכאפן ביי אירע לאנגע צעפ און צעריסן איר באנט. מיר האבן ביידע געוואלט וויינען.

רחל האט פריידיק געשמייכלט, ווי איינע וואס האט האפנונגסלאז פאר־לארן א טייערע זאך, און פלוצים איז עס געקומען צוריק, גלייך אין די הענט אריין. אבער זי איז אויפן ארט טרויעריק געווארן: זי שפירט אין זיין אומ־געוויינלעך פארמערנדיקער צאל קנייטשן אויף זיין יונגן שטערן, אז א פיין, וואס איז געלעגן ערגעץ טיף אין זיין זכרון איז אויפגעשוואומען אויף דער פלאך און מוטשעט אים.

סאשע האט געשטעלט ברייטע שפאנען, ווי ער וואלט געוואלט עפעס אריבערשפרייזן: דארף עס אים טרעפן, זי זאל גאר זיין די שוועסטער פון זיין בעסטן, קינדהייט פריינט. בכלל אין איר אנוועזנהייט — איז עפעס ווי ער וואלט אריין אין א פרעמדער מדינה און געווארן געצוואונגען צו האלטן זיך ווי א סטאטיק. אבער ווי געשמאק איז צו הערן פון אירע ליפן דעם נאמען „סאשע״, כא! ער פארליבט זיך אין אים.

קאפיטל אכט

רחל האט געשמועסט מיט זיסקינדן.

— נחמן קען זיך ניט דערלויבן די צייט, וואס ער גיט אוועק יעדן טאג מיט לויפן צו אן אנדער מיטשילער צו צוגרייטן די לעקציעס. „ווען איך זאל האבן אייגענע ביכער — וואלט די גאנצע נאכט געוועזן מיינע און דער טאג פאר ווער עס וואלט נאר מיך געוואלט". — האט נחמן גערעדט ווי צו זיך. — „קיין שום ארבעט וואלט מיך ניט אפגעשראקן. כ'בין שוין נמאוס אלע שילער, אפילו חברים האבן פיינט מ'זאל קומען צו זיי נאך טובות, זאל עס אפילו זיין נאר צוליב נוצן זייערע ביכער".

זיסקינד האט זיך געחידושט, וואס נחמן האט זיך אויסגערעדט פאר רחלן:

איך קען אים ניט פון נעכטן, צוזאמען אין חדר געלאפן. אלע זיינע יארן נייטיקט ער זיך, אפילו קיין ברויט ניט צו זאט — דאך זענט איר די איינציקע ביי וועמען ער טרינקט אמאל א גלאז טיי.

רחל שלאגט אים איבער די רייד:

— ממוז אים ארויסהעלפן.

— ער לאזט זיך ניט! ער איז זייער א קלוגער, דאך האלט ער זיך שטאלץ, ווי דער ערגסטער נאר.

— ער האט פארלוירן דעם גלויבן אין מענטשן. כ'האב אנומלט געבעטן אים כ'זאל צונייען זיין מאנטל — איז ער ביטער געווארן: „דו מיידל, היט אפ דאס געזונט, זאלן זיך שעמען אונזערע פיינע כלל־טוער".

א קלאפ אין טיר. סאשע איז זייער איבערראשט געווארן: רחל שטייט ביי אים אין צימער! אים איז גוט באקאנט, אז א מיידל, וואס וויל מזאל טראכטן, אז זי איז „אן אנשטענדיקע" וועט ניט קומען אליין צו א בחור אויפן קווארטיר, בפרט רחל.

— ווער נאך איז מיט אייך? פארוואס גייען זיי ניט אריין?

— סאיז נאך פרי, אפילו שפעט האב איך אויך ניט קיין מורא צו גיין אין גאס. האט זי אויף זיין צוטומלטקייט, קאלטבלוטיג געענטפערט:

ער האָט זיך ניט געקענט אָפּהאַלטן פון מאַכן אַ באַמערקונג:

— רחל, מענטשן קוקן קרום, ווען אַ מיידל גייט אַליין צו אַ בחור.

אויף אַ מאָמענט האָט זי זיך דערפילט אין אַ פאַרלעגנהייט: איר איסר פלעג זי אויך וואָריענען קעגן זיינע חברים, אַז קיין איינער פאַסט ניט פאַר איר.

— איך בין געקומען צו אייך צוליבן צעטל ביכער קריגן. זי האָט אים דערלאַנגט אַ פאַרשריבן שטיקל פּאַפּיר.

— נאָר „מלחמה און פרידן" האָב איך. — האָט זיין מויל זייטיק גע־שמייכלט.

רחלן האָט פאַרדראָסן אויף זיך: פאַרוואָס האָט זי ניט אַ טראַכט געטאָן, אַז צו „אים" האָט זי ניט געדאַרפט גיין.

— נו, און אַז איר בחורים קומט צו מיר — איז וואָס איז דער חילוק? ס'איז אַן אומזין צו „קוקן קרום דערויף"!

אירע פולבלוט ליפּן האָבן זיך קינדיש אָנגעבלאָזן:

די מענער אַליין טראַכטן צו די רעכט, און נאָר זיך גיבן זיי אַלע רעכט, דערפאַר האָט איר אַזוי מורא די פרויען זאָלן ווערן גלייכבארעכטיקע.

— כאַ! האָט סאַשע אַ הויכן לאַך געטאָן. שיין וואָלט די וועלט אויסגע־קוקט ווען ווייבער זאָלן אָנהייבן געוועלטיקן. איר האָט אַזוי אויך גענוג, אַרי־בער גענוג מאַכט איבער די אייזלען. בר־ר! סוועדט מיר אַזש קאַלט פונם פאַר־שטעלן זיך — פרויען ריכטערס זאָלן אונז מענער משפּטן!

רחל איז דערוויילע פאַרכאַפּט געוואָרן: אויפן טיש אַזויפיל פאַרשריבן פּאַפּיר! עס ציטערט איר נשמה: וואָס טראַכט ער דאָרט?

— סאַשע, איר וועט מיר לייענען אייערע לידער.

סהאָט אַ פלאַטער געטאָן אין אים: ער האָט עטוואָס פאַרגעפילט איר קומען.

זיין ברוסט האָט זיך צעשפּרייט, צוויי פליגל געוואָרן: פון פאַרנאַכט אָן רייסט זיך אין אים אַ ליד פון „אייביקן שלום" נאָר שווער איז דאָס געבורט. ער האָט זיך אַ וועק געטאָן.

— געוויס, אויב איר האָט געדולד צו הערן פּאָעזיע.

זי האָט זיך אַריינגעטראַכט אין יעדער שורה, איטלעך וואָרט. און אירע אויגן האָבן געלויכטן מיט דערשטוינונג: זיין רעדן אין אַלגעמיין איז ווי אַ צולהכעוס, אַ קאַריקאַטור לגבי דער פאַרטראַכטער בענקשאַפט פון זיין שרייבן.

די סתירה האָט זי פאַרקלעמט ביים האַרצן. זי וואָלט געוועזן אַ בעלן, אַז דאָס צעמולבעטע־טישל מיטן בענקל לעבן פאַרזשאַווערטן בעט אין דעם

שמאַלן, נידעריקן צימער — זאָל איר דערקלערן, צי סאַשעס פאָטער, דער גע־וואָרענער אין אַמעריקע דאָקטאָר־פילאָזאָפיע האָט געהאַנדלט רעכט, צי ניין?

פּלוצים האָט ער איבערגעריסן זיין לייענען:

— קומט מיט מיר צו מיין מוטער, זי וועט זיין זייער צופרידן... (זיין קול האָט זיך איבערגעהאַקט.) ווי אַ שווערער וואָלקן, האָט אַ בלאַסקייט זיך אויסגעצויגן איבער זיין מאָט פּנים.

רחלן איז געוואָרן ענג: ער האָט מורא זיין מוטער זאָל זיך ניט דערמאַ־נען אין יענע טעג, ווען זיין פאָטער האָט זי פאַרלאָזט.

— ניט היינט, האָט זי אים געפּרוּווט פאַרגרינגערן, אַמאָל ביי אַ געלעגנהייט. דערווייל גריסט אייער מוטער.

— אפילו לייענען יענעמס געדאַנקען קען זי אויך, האָט ער, מיט דאַנק־באַרקייט, געטראַכט, זי איז אַ קלוגע.

— סאַשע, איר דאַרפט מיך ניט גיין אָפּפירן — כ׳האָב אייך געזאָגט, אַז כ׳האָב ניט קיין מורא, אַ שאָד איר זאָלט פאַטערן אַ גאַנצן אָוונט.

ער האָט געאיילט צוריק אין צימער. עס איז געלאָפן אַן אויפהער זיין פּען איבערן פּאַפּיר. ער האָט געשמייכלט שטאָלץ און טראַציק, דער שמייכל האָט געברייטערט זיך: עס שרייבט זיך גוט!

אָט איז ביי אים אויסגעוואַקסן אַ נאָך קיינמאָל אַזאַ גליקלעכער גע־לעכטער... פרייליך האָט געשריען די גאַנצע נשמה: רחל איז די אַנרייגונג ברכה פון זיין שאַפן!

— — —

לאַנגזאַם איז רחל געגאַן אַרויף די טרעפּ: זי האָט שוין דריי ביכער. דער פּאָעט האָט ניט געוואָלט נעמען קיין געצאָלט, כאָטש ווי עס קוקט אויס, נייטיקט ער זיך אין יעדן גראָשן. פאַרוואָס וואוינט ער ניט מיט זיין מוטער? ווי גיט מען די ביכער נחמנן ס׳זאָל אים ניט ווייטאָן? דער זשאַוועער פּונם לעבן צעפּרעסט די בעסטע מענטשן.

אַ בריוו פון אַמעריקע פון איסרן:

„מיר האָבן היינט אַראָפּגענומען פון שיף חיים דעם פעטערס, ער זאָגט, כמעג זיין שטאָלץ מיט דיר. כאָטש דו לערנסט אין דער גרויסער שטאָדט אָדעס פאַרגעסטו ניט: אַז אַ מיידלשע „מודה אני“ באַשטייט אין האַלטן הויך דעם אידעאַל פון קערפּערלעכער און מאָראַלישער ריינקייט“.

„אז איך וועל אָנהייבן צו טראַכטן פון הייראַטן — וועל איך פאָרן צו־ריק קיין רוסלאַנד און אויסקלייבן עפּעס אַן אַנטיקל. דאָ, די מיידלעך לאָזן זיך צופּיל קושן, קוועטשן".

פאַר רחלן האָט זיך צעוויקלט אַ בילד: זי איז אַן עלף יאָר אַלט געווען. זי איז אַריין אין דער פינסטערער קיך צו באַהאַלטן זיך, האָט זי דערזען, אין דער אַנטקעגנדיקער קיך, מאַלאַנען קנעטן אַ מולטער מיט טייג. הינטער דער אָפּ־שטויסנדיק־מיאוסער, קורנאָסער שיקסע איז געשטאַנען דער קוזינעס מאַן און מיט ביידע הענט געדרייט איר גרויסן בוזים. ביים קינד רחלן האָבן זיך געשטעלט טרערן: זיין ווייב אַזאַ שיינע — אין גאַס קוקן איר אַלע נאָך „אַ קראַסאַוויצע".

— איסר! האָט רחל גערופן צו איר ברודער אין אַמעריקע. כ'האָב פּרי־ער געזען סאַשען אין זיינע לידער...

אַ ראַזעקייט האָט זיך צעגאָסן איבער איר פּנים.

— — —

סאַשע האָט זיך ווי פאַרלאָרן אין באַגייסטערונג, אַ מידער, אַן אויס־געשעפּטער איז ער איינגעשלאָפן: פון רחלס פינגער שטראָמט אין אים אַזאַ ווייסע־ליבע... זיי קלעטערן אויף אַ באַרג שניי... זיין פאָטער לערנט מיט אים פון אַ חנוכה דריידל: „נס גדול!" און אים איז אַזוי געהויבן פריילעך.

ער האָט זיך דורכגעוואָרפן, דערמאָנט זיך אין חלום: „סאַשע" ביסט גוט אין דער אַרבעט!

די טעג פון די וואָכן האָבן זיך לאַנגזאַם גערוקט. סאַשע האָט ניט אַן פּחד געפילט, אַז רחל הייבט אָן צו פאַרנעמען ביי אים אַ גאַר באַזונדער אָרט, אַ ניי אָרט: ער קען ניט פאַרשטיין, ווי אַזוי האָט עס זיך אַריינגעגנבעט אין אים? ער וועט אומיסטן גיין צו איר, צו איבערצייגן זיך, אַז ס'איז קאַלט און פּוסט ווי שטענדיק.

איז אָבער אין מיטן וואָך באַגעגנט מען אים מיט אַ פּאָר צעקאָווע אייגלעך, עס מאַכט ניט צי סעפּנט די טיר די דינסט, צי די באַלעבאָסטע — דער ענטפער, דער זעלבער: „רחל איז ניטאָ, וועט קומען שפּעט. איר דאַרפט עפּעס איבערגעבן פאַר איר?"

— ניין!

ער איז בייז! אַ מאָדנע מיידל, לערנען מיינט זי איז אלץ. זונטיק איז ביי איר א פאַלנער יאַריד. פון פאַרטאָג אָן וואַרטן שוין א פּאָר בחורים אין דרויסן און צוויי אין צימער. אלע האַלטן זיי זיך ווי איין משפּחה. „גוסטאַוו״ הערשט פון ערגעץ! באַלד פרעגן זיי רחלן: „עפּעס דאָ?״ — ווייסט זי שוין פון וועמען. אויף איר פאַרחלומטקייט לייענען זיי צי ס׳איז גוטע, צי שלעכטע נייס, וועמען וואָס מ׳דאַרף מדיעה זיין... זיי רופן זי צו א לעקציע, אפּערע, פאַר־זאַמלונג, לייענען א בוך — אבי דעם גאַנצן טאָג זאָל זי ניט בלייבן, א רגע, אליין. און ער, אמאָל מיט עקשנות פאַרביסענע ליפּן, אַמאָל מיט עפּעס א סאַר־קאַסטישן ענטפער, מערטייל מיט אויסגיסן זיין כעס אויף אלע פּרויען נעמט אָן איר איינלאַדונג צו מיטשלעפּן זיך.

קאַפּיטל ניין

מיטן זון אויפגאַנג האָבן זיך געליידיקט די שטיבער, די הייף. גרויס און קליין איז ארויס אין גאַס צו בייוואוינען די דעמאָנסטראַציע, דעם זיג איי־בערן צאַריזם. ס׳האָט אויפגעוואַכט דאָס סאָציאַלע האַרץ. די רעוואָלוציע. די אויגן האָבן געגלאַנצט מיט פרייד, דאָס קול האָט געלאַכט, געזונגען, פאָראויס! פאָראויס צום ליכטיקן „הײַנט״!

די שכרות מיט וועלכער גוסטאַוו פלעג רעדן איבער סאָציאָלאָגיע מיט זיינע ליכטיגע האָפנונגען — האָט געפלאָסן אין רחלן צוזאַמען מיט ציענדיקן המון.

זי האָט געשמייכלט: אפילו זייער דינסט׳ס אונטערגעפירטע אויגן מיט איבערגעבערענטע שוועבעלעך, אדער קנויטל פון ליכט, קוקט הייַנט אויך אויס יום־טובדיק שיין. ווען גוסטאַוו זאָל זעען די שייַנענדיקע פּנימער. זי געדענקט גוט זיינע אָנרעגנדיקע ווערטער: „דער אָנהייב צו לעזן די שווערע, סאָציאַלע פּראָבלעמען, האָט זיך שוין אָנגעהויבן — קומט אַלע אינאיינעם צו מאַכן אים א דערפאָלג״!...

די אָרקעסטערס זענען שוין לאַנג פאַרבייגעגאַנגען. די מאַסע פּליסט אַלץ. אויף א וואָגן ענג אָנגעשטעלט מיט שילערס און שילערינס פון דער אָדע־סער קאָנסערוואַטאָריע גיסט זיך א גליקלעך געזאַנג.

וויוטסיאַ טוטשי, מטשאַטסיאַ טוטשי.
ניעווידימקאַיו לונאַ,
איוו פּעטראָגראַדיע סטאַלאַ קרוטשע
נאַטשאַלאָס סאַ סטאַריקאַ . . . (ראַזפּוטינען)

ראַזאַ בורשטין, אַן אויסגעצייכנטע זינגערן, אין א קורצן בלוי־פּלושענעם זשאַקעטל מיט אויפגעבלאָזענע, ברייט אָנגעפּאַלדעטע אַרבל, האָט צום טאַקט פון איר זינגען צוגעשאָקלט מיט א רויטער פּאָן. א וואָרעם ווינטל האָט זיך געשפּילט מיט די האָר פון דער רייצנדיקע, בלאָנדער מיידל.

זי האָט באַמערקט רחלן און אירע הימל־בלויע אויגן האָבן געשיקט א חנעוודיקן שמייכל, הונדערטער הערצער האָבן דערפילט די איינלאַדונג צו דער גרויסער סעודה.

נחמן איז ארויס פון צווישן די מאַרשירנדיקע, אָנגעכאַפּט רחלן ביים האַנט און זי דורכגעפירט איבערן הויכן, אויף אַ זייט פאַרשפּילעטן קאַלנער פון זיין נייער, שוואַרץ־סאַטינענער בלוזע:

— הערט א גליקלעך צוזאַמענטרעפונג. מיינע צוויי, צען און צוועלף יאָריקע שוועסטערלעך האָבן דעם גאַנצן ווינטער אויסגענייט פאַר מיר די בלוזע און גראַד נעכטן האָב איך זי באַקומען צוגעשיקט פון מיין מוטער דורך א באַקאַנטן.

נחמן איז אינגאַנצן פאַרזינקען געוואָרן אין עכא פון די מאַרשירנדיקע טריט. ווי א הייליקער אויסגעשפּרייט זיין קוק איבער דער געדיכטער מאַסע. זיינע ליפּן שעפּטשן:

— אין מיטל־פּונקט שטייט אַ גרויסער זייגער. א געהיימע האַנט פּראָוועט מיטן וועקער. אייניקע האָבן זיך אויפגעכאַפּט נאָך פריער, אַנדערע מיטן גרויסן קלינגען. די דריטע דאַרף מען ערשט נאָכדעם וועקן. פריער, שפּעטער, אַלע וועלן מוזן אויפשטיין.

— — —

דער זונאונטערגאַנג האָט זיך פאַרטראַכט: סאיז דאָס ערשטע מאָל וואָס נחמן האָט א כאַפּ געטאָן רחלן אונטערן אָרעם.

— קומט, מירן אריינגיין אין וועגעטאַריאַנקע.

זיי האָבן זיך געזעצט ביי א קליין טישל. אין א ווינקל פון גרויסן עס־זאַל. רחל האָט זיך דערמאַנט: זי האָט כמעט אַפּגעפאַסט דעם טאָג. מסתם נחמן אויך אַזוי, ער איז פון ביינאַכט אָן אין גאַס, דאָך קוקט ער היינט אויס זאַטער.

מיטן פאַרנאַכט־טונקל זענען זיי אריינגעגאַן צו איר אין צימער:

— דאָווידך?

— יאָ אַייער באַלעבאָסטע איז פול מיט זאָרג, ווי קומט ניט א מענטש דעם גאַנצן טאָג עפּעס אָפּעסן און זיך אָפּרוען. איך בין שוין דאָ דאָס צווייטע מאָל. די קלייטן האַלט מען פאַרמאַכט—האָבן מיר פרייהייט. חוזק שאַטנס האָבן געטונקלט פון דאָווידס אָפּלען.

נחמנען האָט עס אָנגעצונדן: מיט אַזעלכע טאָר מען אפילו ניט זיצן צוזאַמען. אין גלאַנץ פון זיינע שיך זעט מען דעם אָפּשפּיגל פון דעם קאָנטער־רעוואָלוציאָנערס נשמהלע.

ער איז אוועק א בייזער אויף דאַווידן און נאָך מער אויף זיך: ער איז שכור געוואָרן מיט די פּאָר מינוטן זיצן מיט רחלן ביים קליינעם עס־טישל . . . ער דאַרף שטאַרקן זיין ווילן. די רעוואָלוציע רופט צו פאַרטרייבן אַן אַנדער טרויער.

— — —

ברויזנדיק און טומלדיק זענען געלאָפן די וואָכן. געריידן, חקירות פון שילערינס שניידן די לופט אין אַלע גאַסן. פּלוצים, זעט נאָר! ביי אַלע בלומען־פאַרקויפערינס איז אַנגעשטעלט מיט פרישע בלוי־אייגעלעך.

— וואַרט א רגע! רופט רחל, כוועל קויפן א בינטל מיינע באַליבטע „שניי־קינדערלעך״!

זי טיילט אויס צו בלימל צו איטלעך מיידל.

קוויטשערייען, קלינגענדיקע געלעכטערס שפּרייטן זיך איבער אַלע בלו־מען־טישלעך. די יונגערע פאַרקויפערינס שטעלן זייערע ציין פון ברייטן שמייכל. אויף די עלטערע גלייכן זיך שווער אויס זייערע צאַרנדיקע בליקן. איי־נע מיט אַ פאַרגעלט פּנים האָט זיך צעשריען: — גייט! גייט אייך! אזעלכע... מיט איין בינטעלע בלומען — מיינט איר — איר האָט אונז איינגאַנצן אָפּגע־קויפט און דאַרפט אונז טויב מאַכן.

די פרייד האָט זיך אויסגעלאָשן. רחל האָט זיך פאַרקלערט: מדאַרף באַ־צייטנס קריגן אַ בילעט אַהיים, ניט צו פאַרשטערן דער מאַמען דעם פּסח.

מיט דאַווידן איז זי אוועק אויפן וואָקזאַל. פון ווייטנס האָבן זיי דער־הערט אַ מענטשן־הערדע זיך ראַנגלען אין א פאַרפּלייצונג פון רעש, אויפרעגונג, ליאַרם. מ׳האָט געדאַרפט זיך אַריינדריקן טיף אינווייניק צו אויסצוגעפינען די סיבה פונם גרויסן־טומל.

סהאָבן זיך געשלענגלט לאַנגע רייען פאַרשלאָפענע, אויסגעריסטע, אויס־מוטשעטע. אייניקע האָבן געדרימלט זיצנדיק אויף דער ערד, אַנדערע האָבן שטייענדיק, נאַכלעסיק געגעסן פון פאַפּירענע שקאַרמיצלעך און געשפּיגן אויף די שלאָפנדיקע ביי זייערע פיס, דערביי א בריק דעם שכן. פון אַלע זייטן זידלערייען, ציגישע וויצן, ווילדע, וואולגאַרע אויסגעשרייען.

יעדער ניי צוגעקומענער, צו קריגן א בילעט — האָט זיך געדאַרפט פאַרשרייבן און אוועקשטעלן אין ריי. מענטשן האָבן זיך באַקלאָגט: זיי שטייען שוין דעם דריטן מעת־לעת, אָבער זייער ריי רירט זיך ניט. עפּעס איז דאָרט ניט גלאַטיק.

זיסקינד איז אַ צעטראָגענער פון ערגעץ אויסגעוואַקסן:

רחל, איר זאָלט זיך ניט דערוועגן אוועקשטעלן דאָ. דער מענטשן שטראָם האָט אים פאַרשטויסן. רחל איז איינגעקשנט, זי וועט ניט אויפגעבן דאָס פּאָרן אהיים. זי וועט זיך אויך שטעלן אין דער רייע.

— וואַרט, כ׳האָב דאָרט אַ באַקאַנטן — האָט דאָוויד זיך אָנגערופן, — איך וועל פּרוּווען מזל.

דאָוויד האָט דערציילט, אַז ער האָט באַצאָלט אַן אָרימען בחור פון דער ערשטער ריי און יענער האָט געקויפט אַ בילעט. נאָר רחל טאָר זיך עס ניט דער־וויסן. מער וואָלט אים ניט געפעלט.

— — —

מיטן זשורנאַל „יעזשעניעדיעלנאַיאַ זשיזן״ אין האַנט האָט סאָשע געשלינגען דעם וועג צום וואָקזאַל: ער וועט איבערלייענען רחלן זיין ליד. „מהאָט ניט נאָר דאָס ליד געדרוקט, אויך געזאָגט זיך ווייזן אָפטער. — דאָס איז אייער אינספּיראַציע אָזאַ ליכטיקע״. איר יראת הכבודיקע אומרו וועט אַנצינדן אי־רע באַקן.

ער איז געוואָרן אין כעס: אַהאַ! איר שטאַלצער חן וועט אים שוין באַלד אויך פאַרבלענדן. ער האָט געשפּירט — דער קוראַזש פון אַ שפּאַטער אין וועלכן ער הילט זיך הייבט אָן שפּעטן פון אים אַליין און אויסגעשפּיגן: „צום טייוול״!.. אָבער וואו איז זי צווישן דעם פּילקעפּיקן עולם? עס שווינדלט אין די אויגן!

וואָס איז סאָשע, מ׳האָט דיך אָפּגעגאָסן מיט קאַכעדיקער וואַסער?

— נאָך ערגערס! זיי שטייען שוין לעבן איר! דער בלייך־אויסגעמאַטערטער אָפּאָסטאָל נחמן עסט זי מיט זיינע איינגעגריבלטע אייגלעך. זי רעדט מיט דעם טיפן אויף דער פּלאַץ —און פּלאַכן אין דער טיף־דאָווידן. מדאַרף אים זאָגן ס׳האָט אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע אין זיין קלייט.

סאָשע האָט זיך אויף אַ קול גאַליק צעלאַכט פונם בילד אין זיין פאַנ־טאַזיע: דער מאַניערלעכער און מיט יעדן וואָרט געמאָסטענער דאָוויד —לויפט און שרייט! „אַלעדראַנצעס באַרויבן מיך!״

סאָשע האָט זיך צונויפגעטראָפן מיט פאַרדעכטיקע בליקן און אַ ריס געטאָן זיך פונם טראַגנדיקן מענטשן שטראָם: זיי מעגן טאָקע מיינען ער איז אַ צעדרייטער. וואוהין רוקט ער זיך? רחל איז גאָר אין דער אַנדערער זייט. זיין בייזער גורל שטעלט אים אונטער אַ פּיסל! וואָס דען פּלוצים, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט — אַז זי איז אַן אויסנאַם מיידל. אַלע וואָלטן זיי זיך פאַרקויפט פאַר רייכע שמאַטעס!

רחל זעט באַקאַנטע פּנימער, זי געדענקט אפילו ניט אַלע זייערע נע־מען, בלויז אַז גוסטאַוו האָט זיי איר פאַרגעשטעלט בעת אייניקע געהיימע פאַר־זאַמלונגען.

אירע אויגן האָבן געפרעגט: „וואָס טוט זיך דאָ?"

נחמן האָט זיך צוגעבויגן: „קום" (קרייז אוקראַיִנישע מאַנאַרכיסטן) אַרבעט מעשׂים. בייטאָג און ביינאַכט דאַרף מען קעמפן קעגן זייערע ווידטע צינגען.

זי האָט דערהערט זיסקינדס קול. ער האָט זיך אַריינגעמישט אין א קריי־געריי, ווי ער וואָלט געווען איינער פון די קריגנדיקע. „אַ ער ווייסט שוין ווען, וואָס צו זאָגן".

ביי נחמען האָט זיך די נאָז פאַריסן אויפן בערגל פונעם אויפגעריסענעם אויבערשטן טייל מויל — ער האָט קוים דערדריקט א שלייפעריקן גענעץ. עס טוט אַזש באַנק אוועקצופאַרן פון די אַלע אַזויגע ערנסטע, אַקטיווע פּריינט אירע.

סאַשע לייענט רחלן זיין ליד און ער פּילט — ער עקט זיך: פאַר די פּאָר מינוט איז נאָך א צענדליק אירע בחורים צוגעקומען. ער מוז עס איר זאָגן — אַניט פּלאַצט ער.

— רחל, כוואָלט געווען א בעלן צו וויסן — ווי אַזוי איז עס! — אַזאַ צנועה ווי איר, און שטענדיק מיט א פינף־און צוואַנציק באַגלייטערס?

אַלע האָבן זיך צעלאַכט, אָבער זייער מינע האָט זיך פאַרוואַנדלט אין פּראַגע־צייכנס. דער קאַמישטער, עפּעס אַזוי משונה־פאַרדרייט איז סאַשעס. מקען ניט, ניט אויסשיסן א געלעכטער.

זי האָט אַזש פאַרשטעלט מיט די הענט דאָס פּנים.

אָבער וואו איז סאַשע? וואו איז ער אַנטרינען?

נחמן ווייסט ביי זיך: ער האָט פּיינט דעם פּאָעט נאָך פון יענער רגע — ווען ער האָט איבערגעלייענט אויפן בוך „מלחמה און פרידן", דאָס איבערגע־מעקטע „מיט אַלדעם גוט. צו רחלן. סאַשע". ער האָט זיך געגאַרט, אַז סאיז דערפאַר ווייל ער איז מאַטעריעל ניט בכוח צו פאַרברענגען דעם בוך. אַצינד האַסט ער דעם סאַשען — וואָס זיין ליד אונטערשעצט „ניט" דעם מענטשלעכן ווערט... דוכט זיך יושר זאָגט — אַזאַ נחמן, וואָס טראָגט זיך אַרום מיט פּלע־נער צו פאַרניכטן דאָס שוואַרצע — דאַרף זיין דער בעסטער פריינט צו איינעם וואָס שאַפט אַן ערלעך ליד.

נחמן איז געשטאַנען דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, עפּעס ווי שטאַרק פאַר־שעמט.

סאַשע איז אוועק: ער קען זיי ניט פאַרליידן! וואָס האָבן זיי זיך אַזוי צעהירזשעט! אַלץ איז ביי זיי אַ חכמה. האָט ווער פון זיי אַ באַגריף וועגן גרויסער בענקשאַפט פון אַן אויסגעליטענער עלנטקייט?

ער איז אַריין אין אַ קליימל, געקויפט פּאַפּיר מיט צוויי קאָנווערטן געזעצט זיך שרייבן אַ בריוו. מ׳האָט שוין געהייסן אַריינגיין אין די וואַגאָנען, רחל הערט ניט אויף דורכן פענסטער צו זוכן סאַשען. איר׳ע פאַרקלערטע אויגן נישטערן צווישן דעם זיך שטופּנדיקען המון: אַז ער איז געקומען, זאָל ער זיך געוועגן געזעגענען. מסתּמא געאײַלט צו אַנדערע צו אַפּהוזקן פון איר און שפּעטער פון זיי.... שש!.. אָט קעמפט ער מיט זיינע עלנבויגנס גלייך אין איר ריכטונג.

— רחל, זייט אַזוי גוט און גיט איבער דעם בריוו צו מיין בעסטער באַקאַנטער לויטן אַדרעס, וואָס אויפן אינווייניקן קאָנווערט. ער האָט אַ קוש געטאָן איר אויסגעשטרעקטע האַנט.

— זי קען זיך ניט פאַרשטיין: וואָס לויפט אַזוי פריידיק איר בלוט? אויך אים קען זי ניט באַגרייפן: האָט ער זיין פלוצימדיקן קוש באַטראַכט פאַר אַן אָפּגעטאַנענער טובה? מוחל!

— — —

דער צוג גייט שוין, רחל שמייכלט ביטער: סאַשע שאַקלט מיטן היטל אָן אויפהער, ווי זי וואָלט געווען זיין „בעסטע באַקאַנטע״.

זי האָט מיט פאַרדראָס אַריינגעקוועטשט דעם בריוו אין בייטל: זי וועט אין דערהיים זען ווער יענע מיידל איז.

אַרום איר אַ גערייד: — מהאָט אונז אַריינגעדריקט אין די צוויי וואַגאָנען, — מהאָט דוכט זיך פאַרשלאָסן די טירן: מהאָט מורא מיר זאָלן ניט אַריינקוקן וואוהין זיי ווילן ניט: ברידערלעך און שוועסטערלעך, מוועט נאָך, אפשר, אונזער צוג באַשיסן אויך; טאַקע עפּעס איז מען צו פאַרזיכטיק.

אָבער די יוגנט זאָרגט ניט פאַר שפּעטער. איינער האָט געגעבן אַ זינג. — האָט פון אומעטום אָפּגעענטפערט מיט געזאַנג. אַ מיידל האָט אַראָפּגענומען איר באַלאַלײַקע און אויסגעשפּילט די מאַרסיליעזע. צוויי בחורים זענען אוועק אין ערנסטן געשפּרעך. מ׳האָט זיך אַרומגעזעצט און אַרומגעשטעלט אַרום די דעבאַטירנדיקע. באַלד זענען צוגעקומען נאָך רעדנער און סאיז אוועק אַ הייסע דיסקוסיע: — די רעוואָלוציאָנערע סאָלדאַטן זענען שוין מיד געוואָרן. בכלל האָבן זיך אַ לאָז געטאָן דעזערטירן פון דרום־מערבדיקן פראָנט. סהאַלט שמאָל מיט דער רעוואָלוציע.

רחל האָט געדאַרפט אַריבערגיין אויף אַן אַנדער באַן־ליניע. ווי נאָר זי איז אַרויס פון וואַגאָן האָט אַ פּוילער ווינט זי בייז אַרומגענומען. אַ וואַסערדי־קער שנייִ האָט געשמיסן מיט גרויסע שטיקער. — טאַטעלע, וואָס איז דאָס?! אין אָדעס איז אַזוי הייס—זי האָט מיטגענומען איר דינעם מאַנטל. או—אוף! סקאַלט. סציפּעט אַ פּיין פראָסטל! זי וועט בעטן דעם בופעטשיק צו אַריינשיקן איר אַ גלאָז הייסע מילך אין דער פרויען־אָפּטיילונג.

זי האָט אַן עפּן געטאָן די טיר און אָפּגעשפּרונגען אויף צוריק: דער וואַק־זאַל איז איבערגעפּילט מיט סאָלדאַטן, לעבן יעדן אַ באַרג מיט שמאַטעס — פאַרשוויצטע, צעפוילטע האַניטשעס. אַ שטיקנדיקע פּאַרע פון שווייס און לייז, וואָס זיי האָבן געשאַרט פון זיך און געקנאַקט מיט זייערע האַרטע נעגל — האָט שווידערלעך פאַרפּילט דעם גרויסן צימער. אייניקע האָבן זיך געקראַצט — ווייל דער שמוץ האָט זיי געביסן, — ביי אַנדערע האָט זיך די צונג געביסן אויפן חשבון פונם שמוץ.

מיט דרייגאָרנדיקע זידלערייען, מיט קללות אין דער הינטעשער מאַמען אַריין, האָבן געשאָלטן, געשפּיגן און געבייזערט זיך אַט די פּאָר יאָרן־ווייז קאַלט־בלוטיקע פּויערים, ווי גלייך זייערע זעלנערשע שינעלן וואָלטן זיי אַזוי אויפגע־רעגט און פאַרדאַרבן.

ניט אַריינגעפּאַסט האָט זיך די פאַרפּוצטע רחל אין יענעם גרויען בילד. האַס, קנאה, שנאה האָט אַ צינד געטאָן די פאַרביטערטע הערצער צו איר ריי־נעם, רייכן אויסקוק.

זי האָט זיך געשעמט פאַר זיי: זי זעט אויס אַזוי יום־טובדיק — מדאַרף זיך אַנהייבן קליידן פּראָסטער. אָט דאָ איז די אַנטיטעזע: דאָס פאָלק טוט, ווערט אויסגעריסן. אפילו די בעסערע אינטעליגענציע — רעדט, באַגייסטערט זיך. מדאַרף זיך איבערבויען. סאיז איר ליבער צו פּרירען און ווערן נאָס איידער צו וועקן זייער כעס און צוצוזען דעם גיהנם. זי וועט וואַרטן אין דרויסן.

פונם נאַטשאַלניקס טיר איז אַרויסגעקומען איינער אין אַ לאַנגען שי־נעל, אַ פּראָסטן אָבער זייער אַ ריינעם. ער האָט אים אַראָפּגענומען פון זיינע אַקסלען און געווענדט זיך צו רחלן: — נאַט, טוט אים אַן איר וועט זיך פאַרקילן.

— אַ גרויסן דאַנק אייך, נאָר עס וועט נאָס ווערן פון מיינע קליידער — וועט איר אים נאָכדעם ניט קענען טראָגן.

— כביך אַ דאָקטאָר. — האָט ער האַלב שטרענג געזאָגט. סמירנאָוו רופט מען מיך. מיין חוב איז צו פאַרהיטן קראַנקהייטן.

דעם נאַטשאַלניקס באַסאָווע קול האָט אַ האַק געטאָן איבערן ווינט:

— ווער עס וויל פאָרן אין טעפּלושקעס זאָל זיין גרייט! קיין פּאַסאַזשיר־סקע באַן וועט היינט און מאָרגן ניט אָנקומען!

ס'האָבן געקנאַקט די דילן פון די טעפּלושקעס, ווי מוואָלט פערד גע־גריזעט דאָרט. דער דאָקטאָר האָט פאַרגעשטעלט פאַר רחלן אַ שיינע מיידל טיף אין די דרייסיקער:

— פעלדשעריצאַ מיראַטשניטשענקאָ. און ? . .

— רחל פרענק. — האָט זי מיט אַ שמייכל געזאָגט.

זיי האָבן זי אויסגעפרעגט: — ווי אַזוי האָט אַדעס אויפגענומען די לעצטע געשעענישן.

דער דאָקטאָר האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— גאַנץ אייראָפּע איז אין וואולקאַנישן אויפברויז, מיר זענען נאָך גאָר־ניט זיכער מיטן דערפאָלג פון דער רעוואָלוציע.

ביי דער פעלדשעריצע זענען נאָכאַנאַנט, ווי פייגעלעך, געפלויגן ליכ־טיקע טרוימען מיט מיינונגען וועגן דעם „סיסטעם", וואָס וועט איינגעפירט ווערן. זי האָט אַזש אָנגערעגט רחלן צום רעדן.

— דאָקטאָר, דערלויבט מיר ארויסשלעפּן אַלץ פון אייערע טיפע שינעל־קעשענעס. זשורנאַלן, בראָשורעס. אפילו אַ בוך! אַהו! הלואי וואָלט אַ סך אַזוינע ביכער געשאַפן געוואָרן. סאיז אי ליטעראַריש אַ קונסט ווערק, אי צאַלרייך מיט מעדיצינישער באַלערנטקייט, אי אַ זעלטענע פּסיכאָלאָגיע.

— אויב צו שאַצן דעם מחבר פון דער מעדיצינישער זייט — איז פאַראַן בעסערע ווערק. האָט דער דאָקטאָר באַמערקט. — זעט איר זיין פּסיכאָלאָגיע וועגן קינדער דערציאונג און זייער אַנטוויקלונג איז באמת אויסגעצייכנט, סאיז אַפילו צו גוט, צו טיף פאַר אונזער ביז איצטיקער צייט.

רחל האָט געשטראַלט:

— דערפאַר איז עס טאַקע אין מיין גייסט, מיין אַמביציע איז נאָך צו ווערן אַמאָל אַ קינדער־ספּעציאַליסט.

— אין אַזוינע טומלדיקע טעג טראָגט איר זיך ארום מיט אילוזיעס צו היילן קינדערלעך. און די פאַרוואונדעטע זעלנער זאָלן דערווייל אויסשטאַרבן?

דערזען רחלס צוטומלטקייט האָט זיך דער דאָקטאָר צעלאַכט:

— איר זעט, איך בין אייפערזיכטיק צו יענע קינדער, דעם אמת זאָגן — וואָלט איך בעסער געוואָלט איר זאָלט ארבעטן צוזאַמען מיט מיר.

— איך דאַנק אייך, סאיז אַן אנגענעמער קאָמפּלימענט, אָבער אייער, ווי איר רופט עס אָן „אייפערזוכט״, קען נאָך קראַנק ווערן ביז מיין טרוים וועט פאַרווירקלעכט ווערן. אַ, ווען איך זאָל היינטיקן טאָג זיין אַ דאָקטאָר און האָבן, פולע רעכט, ווי אונזער רעוואָלוציע זאָגט צו. (זי האָט פאַרצווייפלט געשאָקלט מיטן קאָפּ) — וואָלטן טאָקע די זעלבער געווען ביי מיר אין די ערשטע רייען פון זיי אָנצוהויבן.

צו דערקלערן אירע רייד, האָט זי דערציילט:

— קליינערהייט האָבן מיר געלעבט אין אַ דאָרף. אויף מיין פראַגע ביי מיין מוטער און שטיפפאָטער „פאַרוואָס איז ביי די גוים אין די שטיבער אַזוי אומריין, ענג. מיט דעם שטענדיקן שלעכטן ריח פון זויער קרויט, שאַף? דעם הונט פון וועלכן ססשפרינגען פליי, אפילו די לייזיקע הינער אויך אין שטוב״? האָט מען מיר געענטפערט: „זיי האָבן קיין שכל ניט — און בעסערס פעלט זיי ניט״. איינמאָל אַ בייטאָג איז פאַרגעקומען אַ ליקוי־חמה. די פויערים זענען צוטומלט געוואָרען. פאַר די לעצטע פאַר גראַשן געלאָפן נאָך נאַפט. זייערע ווייבער און קינדער האָבן געיאָמערט: „סוף וועלט!״ זיי האָבן זיך געצלמט, געזוכט דעם „זינדיקן, וועלכער האָט געבראַכט דעם צאָרן, אויף דער וועלט״. ביי פיל האָט זיך שוין געהויבן דער קולאַק קעגן אידן. מיט אַמאָל האָט אָנגעהויבן צוריק ליכטיק ווערן.

„מיר האָבן געשפּעט, געלאַכט פון די אומוויסנדיקע, כאָטש מהאָט אַליין אויך אָנגעהויבן ציטערן בעתן פינסטער ווערן, — ניט קוקנדיק אויף אונזערע פאַרשמירטע פנימער. דעם פאָמעסטשיקס זינדל האָט געזאָגט, אַז בייטאָג וועט ווערן פינסטער — זאָל מען קוקן אויפן הימל דורך פאַרעכערט גלאָז.

„דעם פויערס שווער לעבן האָט ביי קיינעם ניט אַרויסגערופן קיין שום מיטגעפיל. ער אַליין האָט דעם באַגריף: „אַזוי איז עס געגאַנגען—אַזוי דאַרף עס גיין״. ערשט זייענדיק אין אָדעס בין איך צופעליק, דורך אַ געציילטן אידעאַליסט, אַ באַקאַנטן, געוואָרע געוואָרן אַ סך סאָציאַלע פּראָבלעמען.

„די קנעכטשאַפט ביים פויער וואַקסט צוזאַמען מיטן פויערס קינד. מדאַרף לערנען די עלטערן ווי ריכטיק דערציען די קינדער. בילדונג און מעדיצינישע וויסנשאַפט וואָלט ביי מיר געווען די הויפט רפואה פאַר יונג און אַלט.

אַן אַנטוזיאַסטישער שמועס האָט איבערגעריסן רחלס וויזיע פון אין צעריסענע טראַנטעס באַרוויסע שקאַצימלעך און שיקסלעך.

די פעלדשעריצע האָט טרויעריק צוגעגעבן:

— טאָקע, אונזער לאַנד איז דאָס אָפּגעשטאַנענסטע סיי קולטורעל, סיי מעדיצייניש, אין פיל ערטער פון אייראָפּע האָט מען שוין באַקעמפט א סך קראַנקהייטן, אָבער ניט ביי אונז.

רחלס געהער האָט צו איר געבראַכט גרוסן פון איר שטעטל. זי האָט אויסגעטאָן דעם שינעל און געכאַפּט איר מאַנטל:

— דאָ איז מיין סטאַנציע. זייט געזונט!

— — —

רחלס אויגן, וואָס האָבן זיך צוגעוואוינט צו דער דינער שיין פון דער טעפּלושקע, האָבן זיך פאַרמאַכט קעגן דער שטאַרקער זון.

סהאָבן געקנאַלט די באַלעגאַלעס בייטשן. „וויפּטשיקס" קול האָט גע־שריען אויף די פּאַסאַזשירן: — א רוח אין אייערע ביינער אריין! שטופּט זיך ניט אלע אויף איין מאָל. ווער ס'האָט קיין צייט ניט — מעג וואַרטן!

— יאַ־יאַ! האָט א מרוקע געטאָן „גאַנטע". — ניטאָ קיין צענער שלי־טנס אנגעגרייט אויף פּסח! אז דעם רבש"ע אידענע האָט ניט געוואָלט. (ער פּינקלט מיט כיטרע אויגן אויפן הימל). אזש אום ערב פּסח געמוזט ארויסלאָזן די ווייסע פעדערן... אזא יאָר אויף אזא גאָט, וואָס פאַר א מלך מיט וואָס פאַר א מלכות ער פירט!

רענצלעך זענען געפלויגען אין דער בלאָטע און גרויע בינטלעך מיט קלומקעס האָבן פאַרנומען זייער אָרט.

אז מזאָגט יאָ „סלאַבאַדאָ — איז געפּייפט אויף די גבירים! וויאָ — אַ־הַ!!

ביידע שליטנס האָבן זיך א ריס געטאָן! צוויי דיקע מענער האָבן זיך אָפּ־געקערט איינער פונעם אַנדערן, פּשוט ניט צו צוזען דעם אַנדערן פּיינעם אידנס צער. דער מזרחדיקער האָט זיך צוגעהאַלטן ביים האַרץ:

— ער וועט ביי מיר קראַפּירן אַן אנדערס מאָל!

דער דרומדיקער האָט געזאָגט:

— משומדים שמאַסערס מיט שוסטערוקעס און שניידערוקעס זענען פּלוצים קנאַקערס געוואָרן. א הונט, א אונטערשמאַסער פאַרדאַסט שוין אויך דעם ווײַדל. מדאַרף זיי, זיי אָפּהאַקן איידער זיי פאַראַווערן די גאַנצע וועלט. וואַרט, סוועט זיי כאַפּן די ניכפּע, זיי וועלן זיך קומען בעטן צו אונז!

— קומט ר׳ ווילדערמאַן, מירן זיך צוזעצן אין וואַקזאַל, האָט אים פאַר־געלעגט ר׳ גאלדרינג.

זיי האבן אויפגעהויבן די פאַרשמירטע רענצלעך, זיי האבן ביידע גע־וואוסט: אַז ביי היינטיקן טאג וועט ניט העלפן דאס בייזערן זיך.

— — —

א הויכער בחור מיט א פיין אויסזען האָט זיך געווענט צו רחלן:

— פריילן ראַכיל גריגאָרעוונא, אזוי ווי איך קום אָפּט צו אייך אין שטאָט — איז פון ווייטנס קען איך אייך גוט. מיט אייער מוטער האָב איך זיך באַקאָנט ביי מיין פעטער בעני יאַראַשעווסקי. כרעד עס אַנטקעגן דעם, וואָס כ׳וואָלט זייער געוואָלט לייענען אייערע צייטונגען און זשורנאַלן.

— געוויס, נאָט אייך אַ וואָסערע איר ווילט — כדאַרף סיי־ווי וואַרטן ביז די באַלעגאַלעס וועלן זיך אומקערן. און וואָס איז אייער נאָמען?

—מיין נאָמען איז לויט מיין בריית נאָך — ברייטמאַן. מ׳האָט נאָך מיין עלטער, עלטער זיידן אויסגעמאָסטן. כ׳האָב בעסער ליב, אז מרופט מיך וועלוול —ביי מיין מאַמען — איז ווי איר קוקט מיך אַן, בין איך גאָר ערשט א וועל־וועלע.

רחל האָט אַרויפגעקוקט אויף אים מיט אירע גרויסע אויגן און זיך צי־שמייכלט. ער האָט איר דערמאָנט אין אַ מעשהלע פון א גוטן העלפאַנט:

— איך לאָז עס, ווייל אויב סאיז באַשערט צו באַגעגענען זיך מיט א וואָלף — זאָל ער זיין ניט ערגער פון אייך.

וועלוול האָט זיך צולאַכט.

ער האָט זיך צוגעכאַפּט צו די צייטונגען, ווי א שכור צו א פלעשל בראַנ־פן, געשלונגען פון אלע זייטן. ער האָט אלע ווילע אַרויסגעזאָגט א באַמער־קונג און אפילו ניט געוואַרט רחל זאָל אים ענטפערן.

די באַלעגאַלעס זענען אנגעקומען שוין מיט פאַיטאָנען. די, פונם שניי, לויז געוואָרענע בלאָטע האָט באַשפּריצט די פאַרנדיקע פון קאָפּ ביז די פיס.

וועלוול, א צופרידענער פון רחלס איינלאַדונג צו קומען צו איר, זי זאָל אים באַקענען מיט אירע ברידער, צו וועלכע, זי שיקט איבער ביי אַ געלעגנהייט צייטונגען, האָט געריבען זיינע גרויסע הענט: — אַי. סאיז מיר אַזוי פריילעך, איר זאָגט מיר צו אזוינע גוטע זאכן. — רוט אייך אויס, אין אוונט האָט איר מיך ביי אייך.

רחל האָט ליב אריינצופאָרן צו זיי אין שטאָט. זייער שטוב איז אין צענטער פון דער הויפּט גאַס. אין אַנהייב גייט אין איין זייט הילצערנע קלייטן

און אַנטקעגן איז געמישט קלײטן מיט הײזער. װײטער, אַרױפצו, װאו זײ װאױנען — איז לויטער ציגל־געמויערטע הײזער, זײער ירושה שטיבער, נאָכ־דעם די פּעטערס, געשװעסטערקינדער, װידער פּעטערס. די באָבע האָט פון זיך אַרױסגעגעבן זעכצן קינדער: איז אַלע, אַרײנגערעכנט די אײניקלעך און אור־אײניקלעך, װאױנען אין מאַרק־גאָס. זונטיקדיקע און דאָנערשטיקע יאַרידים זענען לעבן זײערע טירן. פון אַלע עקן־שטאָט קומט מען אַהער טאָפּן דעם װאָגן. מײדלעך, װײבער האָבן געװישט די פאַרשפּריצטע פענסטער.

רחל האָט זיך דערפרײט: אַ פּאַרט לײזער װאַסער־פירער.

— װאָס מאַכט אַ איד?!

ער קען זיך גאָר ניט פאַרשטעלן דאָס אַדעסער װאונדער: „װאַסער צאַפּט זיך פון די װענט״?

— יאָ, מדאַרף נאָר אַ דרײ טאָן אַ קרענטל.

לײזער, אין גרױסע שטיװל אַרומגעבונדן מיט שמאַטעס, קראַצט פּאַװאָ־ליע, זײן לאַנגע, געלע טשופּרינע:

— אַי װען איך געפין אַ מאַיאַנטיק — װאָלט איך גלײך געפּאָרן אָנ־קוקן יענעם חריפות.

איצט האָט לײזער געביטן דאָס פעסל. סאיז אַ פּסחדיקס. מיט דרײ נײע עמער. זײנע צװײ פאַרשװיצטע אינגלעך לױפן מיט פולע קאַנען פון שטוב צו שטוב. פון די טירן אַרױס שרײען װײבער:

— לײזער מיט דײנע לײזערלעך, טו זיך גיכער אַ שאָקל! ריר זיך דאָר־טן גיכער! נאָכן סדר װעסטו זיך אױסקראַצן?!

לײזער שמײכלט גוטמוטיק, װי ער װאָלט געװוען זיכער, אַז רחל באַ־שטעטיקט אױך, אַז דאָס אידישע פאָלק — נאָר ס׳האָט מורא סװעט עפּעס אָנ־װערן, פאַרשפּעטיקן.

אידן האָבן גערעדט הױך, געשמײכלט צופרידן אין די בערד אַרײן. עס פאַרדינט זיך איצט פײן. װען ניט דאָס שרעקן זיך, אַז דאָס אַראָפּװאַרפן דעם קיסר זאָל חלילה־וחס... מדאַרף עס אפילו ניט ברענגען אויף די ליפּן.

חיים, רחלס ברודער, איז געשטאַנען אין זײן תבואה־קראָם: תמימותדיק, רואיק, ערנסט. ער האָט דערקלערט אַ קופּקעלע מיט גוים, װי אױף אַ גרינגערן אופן צו באַאַרבעטן די ערד, זײ זאָלן זיך אײנשפּאָרן צײט, כח און האָבן בעסערע גערעטענישן.

די מוטער, אַן אױפגערעגטע, רעדט אַרײן אין אידיש:

— װאָס דערצײלסטו די כאָמולעס אַזױנע זאַכן! זע כאַפּ אַרײן, בעסער,

וואס מער לייזעכץ! —סגייט זיי אפילו צום אויער ניט צו דיינע משוגענע מעשיות, איז ניט א געלעכטער: „עשון" הייסט ער איינשפארן „כח".

מאמע, דו לאכסט. — האט לאה געזיפצט. — אז ווי איז דעם געלעכ־טער, ווען סאיז יענעמס נאר, וואלט זי טאקע געלאכט.

רחל איז אריין אין קראם:

— א גוטער טאג מענטשן.

חיים א דערפרייטער:

— א רחל! האסט מיר, אפשר, געבראכט א פאר איבערזעצונגען אין עספעראנטא?

קוים צוויי געקראגן.

די מוטער שאקלט אומצופרידן מיטן קאפ:

שניידסט זיך אויף זיינע וועגן...

— — —

בחורים, אלטע אידן, פארהייראטע אינגעלייט מיט פאריקטע היטלן, פארמוחטע שטערנס זענען געקומען אויספרעגן רחלן וועגן דער דעמאנסטרא־ציע אין אדעס.

יום־טובדיקער גלאנץ, גליקלעכע פייערלעך האבן זיך געגאסן צוםווארט „פרייהייט"...

איבער אלע גאסן האבן גרויס און קליין, מארשירנדיקע און באאבאכ־טער געזונגען די מארסעליעזע!?

— כא, כא, איר הערט כאטש: די ערגסטע שונאים פון גערעכטיקייט, די פארביסנסטע רעאקציאנערן — די זשאנדארמען האבן געמארשירט צוזאמען מיט די רעוואלוציאנערן לכבוד דעם גרויסן זיג איבערן צאריזם.

— די אמתע אראפגעלאזטע נעז האבן זיי געקענט האבן פון דער שמחה.. רחל:

— סטודענטן מיט רויטע פאנען זענען געלאפן פאראויס און אנגעזאגט דעם עולם: „ ווען די פאליציי וועט פארביימארשירן — זאל מען זיך פארהאל־טן רואיק, אן אויסגעשרייען, שטיל".

עלטערע אידן האבן געקרעכצט:

— ווער ווייס וואס פאר מעסערס זיי טראגן אין הארצן, פאר אראפ־ווארפן זייער „צאר־באטושקא".

ביי די שטענדיק פארפאלגטע אידן, די אייביק אין מורא פאר דער פא־ליציי — האט נקמה זיך א צאפל געטאן:

— זאָלן די בייכיקע־זשאַנדאַרמען כאַטש אויך אַ פּיל טאָן שרעק, ווי אונזערע אידישע ברידער.

— אויס מיט די אידיש־נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען! היצט זיך חיים. — געננג שוין מיטן צופּאַסן דעם יושר צום געמיינעם לעבן! — איצט דאַרף ווערן די אויפגאַבע צו לעבן לויט די פאָדערונגען פון יושר!

— פאַרקערט! פשטלט דער פעטער ברוך — דורך אונזערער, נאַציאָנאַלער אייגנאַרטיקייט — אריינוואַרפן זיך אין קאַמף פאַרן אַלגעמיינעם מענטשלעכן, פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

דער ברודער ברוך קוקט אויף זיי מיט בטול. דערהויבט פאַרדריסט אים אויפן פעטער: אויף דער עלטער זיך אזוי באַנאַרישן.

— אידן! כל זמן מיר זענען ניט אין ארץ־ישראל — טאַנצן מיר אויף אַ פרעמדער חתונה!

— גערעכט! אזא יאָר אויף מיר: — האָבן עטלעכע אויף אַ מאָל אויסגערופן.

די יוגנט וויל וויסן: וואו האָבן די סטודענטן צעשטעלט די רויטע פאַנען? וואס פאר אויפשריפטן?

— עט! שלאָגט עס אייך ארויס פון קאָפּ. האָט אַ מאָך געטאָן מיט דער האַנט דער שניטקרעמער גאָלד.

סאיז געוואָרן אַ טומל פון די עלטערע אידן קעגן די יונגע בחורים:

— די קונצן וועט איר ביי אונז ניט דורכפירן!

— מיר דאַרפן ניט קיינע סטאַציעס, מאַציעס (דעמאָנסטראַציעס), צו אויפרייסן די גוים די אויגן!

— אידן דאַרפן זיין די לעצטע צו ארויסווייזן פרייד.

דער אַלטער אפרים איז אריין אין דער מיט:

— סאיז בכלל אַן אויפגעבלאָזענע גדולה. עס שטייט בפירוש געשריבן אין... הע... ה.. אין ווי הייסט עס דאָרטן?... אָבער וואס דאַרפן מיר זיך ברעכן דעם קאָפּ. אַ פּראָסטער איוואַן ווייסט עס אויך אַז: „גאָט איז אויפן הימל — און דער קיסר אויף דער ערד". וועט מען זינדיקן קעגן גאָטס באַפעלן — וועט מען באַשטראָפט ווערן. — בכלל קאַרג שונאים האָט דער איד, און יאָ, ווער געדענקט ניט קישינעווער בלוט באָד...

— — —

אין אָוונט איז וועלוול ברייטמאַן געקומען. גערעדט אַביסל פּאָליטיק. דערהערט אַז רחל איז דעם גאַנצן טאָג ניט אַרויס פון הויז — האָט ער איר פאַרגעלעגט צו גיין פאַר אַ שפּאַציר.

רחלס פיס האבן זיך אפגעוואוינט פון גיין איבער ניט ברוקירטע, בלאָ־טיקע גאַסן. זי האָט זיך א פּאָר מאָל געגעבן א גליטש אויס, וועלוול האָט זי יעדעס מאָל אונטערגעכאַפּט. זיי האבןביידע געלאַכט און די פרעמדקייט האָט זיך אוועקגעגליטשט. זיין האַרץ האָט געפונען א פריינד צו אויסרעדן זיך:

— מיר אידן זענען די פארשאָלטנסטע אויף דער וועלט — די לעבנס באַדינגונגען האבן ניט דערלאָזט אונז צו ווערן א פּראָדוקטיוו פאָלק. מזאָגט: דער אינטעליגענט האָט א בורזשואַזע פּסיכאָלאָגיע, טראַכט איך טאַקע, אז דאָס אידישע פאָלק וועט פארשלונגען ווערן צווישן די פּראָלעטאַריער, אבער פאַרט ניט אזאַ אייביק כפּרה־הינדל ווי ביי דער בורזשואַזיע. — אויב סאָציאַליזם איז טאַקע א היסטאָרישע אומפארמיידלעכקייט — איז עס נאָך צו פרי — די מענ־טשהייט דאַרף ערשט דערוואַקסן צו דער הייך.

פאראיבלן האבן זיך ביי וועלוולן, ווי אליין באַקלאָגט:

— אי מען באשולדיקט אונז אין ליידיקגייערײַ, אי מען דערלאָזט אונז ניט צו ווערן פארנעמענע מיטגלידער אין דער אלגעמיינער געזעלשאַפט.

דאָס פידעלע פון וועלוולס פּיין איז זיך פארגאַן מיט געוויין:

— כהאָב מיט אויסמאַרכעווען מיינע עלטערן געענדיקט די גימנאַזיע און פארענדיקט מיין פאָטערס יאָרן. נאָכדעם האָט מען צו גאָרנישט ניט צו־געלאָזט, דאַרפסט ווערן א פאַרדינער צו דערהאַלטן דאָס לעבן פון אַ קראַנקער מוטער מיט קליינע ברידערלעך, שוועסטערלעך — איז גיי גנבה, שלאָג זיך מיט די מעקלערס, די שטעקל־דרייערס, ווער א כיטרער ליגנער צו ארויסדרייען פון דיינעט וועגן עמיצנס א שטיקל ברויט פון אונטער זיינע נעגל ארויס. די וויס־טע פּרנסה פון א שאַכער־מאַכער קריכט אין דער זיבעטער ריפּ אריין. הונדער־טער מאָל אַ טאָג פיל איך צו געבן א שפּיי און אנטלויפן וואו דער שווארצער פעפער וואַקסט. און אייביקע שאָול תחתיה...

וועלוול האָט פאררויסן זיין קאָפּ:

„אונזער שיינענדיקע לבנה איז עפּעס דריי פערטל פארצויגן, ווי מיט אַ פויערשן, ווייסן פּעלץ. מקנא בין איך דעם ארימסטן גוי. ער פאַכעט גוטמו־טיק מיטן בייטשל: „וויאַ, וויאַ״. דער צאַריזם האָט זיך אין אים אויך גענוג געגוקמט — דאָך איז אבער אזוי לאַנג, ווי אַ שטיקל ערד איז זיינס —איז עס זיין וועלט. אדו! ווי איך וואָלט געוואָלט זיין אַ פּויער.

א טיף בלאַטע־טייכל לעבן זייערע פיס האָט איבערגעריסן וועלוולס רייד. בלויז די שפּיצן פון דאָ, דאָרט אריינגעוואָרפענע שטיינער צום איבערגיין האבן זיך אַנגעזען. ער האָט אויסגעשטרעקט זיינע צוויי שטאַרקע הענט:

— קומט איך וועל אייך אריבערטראַגן.

זי האָט ערנסט געשמייכלט:

— כבין ניט קיין גרויסשטעטלדיקע פריצטע, און אויך ניט אַ פּאַפּירענע ליאַלקע. זי האָט געגעבן אַ שפּרונג אויף איין שטיין, דעם צווייטן, דעם דריטן... אַ גליטש געטאָן זיך און איר קאַלאַש איז פול געוואָרן.

— איר זעט! האָט אויסגערופן וועלוול אַ באַצאַרנטער, און איינצייטיק האָט נצחון געהערט זיך אין זיין קול. — אַ פרויענצימער דאַרף וויסן איר אָרט, געדאַרפט זיך לאָזן אריבערטראָגן, כאָטש מיין האַנט זאָלט איר געוועזן צוהאַלטן.

— דאָס איז טאַקע די זאַך: וואָס איז דער חילוק. ווייסט איר וואָס? ווייזט אייער בריהשאַפט און גייט דאָ איבער היין און צוריק.

— גוט! און וואָס וועל איך קריגן דערפאַר? האָט וועלוול אַרויסרופנדיק געשמייכלט.

— וואָס קען נאָך זיין אַ בעסערע באַלוינונג, ווי צו דערווייזן — אַז איר זענט דער „ער״.

— איינס, צוויי, דריי! האָט ער אָפּגעציילט, געגעבן אַ שפּרונג און געבליבן שטעקן העכער די קאַלאַשן מיט די שיך אין בלאָטע.

רחל האָט זיך געקאַטשעט פון געלעכטער:

— אָט אַזוי ווערט פון אַ וועלוול אַ רירעוודיק בערל! גיט אַהער אייער לאַפּקעלע, איך, וועל אייך, אַרויסשלעפּן. איצט וועט איר שוין געדענקען, אַז אַ פרוי דאַרף זיין און איז גלייך מיטן מאַן.

וועלוול האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

איך בין ניט איינשטימיק. אַ קלוגע און געבילדעטע פרוי קען זיין אַ גוטער חבר, אָבער דאָס צאַרטע־פרויאישע מוז מען שאַנעווען. זי זאָל אויספילן איר נאַטורס באַרוף צו פאַרשענערן, פאַרבעסערן דאָס שווערע לעבן פונם מאַנס־פּערזאָן.

ביי רחלן האָבן געקריצט די ציין: אַזוינע עגאָאיסטן, אַלץ איז נאָר צו־ליב זייערט וועגן! אפילו פונם מענטשן מאַכן זיי אַ זאַך.

— ניין, איר זענט ניט גערעכט. איך וועל אייך אויף דער האַנט דער־ווייזן, ווי איר ווידערשפּרעכט זיך: אייער אייגענע צונג האָט געזאָגט, אַז איר וואָלט געוועזן דער גליקלעכסטער צו ווערן היינטיקן טאָג אַ פּויער. איז שטעלט אייך פאָר סהאָט געטראָפן אַ נס — מהאָט אייך און אַלע שטעקל־דרייערס גע־געבן לאַנד מיט שאָף. קי, אַלץ — נאָר גייט באַאַרבעט עס און לעבט רויִק.

— וואס זשע וועט איר טאָן מיט די פּרויען? האָט רחל טריאומפירט. — איר וועט זיי איבערטראָגן די בלאָטקעלעד, צי הייסן וואַרטן ביז איר וועט זיי געבן אַ האַנט צו צוהאַלטן זיי.

ער איז אומעטיק געוואָרן:

— איר האָט אַ געזונטע לאָגיק: מיטן מויל זאָגן מיר אַרויס די שענסטע געדאַנקען, מיר גלויבן אין אונזער גרייטקייט זיך מפקיר צו זיין פאַר אונזערע אידעאַלן, נאָר אין אמתן זענען מיר ניט קיין צוגעגרייטע צו אַ געזונט, נאָר־מאַל לעבן. אונזערע פאַנטאַזיעס לויפן צו געשווינד און מיר פאַרזעען די ווירק־לעכקייט.

אין רחלן אַ צעמישטער טומל: מדאַרף אומבאַדינגט מאָרגן פרי אָפּ־געבן דעם מיידל סאָשעס בריוו. פאַרוואָס האָט זי עס היינט ניט געטאָן? סאיז געמיין.

זי האָט געציטערט מיט אַ צווייענדיק געפיל: פון וועלן וואָס גיכער זיך דערוויסן „ווער איז יענע מיידל?" און פון אַ באַגער צו אָפּשטויסן עס.

איר פאַרצווייפלטקייט האָט זיך אַריס געטאָן פון איר מויל:

אַלץ איז בלאָטע!

אַזוי טרייסט מען יענעם. זי האָט גאָר פאַרגעסן אין וועלוולן. אַלע מענ־טשן זענען עגאָאיסטן.

אַ גוטע נאַכט. כוועל אַליין אַהיימגיין. (זי איז אַוועק געשווינד)

— — —

די דינסט חיה האָט דערקענט רחלס קומען, איז זי אַראָפּ פון בעט עפע־נען די טיר.

רחל האָט פון דרויסן געהערט די אַוועקגייענדיקע באַרוויסע, שווערע טריט פון שטייפע קני, און סאיז איר אי גוט, אי אומאַנגענעם געוואָרן: געטרייע חיה, איר יוגנט, מיט דער גאַנצער ליבשאַפט צו איר ניט דערלעבטן, אפילו ביזן יאָר, קינד, האָט זי אַוועקגעגעבן זייער הויזגעזינד.

רחל האָט זיך דערמאָנט וואָס איר קליינער פלימעניק האָט געזאָגט: „היינט וועלן, ווי פאַראיאָרן, פאַרברענט ווערן די לאָטקעס, חיה וועט שוין ווי־דער האַלטן אין איין טאַפּן איר באַק, צי רחלס קוש איז דאָרט נאָך דאָ, און אַלעמאָל אַ גלעט טאָן די וואַרעמע קאַפּטע, וואָס זי האָט איר געבראַכט".

רחל איז איבערגעפילט מיט באַוואונדערונג: איר אייגן קינדס מילך, אפשר לעבן אַוועקגעגעבן פרעמדע און דאָך ווערט וואָס אַ יאָר זיסער און לי־בער חיהס שמייכל. ביי איר דאַרף מען זיך לערנען ליבן אַלץ און יעדוניט קוקנ־

דיק אויף אַלע אומגערעכטיקייטן צום פּערזענלעכן איך. ניין! סאיז קנעכטשאַפט.

רחל איז אויף די שפּיצן פינגער אריין צו זיך אין צימער: זי וועט ביי דער לבנה־שיין אַ קוק טאָן צו וועמען איז אדרעסירט סאשעס בריוו?

אַ שרעקלעכע פרייד האָט ווי אַ הייב געטאָן רחלן: דער בריוו איז גאָר פאַר איר אַליין! דאָס האַרץ פּויקט, דאָס פּנים פלאַמט, אין מוח אַ מיש־מאַש! זאָל עס זיין אמת וואָס ער שרייבט?! ניין! סאָשע איז ניט פון יענע, וועמען ס׳זאָל אויספעלן אַ מיידל — ווי זי. ער שפּעט און מאַכט חוזק פון אַלע פרוי־ען. ער האָט געוויס געוואָלט ווייזן ווי פלינק ער איז מיט דער פּען אין אַפּלאַכן.

זי איז סאַרקאַסטיש געוואָרן: דעם גאַנצן פּאַעטישן ברען זיינעם פאַר־טאָן! ווי דאָס שרייבט: „אין דיין פעלזיקער־צניעות וועט זיך שלייפן און שאַר־פן מיין ליד״... ער האָט עס איר נאָך אויפן וואָקזאַל איראָניש אריינגעזאָגט: „אַזאַ צנועה און שטענדיק מיט פינף־און־צוואַנציק באַגלייטערס״ געדאַרפט אים ענטפערן — אַז ער דער ערשטער זאָל זיך גייןן— וועט ער פאַרשפּאָרן צו פירן די בוכהאַלטעריע פון אירע באַקאַנטע.

אָבער זי איז איצט אויך ניט אין כעס פאַר זיין אָפּלאַכן פון איר. זי שפּירט אַ געפיל צו אים, וואָס שרעקט זי. ער איז טאַקע גערעכט: פרויען זענען לייכטזיניק.

זי האָט געציטערט: זאָל עס זיין, אַז ער האָט עפּעס באַמערקט און דער־פאַר זיך גענומען דאָס רעכט צו באַליידיקן זי. זי ווייסט דאָך אַליין ניט וואָס קומט פאָר אין איר.

— — —

באַהאַנגען מיט רויטע בענדלעך, שניפּסלעך, האָבן געמאַרשירט, אין גוס־רעגן, מיט געזאַנג איבערן שטעטל גוים אפילו נאָך מער ווי אידן. מ׳האָט שווער אַראָפּגעלייענט פון די פאַנען און עס אויסגעשריען אויף אַ קול:

— דאָלאַי סאַמאָזוואַניעץ! — דאַ זדראַווסטוויעט סוואָבאָדאַ! הורא־אַ!!

די גוים האָבן געפרייט זיך:

— נישטאַ מער קיין פּריצים! מיר־ר וועלן ווערן די האַרן! הוראַ! הוראַ.

— די ערד איז אונזערע!

דער סטודענט שייפער האָט געהאַלטן אַ רעדע וועגן אַלוועלטלעכער פאַראייניקונג פון אונטערדריקטע. מ׳האָט געקלאַפּט בראַוואָ!!! געשריען הוראַ!..

אָבער ווען נאַטאַליאַ פּאַוולאָוונאַ, דעם גלחס אָרימע פּלעמעניצע, האָט אַרויסגעטראָגן פון פּריסטאַווס שטוב דעם קיסרס בילד אַ קנאַק געטאָן אין אַ

שטיין און מיט אירע יונגע מיידלשע פיס געגומען טאנצן איבער זיין פנים — האבן זיך די פויערים געכאפט צלמען:

— האספאדי פאמילוי. — דא צעזש גרעך באזשיי!...

א שרעק האט זיי באפאלן. זיי זענען אריין אין זיך און געזוכט אן ארט וואו דארט צו באהאלטן זיך.

די אנפירנדיקע דעמאנסטראנטן זענען אוועק צום פליארענע וואליאסט. און דארט האבן זיי באשטימט: אויב די אידן וועלן כאפן א גויאישן גנב דארפן זיי אים איבערגעבן צו די גויאישע פירער, און אויב די גוים וועלן פאקן א אי־דישן פארברעכער וועלן זיי אים איבערגעבן צו די אידישע פירער.

ס'איז געווען א פארשטערטער פסח. אידן האבן געקרעכצט:

— דער איצטיקער זעלבסטמשפט איז נאך ערגער פון ערגער. — די גויאישע מאכט האט פארמשפט א גנב — איז פשוט מיט שטעקנס האבן זיי אזא געזונטן שגץ דערהרגעט. געקלאפט האבן אלע, אן א טראפן רחמנות.

— און אידן האבן א אידישן אינגערמאן אויפגעהאנגען. ווער ווייסט צי ער איז אפילו אזוי שולדיק. פשוט מוויל זיך אויספיינען פאר די גוים.

דער סטודענט שייפער האט איינגעטענהט מיט אלעמען:

— אין די מענטשן בושעוועט נאך די צארישע פינסטערניש, בייע מא־ראלן וועלן געשאפן ווערן, א ניי לעבן וועט זיך בויען. אמתע גערעכטיקייט וועט נאכדעם געוועלטיקן.

— — —

וואס געדריקטער די שטימונג איז געווארן אין שטעטל — אלץ שטאר־קער האט געצויגן רחלן קיין אדעס.

איר מוטער האט נאך מער באשווערט איר געמיט מיטן האלטן אין איין רעדן וועגן גרויסן גליק, א רייכן חתן.

— ר' ישראל גייט זיך אפ די פיס: „לאה, לאמיר זיך משדך זיין. עס וועט אייער טאכטער, ביי מיין לייבישן, פון קיין פויגל־מילך ניט פעלן".

דערביי האט די מוטער אוועקגעלעגט א צעטל קינות: זי האט אויפגע־הערט פארדינען, זי האלט אין איין דערלעגן, דער קאפ דינט איר שוין ניט צו ארבעטן. סאיז א צייט פאר יונגע, פאר לויפערס.

—כ'זאל גאר ניט דערלעבן, אז מיין בת־יחידה זאל חלילה דארפן חתונה האבן מיט איינעם פון די אזוי ערשט, אזוי גרויס אויפגעקומענע שלעפערס!

רחל האָט ניט קיין שום ידיעות וועגן מסחר, ניט זי ווייסט ווי אַזוי זי וואָלט זיך געקענט אַליין דורכשלאָגן, אָבער פונם געדאַנק ניט צו נעמען מער ביי איר מוטער — האָט אַ טשיקאַווער ענטוזיאַזם זיך צעגאָסן איבער אַלע גלי־דער.

— איז געדענק, פון איצט אָן זאָלסטו זיך ניט דערוועגן מיר אַ גראָשן געבן. סאיז מיר שוין טאַקע נמאס צו לעבן פון דיין האָרעוואַניע, פון דיינע פאַר־דינסטן. זאָלסט זיך ניט זאָרגן פאַר מיר, סוועט נאָך זיין גלייכער אַזוי.

די שוועגערן חנה, חיימס ווייבל, האָט זיך אַריינגעמישט:

נישקשה, רחל, מעגסט זיך אַלץ פאַרגינען. דיין מאַמעס היזק באַשטייט אין דעם, וואָס אויב היינט האָט זי פאַרדינט צען מאָל וויפל ס׳האָט זי געקאָסט, טראַכט זי: „מאָרגן וואָלט זי געקענט פאַרדינען פופצן מאָל אַזוי פיל״. — האַלט זי שוין אין באַקלאָגן זיך: „געבראַכן דעם קאָפּ, האַלב דערלעגט״

— שוויגער, איר האָט נאָך פולע מאַגאַזינען מיט ניט אויספאַרקויפטע סחורה. דער גרויסער הינטערשטער־מאַגאַזין אַליין איז איבערגעפּאַקט מיט מסתם טויזנט לאַוונטענע־רעדער, און פּעק באַמבאַק. איר האָט אָפּגעשפּאָרטע בינטלעך מיט גאָלד, וואָס איר ווייסט אפילו אַליין ניט וויפל.

לאהן האָט אינווייניק אַ צופּ געטאָן: וואָס פאַרשטייט די שנור אירע.

— אַז געוואָקסן איז עס ביי אַ טאַטן אַן ארים סוחרל, ניטאָ אויף וועמען פאַר־איבל האָבן.

— חנה, דו זאָלסט עס זאָגן! זעסט דען ניט, אַז סמאַרקאַטע קרעמערלעך זענען געוואָרן מאַכערס מיט שווערע טויזנטער, און פאַרגעסט ניט אַז ס׳איז נאָך אַלץ מלחמה צייט. צופיל באַלעבאַטישע בחורים זענען ניט געבליבן צום איבערקלייבן, און אַזאַ ווי לייביש ר׳ ישראלס אוודאי ניט. — כ׳האָב זיך גע־גט מיט נחן. אַלץ צוליב איר — איז זאָל די מאַמע אויך האָבן אביסל נחת.

חנה שמייכלט פולבאַדייטנדיק, נאָר זי האַלט זיך אָפּ צו זאָגן: אַז די שוויגער איז זיך צעגאַנגען מיטן צווייטן מאַן, ניט צוליב רחלן, נאָר ווייל זי האָט ניט געקענט אויסהאַלטן — אַז זי זאָל ניט זיין די גאַנצע רעדל־פירערן. זי קויפט תבאות, וואַלד, מאַנופאַקטור. אויף אַלץ איז זי אַ מבין און פאַרדינט גראָבלעך!

קאפיטל צען

דעם ערשטן פארנאכט נאך פסח, איז רחל אפגעפארן קיין אדעס. די וואגאנען זענען געווען איבערגעפילט מיט סאלדאטן. א פאר סטאנציעס איז זי געזעסן אויף די דרויסנדיקע טרעפלעך און זיך אנגעהאלטן אין אייזן פון דער באד־טיר. די רעדער האט זי געהערט קלאפן: פון דיינעט וועגן זיך געגט... גט... גע... גע... טע... טע... סהאט ווי געטאן פאר איר איבערגעגעבענער מוטער, אבער ווי אזוי גיט מען אויף? און צוליב וואס?...

די לבנה האט געלאכט: „מיט יאשטשערקעס" וואלט מען ביי זיי אין שטעטל געזאגט.

רחל האט דערפילט העגט אריבערדערלאנגען צו העלפן איר ארייגקריכן דורך דער צעבראכענער טיר־שויב. אין וואגאן איז א שרעקלעכע ענגשאפט. אן עלטערער פרוי איז ניט גוט געווארן. דער עולם האט זיך נאך מער צוזאמענגע־דריקט צו מאכן גראמער פאר דער עלטערער פרוי, זי זאל ניט חלשן.

— מאמע, מאמע אייגענע האט זי געקרעכצט.

דאסווארט „מאמע" האט א גלעט געטאן איבער די הערצער פון פראנט פארנדיקע סאלדאטן. אייניקע האבן עס ניט געקענט איינהאלטן אין זיך, און ווי אין א שפאס נאכגעזאגט אויף א קול: „מאמע! מאמענו־שוועסטער"..

א געלעכטער האט א הילך געטאן איבערן גאנצן וואגאן. זיי האבן, קענ־טיג, דערפילט די ווארעמע בענקשאפט, און פארשעמט זיך פארן אינווייניקן סוד. מדארף עס פארשטויסן! סהאט זיך דערהערט א געזאנג:

אי פראדאלא דיווטשינא קורקו,
טא קופילא קאזאקאווי ליולקו,
ליולקו זא קורקו . . .

אבער עס זינגט זיך שווער נאך אזא פארביטערטן שלאכטפעלד. דער סם פון האס פון דריי און א האלב יאר איז אריבער אלע ברעגן. א זעלנער האט זיך צעשריען:

— וואָס האָט זיך צוקאַוואָטשעט די אַלטע!

ווי צעווילדעוועטע חיות האָבן די אַנדערע סאָלדאַטן נאָכגעשריִען:

— דערשטיקט זי! וואַרפֿט זי אַרויס! זעצט איר אַרויס די קישקעס!...

באַלד זענען אַלע פּלוצלינג אַנטשוויגן געוואָרן. אַ צעשראָקענע הייליקע תפילה קומט פֿאַר.

דער קורץ־ווייליקער איינגעהאַלטענער אָטעם האָט זיך אַרויסגעריסן! ווי־דער קולות! ביטערע, מיאוסע, הייזעריק־שיפּנדיקע ווערטער האָבן דורכגעלע־כערט דעם וואַגאָן. מ׳האָט מורא געהאַט אָפּצושטעלן זיך מיטן צעווילדעוועטן באַן אויף דער סטאַנציע.

פֿאַרטויבנדיקע, צאָרן געשרייען האָבן פֿאַרהילכט דאָס פֿרייע פֿעלד.

— — —

ביים אַרויסגיין אויפֿן אָדעסער וואָקזאַל האָט רחל געפֿילט ווי נאָדלען לויפֿן איבער איר קערפּער, דער עיקר אינווייניק האָט שטאַרק געקלעמט. איין זייט מאַנטל ווי עפּעס אַ פֿאַריסענע נאָז האָט זי נערווירט: אַ זיידענער כבוד! און דאָרט וואַגאָנען מיט מענטשן האָבן אַפֿילו ניט קיין גאַנץ העמד אויף זיך.

אַ געשריי האָט זיך געריסן פֿון איר האַלז: — צוג! וואַרט! דריי זיך אויס צוריק! קומט וועל איך אייך פֿירן צו מיין מאַמען אין די מאַגאַזינען צו די הונדערטער רעדער לאַוונט, געוואַנט!

סהאָט איר געשווינדלט אין קאָפּ: זי שעמט זיך פֿאַר זיך אַליין. זיט צו־רופֿן אַ דראָזשקע און וואָס גיכער אַוועק אויף איר קוואַרטיר. זי מוז טראַכטן, איבערדענקען, עפּעס מוז געטאָן ווערן.

זי האָט דערפֿילט אַ ביס אין אַ פּוס, זי האָט אינסטינקטיוו אַ טופּע געטאָן. ס׳בייסט שוין אין ביידע פֿיס, זי האָט פֿון אַ זייט אויף זיך אַקוק געטאָן און אַ שוידער האָט זי באַפֿאַלן: אירע זאָקן זענען באַדעקט מיט לייז!

זי איז אַריין אין קלאָזעט און גענומען שאָרן פֿון זיך. לאַנגע גרויע לייז האָבן זיך אָנגעקלאַמערט מיט זייערע זשעדנע פּיסלעך — סאיז אַזש אוממעג־לעך זיי אָפּצורייסן.

זיי האַלטן זיך אַפֿילו אויף די שיך. סהאָט איר אָנגעהויבן בייסן איבערן גאַנצן לייב. דער שטענדיק זויבערער, ריינער קאָפּ — איז ווי מוואָלט געצויגן יעדערן האָר אין אַן אַנדער זייט.

דאָס מויל האָט זיך איר געדרייט צו וויינען. זי מיאוסט זיך פֿון זיך אַליין, זי וואָלט אַרויסגעשפּרונגען פֿון דער אייגענער הויט.

א פארצווייפלטע האָט זי געקוקט ווי די לייז קריכן זיך צונויף אויפן דיל:
די זעלנערישע־לייז סודן זיך מיטן קויטיקן דיל וועגן צאָרן און גרויל.

זי האָט זיך אַ ריס געטאָן. איר קערפער איז געווען מיט בליי אנגעגאָסן;
וואָס גיכער אויף דער פריי, אין דער פרישער לופט.

דער איינציק פארבליבענער איזוואָשטשיק מיט אן אָפּגעריבענער דראָזש־
קע איז צו צו איר. זי האָט אים געבעטן:

—געשווינדער! כוועל געבן אויף טיי.

— — —

די באַלעבאָסטע האָט זיך אַ לאָז געטאָן קושן, נאָר רחל האָט מיט שרעק
אויסגעשריען: — מאַדאַם פינקלשטיין, רירט מיך ניט אָן, כבין אומרייַן, כמוז
זיך פריער אויסבאָדן און אַלץ איבערטאָן.

איר הויט האָט געשמאָרצט פון שטאַרקן וואַשן. די מאכלים, וואָס זי
פלעג עסן מיט הנאה זענען איר איצט געגאַנגען אויף צוריק. סהאָט זי פאַר־
פּאַלגט דאָס בילד פון די קריכנדיקע ראָבע לייז. איר מח האָט אימפּעטיק גע־
אַרבעט: אָרימע סאָלדאַטן — ווערים עסן זיי אויף לעבעדיקערהייט.

זי איז געגאַנגען זיך אָפּרוען. עס ליגט זיך איר ניט איין, דער מח ברענט,
זי איז אוועק אין פּעדערשטן צימער (איר באַלעבאָסטע דערלויבט איר זיצן וואו
זי וויל) זי האָט געעפנט א בוך. עס האָט זיך איר ניט געלייענט. א צאָרן אויף
מלחמות, הריגות אויפן חשבון פון פאָלק האָט זי געפייניקט: פּלוצים סאַשע,
איז אין אריינגאַנג פון הויף מיט ראָזעס אין האַנט.

א דערפרייטע איז זי געלאָפן עפענען די טיר: שיינע בלומען און אויף
איר קריכן אפשר נאָך ווערים, זי מוז זיך נאָכאַמאָל באָקוקן, ווידער אויסוואַשן
דעם קאָפּ.

— מאַרוסיאַ, האָט זי געשעפּטשעט צו דער דינסט, גייט זאָגט דעם
פּאַניטש. אַז איך שלאָף און האָב געהייסן מיך אויפוועקן פאַרנאַכט.

פונעם ערשטן בליק אויף דער דינסט זענען זיינע בלוטן גאַליק געוואָרן:
ווי דאָס גלאָצט מיט קעלבערנע אויגן! שמעלצט די צורה, ווי מ׳וואָלט זי גע־
קיצלט. קענטיק צופרידן מיט דער קנעכטשאַפט — איז גיי דאַמבע אריין אין
אַזעלכע וועגן קעמפן פאַר א פרייער וועלט. אַ טעלעצע עסט די בלומען מיט אי־
רע גלאָצערס, ווי מוואָלט איר געגעבן היי קייען.

— אַ, וואָס?! רחל שלאָפט ביז אוונט?! ער האָט מיט כעס צונויפגע־
דריקט די ראָזעס און ווי א נאָז־טיכל זיי אריינגעשטופּט אין קעשענע.

ער איז געלאָפן אראָפּ די טרעפּ: סאיז ניט קיין דינסט, סאיז אַ שד, איך

שמייכל שווערט אים זיין פּליִיצע. ס׳כאַ־כאַקעט: „אומזיסט געגליט זיך פונם ערב פּסח ביז היינט אין פּלאַטערדיקער דערוואַרטונג אויף אַ גליקלעכן ענטפער. ביזט געווען אַ שלי־מזל נאָך ביי דיין מוטער אין לייב, בעת איר (דעם גבירס טאָכטער) קריגן זיך מיט דיין טאַטן (דעם ייִדענעם אינגערמאַן, וואָס מהאָט געקויפט פאַר איר). און נאָכדעם, אַז ביסט געקומען אויף דער וועלט — איז פון זייער קאַץ־הונט רייסערייען — ניט נאָר צעדריקט געוואָרן דיין קינדעריש געלעכטער, סהאָט אויך אַפּגעסמט דיין יוגנט. ווען דו האָסט מזל — וואָלסטו ניט געווען פאַרזען רחלן ביים אַנקומען און פּלוצים באַמערקן זי אויף אַ לויפנדיקער דראָזשקע, אַזאַ אומעטיקע, אַזאַ משונהדיק שטרענגע. זי האָט אויף דיר ניט אַרויסגעקוקט און אומזיסט איז טאָקע געווען דיין שרייען און נאָכלויפן״.

רחל האָט אים נאָכגעקוקט דורכן פאַרהאַנג. ער האָט אויסגעזען ווי אַ פאַרלוירענער: זי וועט אים רופן צוריק.

זי האָט דערהערט מאַרוסיען זאָגן: „אַזוינע פרישינקע ראָזעס, האָט ער זיי ניט איבערגעגעבן פאַר דער באַרישניע, נאָר זיי זיך אַריינגעוואָרפן אין קעשענע, אַ דריי געטאָן מיטן מויל און אַוועק.

רחל איז געוואָרן שטאַרק בלאַס, זי האָט געביסן אירע ציטערנדיקע ליפּן: ער האָט אַפּגעלאַכט פון איר!

זי איז אַזוי צעמישט געוואָרן, אַז זי האָט אפילו ניט געפילט, ווי אירע הענט האָבן איבערגעריסן אויף דער העלפט עטלעכע בלעטלעך פון בוד. גראָד דער פאַרדראָס, וואָס זי וועט דאַרפן אַפּקויפן אַ נייעם בוד האָט זי אַביסל באַרואיקט.

— — —

אַ פערטל צו פינף. סאַשע איז ווידער דאָ:

— שוין דאָס דריטע מאָל היינט, אַז איך יאָג זיך אייך צו זען.

פריידיק האָט אַ שלאָג געטאָן אין רחלן! באַקאַנטע זענען אַנגעקומען.

סאַשע האָט געצאַרנט: זי דערציילט וועגן פאַרלייזיגטע סאָלדאַטן און זע נאָר, וואָס פאַר אַן אַכטונג ס׳האָט זיך אויסגעקלעפּט אויף זייערע פּנימער. ווען זי זאָל זיי זאָגן, אַז זי האָט זיך אַפּגעגעבן דאָרט יעדן פאַרפּאַשיוועטן— וואָלטן זיי זי באַטראַכט פאַר אַ הייליקער.

סאַשע האָט געטרייסלט מיטן קאָפּ: אַ פיבער־היץ האָט אים באַפאַלן, צום טייוול. דאָס שעצט ער זי אַזוי הויך. זיין צעעפנט האַרץ גייט איר ניט אָן, סאיז ביי איר, נאָך, אַ ליבע־גרימאַס. ער וועט ניט לאָזן, ווי אַ נבלה, זיך טרעטן פון דער פאַרפרוירענער צנועה.

געבליצט האָבן זיינע אויגן: דאָס איז דאָס לעצטע מאָל, וואָס ער זעט איר פּרצוף! שוין בעסער די ערגסטע זונה, איידער אזא מאַמעס חשובה טעכ־טערל מיטן: „קוק מיך אָן און ריר מיך ניט אָן״.

ער האָט זיך געבייזערט אויף דער פאַרגייענדיקער זון, אויף אַלע פּרויען, אויף דער גאַנצער וועלט.

אין רחלן איז אַ נייער טרויער אויסגעוואַקסן: ווי גיפּטיק אַ מענטש האָסט!

סאיז איר אפילו ניט געקומען אויפן געדאַנק, אַז זי איז אַן אויסנעם ביי אים.

אַ צוקאַכטער איז סאשא אַרויס אין גאַס: פון זיינע לעקציעס די לעצטע חדשים האָט ניט געטראָגן אפילו צו באַצאָלן פאַרן צימער. שלימזל לויפט אים נאָך. רעקאָמענדירט האָט מען אים גראַד אין בורזשואַזע הייזער — אָבער די רייכע זענען געוואוינט צו קריגן יענעמס אַרבעט פאַר אַ שפּאָט געהאַלט. „צען פאַר איינעם האָבן זיך מיר פאַרגעשלאָגן פאַר דעם פּרייז״. האָט געזאָגט אַ אין דימענטן אויסגעצירטע מאַדאַם ק. „אָבער איר האָט געמאַכט אַ בעסערן איינ־דרוק אויף מיר, וועל איך אייך געבן אַזויפיל וויפל די אַנדערע האָבן געבעטן״.

ער האָט געוואוסט, אַז זי זאָגט דעם אמת, די נויט האָט צופיל סטו־דענטן געצוואונגען צו אָנבאָטן זיך פאַר אַ שענדלעכן לוין. מאַדאַם ק. איז געווען צופרידן פון זיין לערנען, און לכבוד דער קריסטלעכער פּאַסכע אים געשענקט איר מאַנס אַן אַלטן גאָלדענעם פּאַרטסיגאַר. האָט אים „אַ טאַרקע געטאָן״ צו אויסנוצן דאָס געפעלך־זיין איר, און זיינע ליפּן האָבן ניט דרייסט דערמאָנט וועגן אַ העכערונג. דער מאַדאַמס שמייכלדיק פּנים איז געוואָרן אַ שטיק צאָרן: „איך האָב פיינט אַ חוצפּהניק! קומט אַריין קומענדיקע וואָך, וועל איך אייך באַצאָלן!״

סאַשע האָט זיך געטרייסט מיט חלשות־טראָפּנס: פון דער רעוואָלוציע אָן האָט דער בורזשוי אָנגעהויבן צו באַטראַכטן דעם אָרימען אינטעליגענט, ווי זיין אַן ערנסטן שונא. אַ סך סטודענטן באַקלאָגן זיך — אַז אין אייניקע רייכע הייזער האָט מען ממש מורא זיי אַריינצולאָזן.

סאַשע איז אַריין צו זיך אין צימער און געשפּאַנט הין און צוריק, ווי אַ פאַרכישופטער אייביק ניט צו בלייבן שטייען רוהיק: דאָס וואָרעמע, וואָס האָט זיך אים אַ רגע געדאַכט אין רחלס אויגן, האָט זי אויפן אָרט איינגעוויקלט אין אַ קאַלטקייט, און אומצוטריטלעכע געוואָרן. אָבער זיין האַרץ האָט זיך ווי אַ געטרייער הונט אוועקגעלעגט לעבן חלום...

סזענען אַריין וואַלאַדיע מיט קאַנטאָרן.ביידע האָבן געדעדט, איינער האָט אַרויסגעהאָלפן דעם אַנדערן:

— קום סאַשע צו דער„מומע זאַווערוכע", זי האָט אַריינגעקריגן בייע, צאַפּלדיקע סחורה. — פּוכקע צויגעלעך, גאָר ניט אָפּצורייסן זיך פון זיי. זי רעכנט דאָס זעלבע, ווי פאַר די פריערדיקע טשערעפּאַכעס.

— זי קאָנקערירט מיט דער „מומע טערעזע".

סאַשע האָט ניט געוואָלט גיין. ער האָט אָנגעגעבן פאַרשידענע תירוצים.

קאַנטער האָט אים געשלעפּט: — היי! בהמה־בצורת אדם! די מאָראַל האָט אויסגעצויגן אירע פּיסלעך נאָך ביי אונז אין ישיבה.

וואַלאַדיע האָט געשטופּט סאַשען פון טיר אַרויס!

— מירן דינגען אַ דראָזשקע און איינלאָדן יאַניען פאַר אַ קאַטאַשקע! קאַנטער האָט געלאַכט טייוולאַניש!

— מירן סוועטשען יאַניען מיטן שענסטן קורוועלע — ער האָט עס נאָך, נעבעך, קיינמאָל ניט פאַרזוכט.

סאַשע האָט זיך אויך צעלאַכט. סהאָט אים פאַרכאַפּט דאָס בילד: ווי דער כשרער, לויטערער יאַניע וועט אויסקוקן דאָס ערשטע מאָל אין אַ שאַנד־הויז.

— אַי, אַ שיינע קאָמעדיע וועט עס זיין!

אויפן וועג האָבן זיי זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעלאַכט און אויסגעזאָגט יאַניען וואוהין זיי פירן אים. אָז אַ וואָרט איז ער אַרויסגעשפּרונגען פון דער לויפנדיקער דראָזשקע. ער איז שיר ניט געהרגעט געוואָרן.

— — —

ביינאַכט האָט סאַשע אַ שווערער, אַ פינסטערער געשפּאַנט איבער דער מאַלדאַוואַנקע. קנאה צו יאַניען און פאַרדראָס אויף זיך האָבן אים געפרעסן: ער האָט ניט געטאָרט דערלאָזן אַזאַ שוואַכקייט צו מיטפאָרן מיט זיינע פריינט. רחל איז אַזוי צוטומלט פון די זעלנערס לייזיקן־שמוץ... מדארף זיך אָנטאָן אַ שטריקל אויפן האַלז און פּטור!

מיטן טאָגן האָט ער אַריינגעשפּאַנט צו זיך אין צימער און אָן אָנגעטאָנענער זיך אַריינגעוואָרפן אין בעט. סאיז אים הייס, קאַלט געוואָרן... ניט געקענט אַנטשלאָפן ווערן. סזענען געקומען זיינע קינדערשע און יוגנטלעכע ווייטיקן אים מנחם אבל זיין: ווען עס פלעג דער מאַמען זיינער איבערגיין די קאָפּ־שמערצן — פלעג זי אַראָפּנעמען דאָס טיכל פון שטערן און אַרויסקוקן דורכן פענסטער. פּלוצים! „זי חלשט! — איר אַלעקסאַנדערל — ר' שמועלס

דעם גבירס אייניקל שפילט זיך מיט אַפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע חברה לייט. זי וועט עס גאָרניט אויסהאַלטן. — ביים קבצנישן רבין האָט ער אָפּגעשפּאַרט אַזוינע הברים״. פרעגט שוין ניט וויפל צרות ער מיטן טאַטן זיינעם זענען אויסגעשטאַנען. זיין פאַטער אליין האָט געמוזט לערנען מיט אים. אָט אָבער די מאַמע דאָ אויך געפונען חסרונות — דער מאַן אירער טייטשט אויס דאָס לערנען מיט עפּעס צו פרייע געדאַנקען. דער סוף איז געווען דער פאַטער האָט אים אָפּגעפירט אין א דערבייאיקער שטאָט צו לערנען אין א גימנאַזיע.

פון זיין טאַטע־מאַמעס צודישען זייער קריגן זיך, אַז שכנים זאָלן זיי ניט דערהערן, — האָט ער זיך אויסגעלערנט שטיל וויינען — ביז דעם צושטאַנד פון בלויז שטאַרק ליידן אין זיך. דער קינדערשער געלעכטער און פרייד האָבן זיך ניט אויסגעטויגט פאַר אַזאַ שטילער ארבעט, זענען זיי אינגאַנצן אוועק פון אים. האָט ער ניט געקענט פארליידן דער באַלעבאַסטעס קינדער׳ס גלעקלדיקע געלעכטערס. נאָך ערגער: זיי האָבן געוואָלט באַלעבאַטעווען איבער אים. דאָס ניט! האָבן זיי געבראַכט דעם משפט איבער אים אין גימנאַזיע.

כאָטש סיי ער, סיי די אַנדערע פון זיין קלאַס זענען אלט געווען דרייצן־פערצן יאר — דאָך האָבן זיי אים שוין ניט פאַרגינען. וואָס ער געפעלט די שענסטע גימנאַזיסטקעס. „אפילו זינא, דעם דאָקטאָר רעזניקס, דערלויבט אים צו טראָגן אירע ביכער״. זענען אלע געווען אויף זיינע קעגנערס צד. א גליק דער איבערגעוואָקסענער באָריס האָט אים קיינמאָל ניט פאַרראַטן. „א גליק״. אַז־ווי איז צו אַזאַ גליק: דער זעכצן־יאָריקער באָריס, מיט זיינע גלאַנציגדיקע אייגלעך, אַזוי קאַמיש אריינגעזעצט אונטער זיין קורצן שטערן און גראָבע, רויטע באַקן, איז געווען וואולגאַר און אַן בושה. ווי די גוים מיט די גויעס בעתן פאַרשיכורן זייער האָב און גוטס אין זיין טאַטנס שענק, פון זיינע פולע קעשענעס מיט געלט פלעג באָריס אלעמען מכבד זיין מיט נאַשערייען אין די בופעטן..

איינמאָל ווען סאַשע איז אריינגעקומען אין שענק, איז וואָס ער האָט דאָרט דערזען האָבן זיך אים די האָר געשטעלט קאַפּויר. ער האָט געוואָלט אַנטלויפן, נאָר באָריס האָט אים אָנגעכאַפּט מיט זיינע שטאַרקע הענט:

„צעקראַכענער, זע נאָר ווי דיין פּנים פלאַמט! שעם זיך צו זיין א צעקוועטשטע מיידל!״ באָריס האָט צוגעהאַלטן זיין קאָפּ און ניט געלאָזט פאַרדרייען אין א זייט: — פוי! פעי! אָבי כ׳האָב געמיינט אַז דו ביסט עפּעס. א גאָרנישט מיט אַ נישט ביסטו! קוק און לערן ווי מען ווערט א מאַן!

סאַשע האָט געפילט, ווי זיין בלוט שטראָמט האַסטיק אין זיינע אברים.

ער האָט געבריקעט באַריסן מיט די פיס. געביסן זיינע הענט, אַלץ האָט געדויערט עטלעכע מינוטן, — אָבער אים האָט זיך געדאַכט אַז אַן אייביקייט רייסט שטי־קער פון אים. דער לומפּ האָט הילכיק געלאַכט און אים נאָכגעשריען: „שנעק־קן!!"

סאַשע האָט זיך געכאַפּט ביים קאָפּ: דעמאָלט האָט ער זיך דעם מאָרגן אינדערפרי געמאַכט שלאָפנדיק: באָריס פאַרפיילט גענוג טעג אין גימנאַזיע. אָבער היינט וועט ער אומיסטן קומען אָפּחוזקן פון אים, מאַכן פון אים א גע־לעכטער.

די באַלעבאָסטע האָט געזאָגט צו איר טיאַמען: „לאָז אים אָפּ, עפּעס געפעלט ער מיר היינט ניט. קיין ווערטשערע ניט געגעסן. ער האָט זיך מסתּם אָנגעשיכורט ביי זיין ליבן־חבר־באָריס. יענער איז א געזונטער בחור, בכלל א מאַן! און דער שנעק וויל אים נאָכטאָן." — ווי מיט אַ האַמער איבערן קאָפּ! ער מוז עפּעס טאָן! אין מוח האָט געקלאַפּט: „אַ מאַן איז ניט קיין שנעק". זיין האַרץ האָט זיך צוזאַמענגעדריקט מיט שרעק: ניין! קיין מאַן וויל ער אויך ניט זיין... עפּעס ניט קלאָרעס האָט אים באַהערשט. ער האָט געשפּירט אַז אומצוטרוי צו באָריסן מיט אַן אינוועניקער וואָרנונג: „היט זיך פאַר אים!"

די שטוב־קינדער זענען דערגאַנגען סאַשען די יאָרן — גערופן אים „שיכור", געלאַכט פון אים.

אויפן אַנדערן טאָג, ווען באָריס איז געקומען אין גימנאַזיע און גערעדט גלייך ווי קיינמאָל וואָלט גאָרנישט פּאַסירט — איז ער אים געוועזן זייער דאַנקבאַר. געגאַנגען צו אים אַהיים צו אָרויסהעלפן אין די לעקציעס. באָריס האָט געהאַט זייער אַ שווערן קאָפּ צום לערנען!

דאָרט אין שטוב האָט סאַשע דערפילט: ער איז קראַנק.

דאָס מאָל האָט ער זיך ניט אָפּגעזאָגט פונם וויין, וואָס מהאָט אים ברייט מכבד געווען. געלאָזט זיך איינריידן, ווי באָריס'ס ברידער האָבן געזאָגט: „אַ זייער געשמאַק ביסל בראָנפן". יענע נאַכט איז באָריס געוואָרן באַלעבאָס איבער אים און פאַרפירט אים אין א הייזל. ערשט אויפן אַנדערן טאָג האָט סאַשע באַגריפן: עפּעס ניט גוטס האָט מיט אים געטראָפן.

ער האָט זיך געשעמט צו קוקן מענטשן אין די אויגן, געוואָרן מעלאַנ־כאָליש. פאַרלאָרן דעם אַפּעטיט. אַ מידקייט, א פוילקייט האָט אים באַהערשט. ער האָט אָנגעהויבן קריגן שלעכטע צייכנס אין גימנאַזיע, געוואָרן גלייכ־גילטיק צו אַלץ און אַלעמען.

דאָך, מיט דער צייט, האָט ער דערשפּירט קנאה צו באָריסן פאַר זיין וואָוליונגשאַפט.

סאשעס האַרץ האָט געקלעמט: זיין פאָטער — ווען סהאָט געצויגן צו וועלטלעכן וויסן, זענען געוואָרן ענג די ווענט פון שווער־און־שוויגערס אייבי־קע קעסט. ער האָט איבערגערעדט די מוטער אַרויסצופאָרן קיין אדעס. גע־וואָרן אַ מעקלער. געדאַרפט פאַרדינען מער ווי ער האָט — איז דער שלום־בית דריי מאָל אַ טאָג געקראַכן פון דער הויט אַרויס. האָט זיך טאַקע ניט געאיילט דער פאָטער אַהיים, ער פלעג מער אַנאַה האָבן פונם אַריינכאַפּן זיך אין ביבליאָטעק.

אויך אים, סאשען, האָט געטריבן פון זייער שטוב. אַ הויכער מיט אַ אומעטיק, בלאַס געזיכט, האָט ער אויסגעקוקט עלטער פון זיינע יאָרן. געחברט האָבן זיך מיט אים בחורים נאָך עלטער פון זיין אויסזען. זיי האָבן שטאָלצירט מיט זייער אויסגעלאַסנקייט, ער האָט זיך געשעמט פאַר זיי מודה צו זיין וויפיל מאָל ער האָט מיט שווינדלעניש אין די אויגן און מיט קאָפּ־ווייטיק געטראַכט מער קיינמאָל ניט אַריבערטרעטן די שוועל פון אַ שאַנד־הויז. ער האָט באַצאָלט טייער דערפאַר. אַ ניט דערוואַקסענער איז ער זיך אַריבערגעוואַקסן.

סאשע האָט געוויינט, ער האָט דערזען זיין אָפּפאָרן צו און פון אַמעריק־קע: געקומען צוריק צו זיין לאַנד, זיין שפּראַך, — צוריק ווערן אַ רוסישער דיכטער און געטראָטן דאָס זיטלעכע מיט די פיס.

סאשע האָט ווידער דערפילט דעם פיינלעכן ריס צווישן זיין טאַטע־מאַמען: די דערינערונג דריקט, די געגנוואַרט איז שווער, עס ווייגט אַן אייביקע טרער. דער זכרון שפּרינגט צום גוזעגענען זיך מיט זיין פאָטער: שוואַרצע נאַכט אין פאָטערס באַגייסטערטן פּנים, ניט ווינציקער גליווערט אים דער מוטערס אויסגעלאַשענע אויגן.

סאשע האָט זיך צונויפגעהויקערט: גלייכצייטיק מיט זיין קומען אַהיים — האָט דער גרויסער מלחמה מאַנסטער מיט זיין מערדעריי אויסגעשפּרייט זיך איבער אַלעמענס קעפּ, געוואָרפן פינסטערניש אין מענטשנס נשמה. אַ פאַרלאַרנקייט האָט אַרומגעכאַפּט די יוגנט. אויך ער האָט געוואָלט זיך אַפּנוקמען אין עפּעס און דערביי געזונקען טיפער און טיפער.

סאשע האָט זיך לאַנג געשלאָגן מיטן שטעקן פון זיינע אייגענע זינד, ביז ער האָט רחמנות געקראָגן אויף זיך: ער האָט פאַרלאָרן דעם מינסטן צוטרוי צו פרויען, ער גלויבט זיי ניט און פאַרטיק! — איז וואָס האָט געדאַרפט קומען די צאַרטע רחל?..

ער איז צו צום שפּיגעלע, פּאַרקוקט זיך אויפן אנגעקוועטשן פּאַס אויף זיין לינקער באַק: ווי אַ געטרייער שוועסטער וועט ער רחלן אַלץ אויס־דערציילן, זי מוז אים אַרויסהעלפן.

— — —

נאָך פון יענער זייט טיר האָט סאשע דערהערט רעדן רחלס באַקאַנטע: שוין דאָ איר כאַליאַסטרע!

זיין אינערלעכע אומרו האָט אים געקנייפּט מיט האַס צו אַלעמען, מיט אייפערזוכט צו דעם, יענעם. קנאה: אַלע האָבן דאָס רעכט צו זיין ביי איר, נאָר ניט ער.

אַז שוין יאָ אַ שוואַרצער טייוול, איז סאשע געוואָרן בייז. — איז וואָס זיצט ער דאָ, ווי אַ צונויפגעפּרעסט ביונקעלע!

ער האָט זיך משונהדיק ווילד צעלאַכט און ווערטער פול מיט ציניזם, מיט סאַרקאַזם האָבן באַגלייט דעם העסלעכן געלעכטער. ער האָט דערציילט, ווי ער מיט קאַנטערן און נאָך אַ פריינט האָבן געוואָלט פאַרנאַרן יאַניצן. וואָס פאַר צאַצקעלעך זענען דאָרט דאָ. ער האָט געהאַלטן אין איין מאַכן שפּאַס פון יאַניצן:

— אַזאַ מילכיקער! פרעזערווירט זיך פאַר ווען זיין געליבטע וועט אַמאָל קומען. ווי אַ משיח אויף אַ ווייס פערדל — וויל זי דער אייזל באַ־געגענען. אַ ריינער וויל ער זיין! האָט סאשע אַ הילך געטאָן.

— רחלע, צנועה מיינע, נעם נאָך אים אַריין אין דיין פלאַטאָנישער אַרמיי!

א געדריקטע שטימונג האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט.

סאשע, אַ שטאַרק בלאַסער, די אויגן־ווייסלען פאַרפאַרבט מיט רויט־קייט, האָט צונויפגעדרוקט די ברעמען, ווי זיי וואָלטן זיך אנגעשטרענגט אונטערצוהאַלטן אַ שווערע משא — איז דער ערשטער אַוועק.

אויך אירע אַנדערע באַקאַנטע, ווי פאַרשולדיקטע, האָבן גלייך נאָך אים פאַרלאָזט דאָס צימער.

— — —

רחלן האָבן געשטיקט טרערן: פון אינדערפרי אָן, מיט איטלעכן קלאַפּ אין טיר, איז געשפּרונגען איר האַרץ „דאָס קומט סאשע״. ער איז אַריין: „סאיז פריילעך דאָ ביי אייך!״ וואָלט ער געוועזן אַן אויסגעשלאָפענער,

וואלט ער אַזוינס אפילו ניט אַ טראַכט געטאָן. דאַכט זיך, אַ בלינדער וואלט עס אויך דערשפּירט ווי פאַרזארגט, שרעקלעך באַאומרואיקט אַלע זענען וועגן גוסטאַווס געזונט־צושטאַנד. אַז ער שרייבט: „לייכט פאַרוואונדעט״ — איז געוויס זיין לאַגע זייער ערנסט.

איר טרויעריק אויג האט זיך פאַרהאַלטן אויף איסרס שרייבן:

„שוועסטער, דו ביסט אַ געבילדעט מיידל געווארן, אַז איך זאל אַהיימקומען — וואלסטו זיך געשעמט מיט מיר. דא, אין דעם גאלדענעם לאַנד, זענען אַלע עמיגראַנטן, פּראָסטע אַרבעטער״.

רחלן קלעמט דאס האַרץ: אבער אט לערנט זיך סאשע, איז אַ פּאָעט און דאך . . .

— — —

גרישא מיט דינהן זענען צוריקגעקומען. זיי רופן זי אין טעאטער. גרישא האט אַציגעטאָן רחלס זייגערל, וואס האט אַראָפּגעהאנגען פון איר האַלז אויף אַ דין שוואַרץ־זיידן שנירל:

— נאר פאר אַזאַ פיין־פילנדיקער בת־יחידה האט מען צוגעטראַכט אַזאַ פּרעכטיקן קאליר, אַ ראָז־פּערלמוטערן זייגערל, פון וואַנען האט מען עס אויסגעשריבן? קום, די אָפּערע „יעווגעני אָניעגין״ וועט צעטרייבן אַלע איבערטראַכטונגען. דיין אידעאַליסט גוסטאַוו וועט נאך טאָן אַ סך גוטע אַרבעט. מיין מומע זאגט: „דער מענטש איז זיך אַליין דער ערגסטער שונא, ער לעגט זיך אויס דאס שרעקלעכסטע״.

אַ טרויעריק שמייכל אין דינהס אויגן האט נאך געפאַרשט יענע פּערל־גרויקייט אויף רחלס פּנים בעת סאשעס אָוועקגיין: דער טראָפּן האַרבסטי־קייט, וואס איר פּאָעט האט דא היינט פון זיך איבערגעלאָזט, קען אונטער דער ווירקונג פון „יעווגעני אָניעגין״ ביי איינער אויפן אָרט צעטראָטן ווערן, און ביי אַן אַנדערער זיך גאָר צעוואַקסן. אין וואס? ווער ווייסט?

— — —

אינם זינגען, דערהויפּט אין שפּילן פונם גרויסן אָרקעסטער הערט רחל: „פּראָסטיטוטקעס. יאַניע״ . . . „לייכט פאַרוואונדעט״ . . . „פּלאַטאָנישע אַרמיי . . . ״

איר פּנים האט געברענט, זי האט זיך פאַרגעוואָרפן: אַ נאַרישע גימנאַזיסטקע. זאל עס זיין זי האט צופיל בעלעטריסטיק געלייענט? אפילו

ביי דער קלאַסיקער איז אַ פּלאַנטער פון ליבעס: אַניעגינס, ליענסקיס מיט ליידנדיקע טאַטיאַנעס, פּאַרוואָס טראַכט זי מער ניט פון דאַווידן? ער קומט יעדעס מאָל מיט אַן אַנדער אַנצוהערעניש.

רחל ציטערט: אַט זינגט טאַטיאַנאַ „איך האָב אייך ליב, נאָר כוועל בלייבן געטריי צו יענעם — וועמען מהאָט מיך אָוועקגעגעבן". סיי סאַשע, סיי דאַוויד, איז ווי צווישן האַמער און קאָוואַדלע. ליבע מוז גיין האַנט אין האַנט מיט ווירדע — אַניט ווערן ביידע, די ווירדע און די ליבע מיאוס באַזיגט.

יאָוש האָט זיך אַרומגעפּלאַכטן אַרום רחלס האַרץ: ווער זענען די פּראָסטיטוטקעס? אפשר איז אין ביבליאָטעק פאַראַן ביכער וועגן זיי? נאָר, אָבער, זי קען ניט פרעגן ביים ביבליאָטעקער וועגן אַזאַ זאַך.

די גאַנצע וואָך האָט זי געהאַלטן אין איין טראַכטן און חקירהן: זאָל זי פרעגן פאַר אַזאַ בוך, צו ניין. גיכער האָט זי זיך איינגערעדט אַ נאַריש־קייט, ווער וועט שרייבן וועגן אַזאַ עניין.

שבת בייטאָג, האָט דער ביבליאָטעקער אַ וואָרף געטאָן אויף רחלן צוויי צושראָקענע אויגן, אַז זי איז בלייך ווי קאַלך געוואָרן:

— פריילן, פאַרגעסט זיך ניט וואו איר זענט! ער האָט פאַרשנדיק געמאָסטן זי פון קאָפּ ביז די פיס.

איינער, מיט גראָבע, בלויע גלעזער איבער זיין לאַנגער נאָז, האָט אַ שעפּטשע געטאָן דער צוטומלטער רחלן:

—זעצט אייך דאָ עפּעס לייענען, כוועל אייך באַלד ברענגען אַ בוך, וואָס איר האָט געוואָלט. אין עטלעכע מינוט איז ער, אַ פּאַרסאָפּעטער, צו:

— נאַט, לייענט עס דאָ איבער און גיט עס מיר צוריק.

רחל האָט זיך פאַרטיפט אין פאַרשמאַלצעוועטן ביכל אַן טייוועלער. אין אירע אויגן לויפט אַרום אַ שרעק: „פון די באַציאונגען מיט גאַסן־פרויען זענען די מענער אונטערוואָרפן צו פאַרשידענע וועגערישע קראַנקהייטן, וועלכע זיי פאַרשפּרייטן צווישן אַלע מיטמענשן, דערהויפּט נעמען זיך אַן פון זיי זייערע פרויען".

„ביי אַזוינע עלטערן ווערן אָפט די קינדער געבוירן מיט ווייכע ביינער, דערפאַרמירטן שאַרבן. אַלערליי אויסשיטן. פאַראַליטישע סמנים".

רחלס אויגן זענען פאַרטערט געוואָרן. זי האָט זיך דערמאָנט אין אַן

אומגליקלעכער מוטער, וואס האט אַרומגעפירט איר געליימט קינד. עס טאַנצן די טישן, די ביכער, אַ שוידערלעכע וועלט דרייט זיך צוזאַמען מיט רחלן.

דאס דרויסנדיקע, קילע ווינטל צובלאזט נאך שטאַרקער דאס פייער, זי האט פאַרגעסן אין אַ וואסער ריכטונג זי דאַרף אַהיימגיין.

שעהן פליען. די נאַכט רוקט זיך, רחל איז אריין אין א טיפן גרוב. זי שלעפט דעם שוואַרצן פארהאנג. שאטנס גריבלען זיך אין לייב: אין בוך זאגט ער בפרוש — „בעת זייערע געשלעכטלעכע באַצואונגען מיט די אנ־געשטעקטע ווערן זיי קראַנק״.

סאיז איר הייס געווארן.. א מיסטעריעזע. שרעק האט זי באַפאַלן. אפילו דער יונגער שלאף קעניט פארדעקן אלע בייזע מחשבות. זי ווארפט זיך. זי וויל לויפן איינשטילן וויינענדיקע. קינדער.. נאר אירע פיס זענען שווער, אַ קינד מיט אַ געשוואלענעם גרויסן קאפּ שרייט און זיינע אויגן זענען שרעקלעך!

זי האט זיך אויפגעכאפּט אין אַ קאַלטן שווייס; און סאשע באַרימט זיך נאך מיט דעם העפקערדיקייט.

קאַפּיטל עלף

מאָרגן, דינה איז אַריין:

— רחל, זיצט נאָך אַלץ איבער די פּאַפּירענע חכמות! אַי וואָלט איך געלאַכט, ווען דו אַליין וועסט אַ בוד און עפּעס אַ בחור נעמט דיך אַריין אין בעט און ווערט מיט דיר אַנטשלאָפן. כאַ, כאַ!

דינה דאַרפיש אין אויסזען, רויטע באַקן. אַ האַרטגעקנאַטענער קערפּער אויף שלאַנקע פיס. די אויגן ברענען ציגאַנעריש. זי אַליין זאָגט: כ'האָב אויף אים אַ קוק געטאָן מיט מיינע קאַרשן — איז ער דערציטערט געוואָרן.״ כאַ, כאַ!

נאָך פון ערשטן בליק אָן האָט זיך רחל פאַרליבט אין איר: דינה איז ווי אַ הויפן ערד—פּריש א גראָב געטאָן מיט אַ שאַרפן רידל, זיסע פּאַרע שלאָגט דערפון.

— דינה האָט געלאַכט, אַזש דער גאַנצער קערפּער האָט זיך געוויגט:

— אָבער ניין! האָט זי זיך געכאַפּט. בלייב בעסער אַזוי ווי דו ביסט. די בחורים קענען זיך גאָר נישט אָפּלויבן פון דיר — איז ווי זשע וואָלטן זיי נעבעך געפילט! כאַ, כאַ!

רחל פּלעגט פּראָטעסטירן קעגן וואולגאַרע וויצן, פּלאַטשיקע חכמות, אינגאַנצן אויסמיידן יענע, וועלכע האָבן אַן אומריינעם צונג. אָבער פון דינהן טראַכט זי: אירע ערגסטע רייד ווערן עפּעס אַזוי אַרויסגעזאָגט, ווי זי וואָלט מיטן העסלעכן געוואָלט אונטערשטרייכן דאָס שענערע, דאָס ריינערע.

זי האָט אַרומגענומען איר חברטע:

— ליבע לאַכערקע, דו האָסט מיר דערמאָנט אַ מאַיאָווע רעגנדל אין דאָרף. כוואָלט איצט בעסער געוואָלט זיין אין דאָרף, איידער מיט דער גרויסשטאָטישער, געהויבענער אינטעליגענציע.

כאַ, כאַ! . . האָט זיך דינה נאָך שטאַרקער פּאַנאַנדערגעלאַכט:

— כ'האָב דיר געבראַכט אַן איינלאַדונג פון ראָזע. בורשטין, אין אָוונט וועל איך קומען מיט צוויי בחורים — וועלן מיר גיין צו איר. „קיין מיידלעך אַליין וויל איך ניט, כ'האָב מורא מ'זאָל נישט אָפּשלאָגן מיין שיינעם״ חכמיט זיך ראָזע, אָבער ווייסט דאָך, אין יעדן שפּאַס איז דאָ אַ ביסל אמת. כאַ, כאַ!

— — —

אוודאי זענען אלע געקומען צו ראזעס געבורטסטאג, דא איז ניט ווי ווען מ׳דארף ארויסרופן א באקאנטע — דינגט זיך איינער מיטן אנדערן: „גיי דו, מיך האט די וואך איר באלעבאסטעס בליק שוין דורכגעבריט״. אויף מיר איז זי בייז נאך פון פארצווייוואכן, כ׳האב „געקלונגען צו הויך״. צו ראזען קען מען קלינגען, קומען, גיין וויפיל און ווען דאס הארץ גלוסט.

מיט איר מוטער פילט מען, ווי מוואלט אהיימגעפארען צו דער אייגענער מאמען, וועלכע גרייט צו דאס בעסטע און דאס שענסטע, דיין הנאה פאר־שאפט איר די גרעסטע פרייד. ראזעס מאמע איז יעדעס מאל מכבד מיט געשמאקע מאכלים. הם, הם — עס צעגייט זיך אין מויל! דערצו די הויפט זאך: — ראזעס זינגען! זי איז איינע פון די אויסגעצייכנטע, פארענדיקטע שילערנס פון דער קאנסערוואטאריע.

אט האט ראזע פארצויגן א ליד מיט איר ווייכשל־גרייס מיילכל. עס גליטשן זיך . . . עס פליסן לייכטע באוועגונגען . . . פארשידענע טענער יאגן זיך נאך, זיי האלזן זיך . . . זיי . . .

אבער וואס איז געשען?! סאיז דאך א שמחה — איז וואס הערשט דא דער מלאך־המות, דאס שלאכטפעלד?!

קלארע זעט איר פאטער: זיין רעכטן הויז, הענגט אראפ.

זיסקינד וויל אפשארן פון זיך דאס בילד פון זיין יונגערן. ברודער, ווען מ׳האט אים א צעקריפלטן אהיימגעבראכט.

דינה גראבט מיט איר יונגער נשמה די מיט בלוט אנגעזאפטע ערד. דאס איז איר סוד, קיינער פון די אלע באקאנטע ווייסן ניט וועגן איר גרויסן צער — איר חתן, סאיז פינסטער, אז אפגרונט האט אים פארשלונגען.

פאר נחמנען איז אויפגעשוואומען דאס בילד, ווי זיין פאטער, דער גערופענער רעזערוויסט, און ער אליין מיטן „גרינעם־בילעט״ — האבן פאר־לאזט די מוטער. ווי זי מיט איין שוועסטערל אויף די הענט און דאס אנדערע אנגעהאנגען אין איר קלייד איז געשטאנען אויפן בארג־מיסט — וואס אלע ארומיקע שכנים ווארפן לעבן זייער טיר.

דער פארטראכטער רחלן האט זיך איצט פארגעשטעלט דער גוססדיקער גוסטאוו, זי האט זיך דערמאנט אין זיין לעצטן בריוו פון פעטראגראד:

„איך האב געזעען דא אויף דער פלאשטשיאד דאס בלוט פון מאמעס און שוועסטער פאר זייער מאנען ברויט. אבער ביזן לעצטן אטעם גלויב איך — אז דער תוך פון דער וועלט איז דאס שטרעבן צום גוטן״. ליבער

מענטש ער האט נאך איבערגעשטיגן דאס רוימישע שפּריכוואָרט: „אַזוי לאַנג ווי איך אָטעם — האָף איך". זיין האָפנונג איז אומשטערבלעך.

ראָזעס זינגען בויעט געדאַנקען, וועקט געפילן. דאָס ליד גליטשט זיך אַריין וואָס טיפער, עס קלעמט דאָס האַרץ, עס גלעט איטלעך אָבער?

זיסקינדן פּייניקט דער געדאַנק: אמת דער אַרבעטער האָט אויפגע־וואַכט, אָבער אין זיינע קרעפּטיקע הענט זאָל דאָס גרויסע, דערוויל אַזוי ווייכע געשעעניש ניט צעדריקט ווערן. ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש:

ווי קען דער סאָציאַליזם זיגן, אַז די בעסטע פירער גייען אויס פאַר הונ־גער. סטודענטן זענען געוואָרן שיק אינגלעך אויף די מאַרקן. זייער זיין גע־צוואונגען, פאַר אַ שטיקל ברויט, צו טאָן דאָס ערגסטע — איז אַן אומגליק פאַר אַלעמען.

די מיידלעך האָבן אַראָפּגעשלעפּט, ממש אַראָפּגעריסן פון זיך זייערע אוירינגלעך, שפּילקעס, בערלאַקלעך מיט די טייערע איינגעפּאַסטע דימענט־לעך. אוודאי ווייסן דאָ אַלע, אַז אין דער שטורמדיקער צייט זענען די מיידלעך אַרויסגעוואַקסן פון יענע סענטימענטאַלקייטן צו צאַצקן זיך מיט אַ מתנה, אַ דערינערונג.

די בלומען אויף די טישן האָבן זיך פאַרדרייט, ווי אין קרענצלעך, צו וועמעס לויה גרייטן זיי זיך? די בלעטלעך קאַרטשען זיך, קרומען זיך, פאַלן אַראָפּ.

אַהיימגיין איידער סהייבט אָן טאָגן האָט מען פּשוט מורא געהאַט. אונטער דער טרייב־קראַפט פון שרעקלעכער נויט, זענען ערלעכע בחורים געוואָרן אויסגעצייכנטע גנבים, אַפילו מערדער.

ביי ראָזעס אַ באַקאַנטער האָט מען אויסגעשניטן אַ וואַזשנע קאַראַ־קולנע פּלייצע, בעת איר דורכגיין די דעריבאַסאָווסקע גאַס.

גרישע האָט געלאַכט:

— צו מיין פּעטער איז מען צו מיט קלאָרע דבורים, אַ ביקסל גלייך צו דער נאָז „וואַרף אַראָפּ דיין בגד מיט די שיך, דאָס גאַנצע געלט און מאַד אַ שיין בינטל!"

דינה האָט זיך אויפגעשטעלט, זי איז ניט נאָר ערנסט, זי איז עפּעס אַלט געוואָרן:

עס בלייבן בלויז צעפּוילטע מענטשלעך — זיי טויגן ניט צו מיליטער, ניט צום לעבן. און וועגן די אויסגעקורירטע פון שלאַכטפעלד, די „מלחמה אידיאָטן" — רעדט מען ניט.

— טאכטערל, האט ראזען געבעטן איר מוטער. זינג עפּעס אַ פריי־לעכס, זאָל ווערן אַלעמען אויפגעלעגט אויפן האַרצן.

דינה האט אַ כאַפּ געטאָן איר מאַנטל:

— ניין, ניין, זיי דאַרפן זיך ניט באַאומרואיקן, זי האט פאַר קיינעם קיין מורא ניט, זיט אליין אהיימגיין.

— — —

רחל, גרישע, קאַנטער האבן זיך מיט דינען ארויסגעלאָזט צום בלוי־לעכן פאַרטאָג. ווי נאָר דינה איז פאַרשוואונדן פון יענעם זייט טויער, האט קאַנטער זיך צושמייכלט:

— מ׳וואָלט געקענט לעבן לאַזט מען ניט, ווען ניט דינהס ברודער — וואָלט איך זי געגאַנגען טרייסטן אין איר וואַרעם בעט. אַ פּוכקע מיידל־טשאַרט פאַבערי!

ביידע בחורים האבן זיך פאַרנאַנדערגעלאַכט. אבער ווען קאַנטער האט אנגעהויבן פּרעדן באַפּוצן זיינע רייד, איז עס שוין גרישען אויך געוואָרן אומאַנגענעם. רחל איז אַן אנגעצינדענע געוואָרן:

— איר זענט ניט בלויז אַן אומפאַרשעמטער, אויך אַ . . .

זי איז אוועק אריבערן וועג. גרישע איז איר נאכגעגאַנגען. קאַנטער האט אַריבערגעשריען:

— כוועל לאָזן גריסן סאשען — ער האט אויך ליב פּרישינקע!

רחל האט, יענעם פאַרטאָג, ווי אין אַ פיבער זיך געוואָרפן אויפן געלעגער: קאַנטער איז סאשעס פריינט, ביידע מיט דער זעלבער נידעריקער פאַנטאַזיע וועגן אַלע פּרויען, אַן האַרץ, אַן גייסט.

אין רחלן קומען פאַר מאַטערנדיקע קאָנפליקטן: ליב האבן סאשען — מיינט באַרעכטיקן די עוולות קעגן די וואס לאָזן זיך נאַרן, אבער ווי אַ קליפּע באַפעלט עס, רופט און ציט איר צו אים.

— — —

זונטיק צוויי אַזייגער. רחל האט שוין צוגעגרייט אַלע לעקציעס פאַר מאָנטיק, דער ציוניסט שאַץ איז געקומען.

— אין שול יבנה האלט רעבעלסקי אַ לעקציע איבער אידישער היסטאָ־ריע.

זיי זענען געגאַנגען אים הערן. די שול איז געווען איבערגעפילט מיט בחורים, מיידלעך, יונגעלייט, עלטערע אידן. מאיז זיך אפגעשטאַנען די פיס. נאָך דער לעקציע האט שאָץ באַקענט רחלן מיטן לעקטאר. אַן ענגע גרופּע האט לאַנג געשמועסט מיט אים.

רחל האט מיט ערנסטקייט אריינגעקוקט אין זיך: זי האלט זיך קוים אפּ פון פרעגן אַ נאַרישקייט. די לעצטע פּאר חדשים האבן אַרומגעבונדן יענעם גאנצן געשיכטלעכן פעריאַד מיט א שווערן שטיין. איז? ניין. זי וואלט געוואלט אַן ענטפער פון א קאנסיליאום לעקטארן — פון אַלע שיכטן און ריכטונגען.

מיט אירע פארצווייפלטע געדאנקען האט זי זיך געאיילט צו זיין אין איר צימער. מקלינגט. דינה איז אריין:

— קאנטער האט מיך צוגעפירט ביזן טויער. אריינגיין, האט ער געזאגט, האט ער מורא, דו וואלסט אים געהרגעט. כאַ, כאַ! וואס פאר אַ שוואַרצע קאַץ איז צווישן אייך דורכגעלאָפן?!

ספּאנטאַן האט רחל איר איבערגעגעבן קאנטערס נעכטיקע פרעכע רייד.

אנשטאט אַרויסוויזן פאַרדראס, האט גאר דינה אויסגעשאָסען אין אַ געלעכטער. זי לאַכט און קאַטשעט זיך איבערן טישל, בענקל, אויפן דיל. „אוי! אוי! כאַ—כאַ—כאַ . . . ווידער אַ קוויטש און ווייטער געלאַכט.

רחל איז שטאַרק פאַרוואונדערט, זי טראַכט: סאיז כאטש גוט וואס אחוץ זייביידן איז איצט קיינער אין שטוב ניטא, מ׳וואלט זי באַטראַכט פאַר אַ משוגענער.

און אט האט דינה אויסגעווישט די טרערן פון לאַכן און זיך שטאַרק פאַרנאַנדערגעוויינט.

— איך גלויב אויך, אַז ווען ניט מיין ברודער — וואלט קאנטער געווען גערעכט מיט זיין באַרימען זיך.

— סאיז ניט אמת! האט רחל בייז אויסגעשריען, דו ביסט אפשר פארבלענדט פון די העברעאישע משלים, וואס דער געוועזענער ישיבהניק גיט אויף יעדן טריט און טריט. אבער איך קען אים בעסער. אין אַ געזעל־שאַפט פון עטלעכע מיידלעך און אַ פּאר בחורים האט ער אנגעהויבן צו רעדן העברעיש. — ער ווייסט אַ ניי ארט פון שיינע זונות און איינגערעדט די אַנדערע זיי זאלן באַשטימען ווען צו פארן אַהין. מ׳האט אים באַמערקט

ער זאל אויפהערן צו ריידן — טאמער פאַרשטיין די מיידלעך. אבער קאנטער האט געענטפערט: „הלואי זענען די אויך אין יענעם מקום״. און זיך שטאַרק פאַרנאַנדערגעלאַכט, ראזעס ברודער האט מען קוים אפגעהאלטן — ער האט אים געוואלט צערייסן.

דינה שטייט צוגעשפּאַרט צו דער וואנט, אין די אויגן אַ פרעמדע אומהיימלעכקייט . . .

אומבאַמערקט איז אריין די פאַרנאַכטיקע טונקלקייט אין צימער. שאטנס שפרינגען אין רחלס פנים: „אַט האסטו פאַר רעדן וואס געהערט ניט צו דיר״. א שמערצלעכע פאַרטיידיקונג: „כהאב דאך געמיינט איר טובה״.

פלוצים זענען דינהס אויגן געווארן צוויי פאַקלען, זיי ברענען מיט צארן:

— מסתם האט קאנטערס רויער אינסטינקט דערשפּירט אין מיר מיין ציניזם צו אַלץ! צו דעם אומפאַרשעמטן ליגן, וואס מרופט אן לעבן! מאראַל! חוב! דער טויט פון מיליאנען אומשולדיקע, וואס איז אויפן באַפעל און קאפּריז פון אַ פּאָר הערשער, רופן זיי אן: „פּאַטריאטיזם״!

דינה האט זיך שווער אַראפּגעלאזט אויפן שטול, ווי זי וואלט זיך געדארפט איבערברעכן אין עטלעכן. פון איר האלז האט זיך געצויגן א פארשטיקט קול:

— ביי היינטיקן טאג איז מיר גרינגער צו פאַרליידן געמיינע קאנטערס, ווי דעם זיטלעכן גרישען, וועלכער דערמאנט מיר אַזוי פּיינלעך מיין חתן.

„לייזער איז געוועזן אַזאַ פּעאיקער, אַז אין פיר יאר האט ער פאַרענדיקט די גימנאַזיע. יאר נאך יאר איז ער געפארן האלטן עקזאמענס פאַר צוויי קלאַסן אויף איין מאל. כאטש אַן אידישער עקסטערניק — דאך געקראגן די בעסטע אויסצייכנונגען. זיינע טיפע קענטענישן האבן ווייך געמאכט דעם נאטשאלניקס אַנטיסעמיטיש האַרץ. דורך זיינע בייזע, אַראפּגעלאזטע ברעמען האט ער געדריקט לייזערס האנט און אים פאַרבעטן צו זיך אויף טיי. דעם נאטשאלניקס ווייב האט, פון גרויס איבערראַשונג, אַזש געכאַפּט דאס ביי איר אויפן ברוסט הענגענדיקע צלמל און עס אַראפּגערוקט אויף דער פּלייצע.

„לייזערס האַרץ איז געווען נאך בעסער פון זיין גוטן קאפּ. דורך די נעכט פלעג ער איבערליגן ביי די ערגסטע חלאים פון די ארימסטע שטיבלעך. פון דער ענגער, שטיקנדיקער לופט אליין האט מען געקענט קראנק

ווערן. ער האט געוואַשן מיט עסיק, געריבן מיט ספּירט די טיפּוסניקעס, ווער מיר שרעקן זיך פאַרן אנשטעקן זיך, וואס מיר מורא האבן פאַרן אייגענעם פעלכל.

בייטאג, א ניט דערשלאפענער, איז ער געלאפן קלאפּן פּושקעס — מ׳זאל אַרויסהעלפן די אָרימע פאַמיליעס פון די קראַנקע טאַטעס. זיין גע־זעלשאַפטלעכקייט האט גאר קיין שיעור ניט געהאַט. דאס גאַנצע שטעטל האט זיך געגרויסט מיט לייזער מאַליס.

דינהן האבן געוואַרגן טרערן:

די מלחמה האט גענומען רופן די בלויע־בילעטן. לייזער האט זיך ניט געוואלט רעגיסטרירן: „ס׳איז ניטאָ קיין שום מאראַלישער זין אין דער קריג, וואס די הערשער פירן און דאס פאלק איז מקריב דאס לעבן. איך וועל ניט שיסן, ווי אַ מערדער, אין די געדאַנקלאָזע זעלנער — וועמען מען האט איינגערעדט דעם ליגן פון נצחון פונם פאטערלאַנד.

ער, מיט אַ גרויסער צאָל אידישע און קריסטלעכע בחורים און פאַר־הייראַטע יונגעלייט האבן זיך אַרומגעוואַלגערט ווי פאַרפאַלגטע הינט. ווען קערענסקי איז געקומען צו דער מאַכט, איז לייזער געוואָרן אַן איבערגע־ביטענער: „מען מוז גיין! מדארף פאַרטיידיקן דעם אידעאַל פון גערעכטיקייט, קומט מאכן אַן ענדע צו דער וועלט מלחמה, אויסקעמפן שלום.״

דינה זיצט, ווי אַ גרויער באַרג אַש, יאוש שפּייט פון אינווייניק:

— מיין חתן איז געהרגעט געוואָרן אַן אַ שפור פון זיין געביין. איין פריינט זיינער איז געקומען אָן אַן אָרם, דער אַנדערער איז פאַרוואונדעט געוואָרן אין קאָפּ. ער איז אַ צייט געלעגן אין אַ שפּיטאל פון משוגעים. און אַזעלכער אַהיימגעקומען: נאָד מיט אַ הונגער־קראַנקהייט דערצו. זיין מוטער קויפט ברויט ביי פאַרשידענע בעקער, מ׳זאל ניט וויסן וועגן איר גרויסן צאָרן — אַ פאַרשעמט מוטער־האַרץ. די פאַרצווייפלטע קנייפּט זיך אויס שטיקער לייב: „צוליב וואס? צוליב ווען האט מען זיין געזונטן, קלוגן קאָפּ אַזוי קראַנק געמאַכט?! פאַרוואָס האט מען איר ליכטיקע זון אַזוי פאַרחושכט?!

„ער פאַרקוקט זיך אויף עפּעס און רעדט צו זיך: „פינטל . . . אַ סך פינטל . . . לאַכט און מאַכט מיט די הענט, ווי ער וואָלט זיך פאַרשטעלט פון אַן אנפאַל.

ער שלעפּט אַראָפּ די דעק פון בעט, לעגט זי אויפן דיל, ווי ער וואָלט

עמעצן צערטלעך צוגעדעקט און צעטענהט זיך: „פינטל! פינטל: . . .„ זיינע אויגן ווערן אים פארלאפן מיט רויטן.

דינהס קול איז אינגאנצן פארשטיקט געווארן. זי איז פארגליווערט געווארן. אויפן שלאכטפעלד צווישן די פארוואונדעטע האט זי געזוכט איר טייערסטן. זי האט זיך א צאפל געטאן: אט ליגט זיין געהלשטער פריינט.

— זיאמען איז, דוכט זיך, נאך ערגער פון דעם מיטן פארלארענעם פארשטאנד. דער מענטש לעבט נאר אין זיין אפגעשאסענעם ארם. בייטאג און ביינאכט פארפאלגן אים שוידערלעכע בילדער: „קליינע קינדער האט מען צו שפעט צולאזט פון די שולן. דאס שיסעריי איז שוין געווען אין פולן גאנג. די סאלדאטן אין פארלארענעם־פארשטאנד האבן געטראטן אויף צעשאסענע הענטלעך, קעפלעך . . .״

שרעק, חלומות, טרויער קנוילן זיך אין דינהס פנים:

— די גאנצע וועלט איז קראנק! קרעכצן פון אומעטום!

פלוצים האט עפעס ווי אן אויסגעלאסענע פרייִלעכקייט זיך צופלאַ־קערט אין דינהס גאנצן אויסזען:

— כאַ! כאַ!... געדעכט איז קאנטער, כאַ! כאַ! כאַ!....

רחל איז געבליבן אליין אין טונקעלן צימער, איר מוח און מויל פאר־חידושט: סודותדיק, מוראדיק־סודותדיק איז די וועלט פונם מענטשן.

קאַפּיטל צוועלף

ווען גרישע האט געזונגען פרייליכע קופּלעטן, אדער גערעדט אין זיין געוויינלעכן לעבהאַפטן טאָן, האט ער אויסגעזען מיט צוויי, דריי יאָר יונגער — אַ זיבעצן יאָריק בחורל. פלעג ער אבער אנהייבן דעקלאַמירן, דערהויפּט פון זיין באַליבטן „מאַקבעט", וואס ער האט כמעט איבגאַנצן געקענט אויס־ווייניק — האט מען געמיינט עס שטייט אַן עלטערער מאַן. דאס צימער פלעג ווערן פול מיט שאטנס פון ליידנדיקע גייסטער.

פון זינט גרישע האט געהערט רחלס בייזן אויפברויז קעגן קאנטערן האט אין אים געגומען וואַקסן א גענייל צו אויסצודערציילן זיך פאר איר:

אין אַמעריקע, ביי מיין פאטער זענען מיינע צוויי שוועסטער און ברודער. דא, האב איך מיין מוטערס קבר. די גראָז, פול מיט סודות, דער־מאָנען מיר אין מיינע קינדערשע איבערלעבונגען. די מאַמע האט געוויינט און געטענהט: „כוועל זיך ניט פאַרקויפן צום גאָלדענעם אפּגאָט". כ׳האב אזוי געוואָלט אוועקגלעטן דער מאַמעס טרויער, האט אבער דער גוטער טאַטע אנגעטאָן אַ בייזע מאַסקע. זיינע הענט האבן געקלאַפּט, ווי האַמערס איבערן טיש און ווערטער פון זיין מויל האבן געהאַלפן דעם טומל: „געלט איז איבער אַלץ! מווערט קלוג, פיין, שטענדיק גערעכט!"

— דער טאַטע האט פאַריסן זיין קאָפּ מיטן ליכטיקן שטערן: „ניט איך וועל איינשטימען צו שקלאַפן צום קאפּיטאַליסט — איך וועל אַליין הערשן!"

אַ פאַרטאָג אין גרוי־בלוילעכער פינסטערניש האט זיך געקנוילט אין אנטאָן די מאַמע. אירע אויגן רויט, די הענט פאַרבראָכן . . . נאָך זעקס אנגסטיקע־יאָר איז אנגעקומען אַ בריוו מיט געלט און שיפסקאַרטעס. ראַכטום האט געפילדערט: „קום! וועסט מיך אַנקוקן — וועסטו מיר אַלץ מוחל זיין!"

מיין מוטער איז נאָך בלאַסער געוואָרן און אנגעהויבן שטאַרק הוסטן. זי האט צוגעגרייט די קינדער אין וועג אַריין. אנגעזאָגט צו זיין גוט און ליב האבן דעם טאַטן. „זי פאָרט ניט מיט". דער פיין אויף איר פּנים האט מיך, דעם צוועלף יאָריקן זון, אַ ריס געטאָן. כ׳האב אנגעכאַפּט אירע דאַרינקע קליין־מיידלשע הענט:

„מאַמע, דער טאַטע זאָל מיר אַנפּילן אַ שטוב מיט געלד — פאַר איך ניט אַוועק פון דיר.“

— מיט איר גאַנצער, ניט פאַרטאַנענער ליבשאַפט, ווי כוואַלט געוועז איר מאַן, האָט זי מיך צוגעטוליעט צו זיך. אָבער ניט געקושט, כאָטש איך האָב אין יענעם מאָמענט עס שטאַרק געוואָלט.

די מוטער־ליבע האָט איר אונטערגעזאָגט, אַז זי טאָר ניט קושן די קינדער. די מיט יסורים־אַנגעזאָפּטע יאָרן און שווערע האָרעוואַניע האָבן צעפּרעסן אירע לונגען. אין יענעם וואָרעמען פרילינג האָט די מאַמע געוויקלט זיך אין אַ מאַנטל, ווי אין קאַלטן הערבסט. מיין מומע איז געקומען העלפן אַרויסבאַגלייטן די קינדער.

צוויי וואָכן האָט פאַרמאַטערטע פרייד, שווערער טרויער, וואונדערלעכער שמייכל, פאַרצווייפלונג, ווידער יענער שמייכל — געלאָשן דאָס לעבן פון אַ שטילער טויב. נאָך אַ שטילער רוף: „גרישע, לייבל“. (מיין פאַטערס נאָמען), און איבערגעריסן.

די בענקשאַפט נאָך דער מוטער האָט אַרויסגערופן אַ שנאה צום פאַטער. כ'האָב אים אָפּגעשיקט די שיפסקאַרטע און קורץ צוגעשריבן: „איך וועל דיר קיינמאָל ניט מוחל זיין דער מאַמעס ליידן, איר פאַרקירצטע יאָרן“.

— די מומע מיטן פעטער, פון דער מאַמעס צד, האָבן ניט קיין קינדער, זיי האָבן געשריבן צו מיין פאַטער, צי ער וועט זיי דערלויבן צו מאַכן מיך פאַר זייער יורש. האָט ער ניט געענטפערט.

—ס'האָבן באַלד גענומען נאָגן ווערימלעך. מיט די לויפנדיקע יאָרן זענען זיי געוואַקסן. איצט מוז איך קעמפן מיט זיי, ווי מיט גיפטיקע שלענג... אַ גליק, כ'האָב מיט וואָס זיי ווידערצושטיין. כ'האָב ליב דאָס לעבן, כ'זינג, טאַנץ. פאַר זיך וואָלט איך געזען זיין צופרידן. מיינע פעטער־מומע זענען זעלטענע מענטשן. רופט אָבער דער ים, די נעכט שטיקן: דאָרט שפּאַנט אַ מאַן — אַ יונגער . . . אין די מיטעלע יאָרן . . . אַ שוואַרצער פלעק בריט אים שטענדיק: „ביידע האָבן ניט פאַרגעבן!“

גרישעס בליק האָט אַוועקגעטראַכט אין דער ווייטקייט:

— איך מוז אים אויסגעפינען און אַנטשולדיקן זיך פאַר ביידן! עד היום ווייס איך ניט, וואָס איז געווען די הויפּט סבה פון זייער ניט קענען איבערוועגן אויף זיין, אָדער איר זייט. זיי זענען ביידע מסתם געווען, אויף זייער אופן גערעכט.

פלוצים האָט גרישע געגעבן אַ לויף מיט די פינגער איבער רחלס קאָפּ, ווי איבער אַ קלאַוויאַטור:

— כ'האָב דערציילט מיין מומען, וואָס פאַר אַ נאַריש מיידל דו ביסט — האָט זי זייער געבעטן דו זאָלסט קומען צו אונז.

רחל האָט אַ וויכן שמייכל געטאָן:

— מיין פאָטער האָבן די קאַצאַפּעס גערופן „גרישאַ"! זיי האָבן מיר דערציילט, וואָס פאַר אַן ערלעכער און גוטער מענטש ער איז געווען. גרישאַ, הער, גיב מיר דיין וואָרט, אַז דו וועסט מיר ענטפערן אויף אַלע מיינע פראַגעס. זאָלסט מיר דערקלערן — ווי עס טוט אַ פּראָפעסער פון אַנאַטאָ־מיע. אַן אונטערשייד צי סהערן אים אינגלעך, צי מיידלעך.

— גוט, מיין סטודענט, וואָס ווילט איר פרעגן? האָט גרישע גע־מאַכט אַ שטרענגע מינע.

— זאָג מיר, וואָס איז אַזוינס פּראָסטיטוטקע, פאַרוואָס ? . . .

— גיי, דו נאַריש קינד! דו דאַרפסט ניט וויסן פון אַזעלכע זאַכן. זעסטו, ווען די זאָלסט זיין אַזאַ נאַאיוו אינגל.

— מיידלעך דאַרפן עס אויך וויסן!

רחלע, ס'האָט דיך עמיצער אַ בייזן קוש געטאָן?

— וואָס פאַר נאַרישקייטן מיט קושן.

— אַ קוש פון אַן אויסוואורף — אַ סיפיליק איז ניט אַזאַ שפּאַס.

— זאָג מיר אַלץ! האָט געציטערט רחלס קול.

—ס'איז, סע . . . גרישע האָט זיך געקראַצט אין קאָפּ, געדרייט זיך. — שווער צו רעדן מיט אַ מיידל וועגן דעם.

— אָבער דאָס איז אַן עניין וועגן מאַן און פרוי, טאָ וואָס איז זיך צו שעמען, איז רחלס פּנים פונץ־רויט געוואָרן.

— ביסט גערעכט, אָבער, טאָמער וועסטו ניט קענען הערן, זאָלסטו מיך אָפּשטעלן.

ער האָט איר דערציילט, ווי דער פעטער זיינער האָט דורך זייער הויז־דאָקטער אים געגעבן דערקלערונגען אין דער פעריאָדע פון זיין רייף ווערן, מיט וואָרנונגען דורך מעדיצינישער ליטעראַטור.

— נאָך אַ צרה: איין אינגל פאַרן אַנדערן איז קיין אויטאָריטעט ניט.

— פאַרוואָס זשע שווייגן די עלטערן און די לערערס?

— פשוט און פּראָסט: אייניקע ווייסן ניט ווי צו דערציען זייערע

קינדער, אַנדערע פאַרטראַכטן זיך אפילו ניט וועגן קינדער דערציאונג. זעסטו די לערערס — איז שמעקט עס מיט אַ פּאָליטישן און עקאָנאָמישן ענין: אויב די לערערס ווילן ניט שטאַרבן פון הונגער — מוזן זיי דערציען די קינדער אין גייסט פון הערשנדיקן סיסטעם. אונטערן דרוק פון די העכערע פענסטער פאַרשווייגן זיי די סכנות. דאָס גייט אַריין אין פּראָגראַם פון קאַפּיטאַליסטישע אינטערעסן — האט מען עס איינגעוויקלט אין אַ שיין־פּילכל: „עס איז כלומרשט אוממאָראַליש צו רעדן פון אויסגעלאַסנקייט". און מיר ווערן טאַקע באַווירקט פון דער דאָזיקער מיינונג.

— גרישאַ, אַז דו ביסט יאָ איינשטימיק מיט מיר, אַז מדאַרף דאָס פּראָבלעם אָפן דיסקוטירן, איז דערלויב צו פרעגן נאָך אַ זאַך: דו, ביסט קיינמאָל ניט געגאַנגען צו „זיי"?

איך וועל דיר זאָגן דעם אמת. אפשר, ווען עס זאָל אינגאַנצן ניט זיין יענע ניט־פאַרבאַטענע אַנשטאַלטן. אַזוי, רופט עס אַרויס נייגעריקייט. איינמאָל האָב איך זיך געלאָזט איבעררײדן פון מיינעם אַ פריינט. אין אָנ־פאַנג האָט מיך דאָרט אַלץ פאַראינטערעסירט. אַ גאַנץ חנעוודיק מיידל האָט מיך אויפגערעגט. נאָר פּלוצים האָט מיין געוואָרנטע פאַנטאַזיע מיר צוגעשפּילט, אַז עקל האָט מיך אַרומגענומען צום מיידל מיט איר זיידענעם צודעק.

„כאַ, כאַ! מיינסט די נאַפקע איז ניט געוואָרן בייז. זי האָט זיך שטאַרק באַליידיקט און געזידלט ווי „אַ אמתע סחורה". כ'האָב זי גע־פּרואווט באַרואיקן — איך באַצאָל סיי־ווי, איז דאָך איר גלייכער צו אָפּרוען איר לייב. זאָל עס זיך אויסלופטערן פונם שווייס פון די הונדערטער — אירע פריערדיקע קונים. אויף דער פרישער לופט, האָט אַ היבש ביסל צייט גענומען ביז ס'איז אַרויס פון מיינע אויערן איר זשומפּעריי.

— — —

די פּראָסטיטוציע־רעטעניש האָט געמוטשעט רחלן: גרישע האָט איר געזאָגט, אַז פּונקט אַנטקעגן סאַבאַר איז פאַראַן אַ „פריילעד־הויז". זי מוז גיין זיך איבערצייגן.

— סאיז שטאַרק הייס אין שטוב. האָט רחל געזאָגט צום באַקאַנטן, אַלטן פאַרפאָלק, וואָס האָבן געוואוינט אַנטקעגן דעם סאַבאַר, און אַרויס־געטראָגן די טיי מיט איינגעמאַכץ אין דרויסן אויפן גאַניקל.

פון סאַבאַר טראָגט זיך אַ גלעקער־קלונג־גלאַנג! פון דאַך אַרום גיסט זיך עלעקטרישע ליכט. עלטערע, מיטליעריקע מענער, פרויען, בחורים, מײדלעך שטראָמען אין דער ברייט צעעפנטער טיר.

רחלס אויגן לויפן און נישטערן צווישן די מענטשן: יענע אַנם הוט גייט ווי אַן אַ באַשטימטן ציל. צו וועמען האָט זי אַ פּינטל געטאָן? ביים טויער שטייט איינע, ווי ניט אומיסטן: אַ קאַלירנע לענטע אויפן קאָפּ. אַ יונגענקע און אַזוי אויסגעריסן אונטער די אויגן. זי האָט זיך קעציש אַ לאָז געטאָן צו איינעם, ער איז אַ צוטומלטער אַוועק, ווי שדים וואָלטן זיך אים נאָכגעיאָגט.

דאָס אַלטע פאַרפּאַלק טאַפּן אַלץ מיט די הענט. ער דערזעט שוין נישט, זי — פון שטענדיק אַ קורזיכטיקע. זיי הערן גאָר ניט אויף צו רעדן. די לבנה שמייכלט ליכטיק פון רחלס ענטפערן זיי — און מיט די געדאַנקען איז זי פאַר־טאָן אין גאַס: אַ הויכע, שלאַנקע בלאָנדינקע האָט אַ פּאַכע געטאָן מיט אַ ראָז־זיידן טיכל. דער דיקער גלח מיטן גרויסן צלם אויף זיין ברייטער ברוסט, האָט בגנבה, אַ כיטרע שמייכעלע געטאָן צו איר און מיט פאַמעלעכע טריטלעך זי פאַרבייגעגאַנגען. זי האָט הינטער זיינע פּלייצעס אַרויסגעשטעקט אַן אָפּגע־קראַכענע ווייסע צונג. זיך געוואָלט צעלאַכן און האָט זיך כריפּנדיק צוהוסט. זי האָט שווער אָפּגעאָטעמט. צו צו אַ בלייכן בחור, ער האָט געקלערט, געזוכט אין אַלע זייטן, אירע דינע ליפּלעך האָבן זיך ניט אויפגעהערט באַוועגן. ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איר נאָכגעגאַנגען.

אַ משונהדיקע פּיין האָט רחלן אויפגעפּיבערט: זי וועט איבעררעדן מיט יאַניען. ער איז סאַשעס פריינט. ביידע פּאַטן — אַזוי נאָענט און אַזוי ווייט איינער פון אַנדערן.

— — —

יאַניע איז געבוירען און אויסגעוואַקסן אין אַ הויף, וואָס אַ באַוואוס־טער גביר האָט עס אַוועקגעשאָנקען צו אָרימע.

מ׳האָט דערציילט, אַז דעם גבירס פאַרשטאָרבענע מוטער, וועלכע פלעג שטיין אין מאַרק מיט אויבס, האָט געהאַלטן אין איין קומען אים צו חלום, ער זאָל ניט צונעמען דעם לעצטן פאַרפוילטן קישן פון די אָרימע לייט. — ער זאָל זיי אַוועקגעבן די חורבה. אַנדערע האָבן איבערגעגעבן: אַז איינמאָל איז דער גביר שטאַרק קראַנק געוואָרן, און פון גרויס היץ האָט זיך אים געדאַכט, אַז לעבן זיין בעט שטייט די געהרגעטע ציפּורה. זי גיט אים תכריכים אָנטאָן און שרייט אויף אים: „די איינגעפּאַלענע וועגט געהערן צו מיין הינקענדיקער גיטלען״ (מיטן אייניקל אויף די הענט, וועלכע איז פון דעמאָלט אָן פאַרבליבן

אַ קאַליקע, איז ציפּורה דורכגעפאַלן דורך די צעפוילטע טרעפּ. דעמאלט האט דער פּאַרציטערטער גביר צוגעזאגט דעם אלטן הויף צו יענע אלע שכנים וואס האבן דארט געוואוינט.

יאַניע האט דערציילט רחלן וועגן דער שרעקלעכער נויט, וואס ער האט זיך אנגעזען אין דעם הויף, אויך וועגן זיך און זיינע שוועסטער — ביז זיי האבן אנגעהויבן א ביסל פאַרדינען. ווי פאַרצווייפלט פיל מיידלעך זענען געווארן:

דער יחוס מיטן שיין פון בורזשויס גאלד כשופט מיט האפענונג פאַר א בעסערן מארגן. אבער די וואס רופן זיך „העכערע געזעלשאַפט״ — טראכטן נישט וואוהין די פאַרלאזטע קומען אהין.

„די מאַסן זאלן האבן מיט וואס צו פאַרנעמען זייער צייט אין אומ־וויסנהייט האט די רעגירונג דערלויבט אַלץ. און יענע פאַרפירטע — איז די היינטיקע וואולגאַרע, געזונקענע. וועגן אזוינע וועלכע פאַרקויפן זיך מיטן אייגענעם ווילן איז פאַרשטענדלעך, אז זיי זענען ניט נארמאַל.

„די שווערע באַדינגונגען שוואכן אפּ די מענטשן, פאַרוועלקט זייער גייסט און צו אַזוינע טשעפּעט זיך גרינג די אויסגעלאַסנקייט.

יאַניע איז ניט מיד געווארן צו דערקלערן די סאָציאַלע אומגערעכטי־קייטן. — ממוז אויסקעמפן פּאָליטישע רעכט, ווייל נאר דעמאלט וועט אונ־זער גאַנץ לעבן פאַרבעסערן זיך.

אין רחלן האבן זיך געווימלט פּראטעסטן: וועלטן מיט מענטשן פויזן אויף אַלע פיר.. — און בלויז אַ פּאָר שוואַרצע געשטאַלטן פאכען מיט אייזערנע ריטער. „אַלץ זאל אויסגעפילט ווערן לויט זייער קאָמאַנדע! — אַניט איז טויט!״

פּאַמעלעך איז, אין איר אויפגערודערט געמיט, געקומען א טרייסט: דער ארימער פויער שטייט פאַרזארגט איבערן וואַרעמען אַש פון זיין אפּגע־ברענטער כאַטע, ער קוקט זיך ארום — „סאיז גוט וואס די סקריניע מיט דער פערינע האט מען אפּגעראַטעוועט״. און נעמט זיך, אַרום זיי, צוריק אויפשטעלן אַ כאַטע. אמת, סאיז איר פרעמד דער תאוהשער שמוץ — דאך איז זי זיכער, זי וועט באַווירקן סאַשען צו אַראפּוואַרפן די חיהשע פעל.

קאַפּיטל דרייצן

די שיינע פרילינג־טעג האָבן געשטאַרקט און באַרואיקט רחלס געמיט. פריילעך איז איר בליק. זי האָט געציילט די טעג, נעכט, שעהן.

זונטיק. א לויטערער פרימאָרגן! אַ סנאָפּ מיט שטראַלן איז אַריין אין בעט. זי האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט ליכטיקע געדאַנקען: היינט קומט סאַשע און היינט וועט עס געשען!

אין איר קאָפּ האָבן זיך נאָכאַנאַנד געגאָסן באַווייזן, וואָס זי האָט די גאַנצע וואָך געגרייט צו באַנוצן אין איר איבערעדן מיט אים.

ביי־טאָג. דאָס בוך האָט זיך אַרויסגערוקט פון רחלס הענט אויפן שויס... באַקאַנטע, האָט זי געזען, קומען, זי ענטפערט ניט אויף זייער קלינגען אין טיר. זי איז פאַר קיינעם, אַ חוץ איינעם, אין הויז ניטאָ.

סהאָט זי באַהערשט א שווערע גרויקייט: דער הויף איז אַזוי שמאָל. די זון קען ניט אַריינדרינגען, בלויז אין איר צימער ווייזט זי זיך. אין יעדן פון די־א ענגע הייף וואוינען דרייסיק און מער פאַמיליעס. מ׳וואָלט די מענטשן געדאַרפט מאַכן לייענען פאַעזיע צו אויפוועקן אין זיי א באַגער צו דער נאַטור און אירע שיינקייטן.

די שעהן האָבן זיך גערוקט פאַמעלעך. אין צימער האָט גענומען ווערן טונקעלער, אומעטיקער.

— — —

סאַשע האָט זיך אויפגעכאַפּט האַלב נאָך עלף: א גליקלעכער חלום! ער האָט געכאַפּט פען און פאַפּיר פון טישל. אַרום איינס ביי־טאָג האָט ער, א שטאַרק צופרידענער, געלייענט זיינס אַ זייער געלונגען ליד.

אייניקע אויסדרוקן האָט ער לאַנג קאָרעגירט. און יעדעס מאָל ווידער פון אָנפאַנג געלייענט און איבערגעדענקט איטלעך וואָרט.

ער איז אַרויס צו אַ נאָענטן רעסטאָראַן, איבערגעביסן לייכט און גע־איילט צוריק: ער דאַרף צוגרייטן זיינע לעקציעס פאַר מאָנטיק. אויך געבן אַ פּאָר לעקציעס. זיך אַריינכאַפּן צו אַ קאָלעגע און צו זיין מוטער. נאָכדעם וועט ער זיין פריי צו פאַרברייינגען מיט רחלן. דאָס ליד וועט איר געפעלן.

ביים אַריינגיין צו זיין מוטער אין שטוב, האָט זיך סאַשעס שטערן פאַר־כמאַרעט: זיין באַלעבאָסטע האָט שוין ווידער געמאָנט פאַר א חודש דירה־געלט.

עס איז אים אזוי אומאַנגענעם צו נעמען ביי זיין מוטער, אבער אז ער האט ניט וואו צו פאַרדינען.

אין עס־צימער האט אַ אידל מיט אַן אַרומגעצופּעט בערדל אויסגעקלאַפּט אויפן טיש מיטן שפּיץ עלנבויגן און ביינדלעך פון זיינע פינגער: „טידל, לידל, אז מ׳קעניט און מווייסט ניט — נעמט מען זיך ניט אונטער!״

א בחור מיט אַ גרויסן קנאָפּ אין לאַנגן גארגל האט פאַרוקט זיין פּיפּקע אין אַ זייט מויל, און לאזנדיק שטראמען מיט רויך, געלאַכט:

— כאַ! כאַ! כאַ. פעטערל, ווענען פאררעט איר די ציינער! כ׳האב דאך אייך היינט שוין דריי בערדעס געגעבן.

אַן עלטער מיידל ביים אַנדערן עק טיש, וואס האט געשריבן בריוו, האט נערוועז געזאגט: — איז ווי ווערט עס ניט נמאס גאַנצענע טעג שפּילן דאמינאָס?!

זי האט א רוק געטאן אירע פּאַפּירן און דאס גאַנצע פלעשל טינט האט זיך אויסגעגאָסן.

אַ צען־יעריק בלאַס מיידעלע, ווענען דער פאטער האט געבראַכט קיין אדעס פאַר אַן אפּעראַציע אויף אירע מאַנדלען, האט זיך הייזעריק צעוויינט:

— מיין קליידעלע פאַרשפּריצט!

טינט איז געלאפן פון דער איינגעשמירטער סיראַטע אויפן דיל און מיטן באַרג אַראָפּ אַוועק צו די געדיכטע צונויפגערוקטע בענקלעך.

די טונקעלע, צעדראַפּעטע בענקלעך שטייען ווי מידע בראַדיאגעס, וועלכע האבן שוין לאַנג פאַרגעסן אין באַריר פון אַ פריינטלעכער האַנט. דער־פאַר ענטפערן זיי אָפּ מיט האַרטקייט, צערייסן אפילו פון צייט צו צייט עמיצנס הויזן.

זיי האבן א דראָפּע געטאן דעם מיידעלס קליידל. צו פאַראַכטונג זענען זיי צוגעוואוינט. — איז נאך אַן איבעריקן מאל אַ שליידער. אַ דאס מאַכט אַוודאַי גאַרנישט אויס.

האט דאס מיידעלע געקלאַפּט און געוואָרפן, פאַר כעס, מיט די בענק־לעך.

סאַשעס מאַט פּנים איז גריך־געל געוואָרן פון א באַהערשנדיקער פּיין: די אַלע אויסגעשרייען, מיטן טומל און הו־האַ! — זענען צו שטראָפן אים פאַרן דערלאזן זיין מוטער אזוי זיך פּלאָגן.

אומזיסט האט זיין נידעריק, טונקל, טוכלע צימערל, וואס רייסט זיין האַלז, געטרייסט מיט מיטלייד — ער וואלט דא משוגע געוואָרן פון ניט קענען, אין דעם גיהנם, אפילו איין שורה אנשרייבן.

אין קיך איבער אַ גרויסן באַרג געפּעס איז, אַ מידע, געשטאַנען זיין מוטער: זאָלן זיי זיך די קעפּ אראפּדרייען דאָרט, זי וועט דאָס מאָל ניט אריינ־לויפן. דאָס זארגן, דאָס איבערטראַכטן פאַר איר זון האָט געגאַנגט די גאַנצע נאַכט. פון פאַרטאָג אָן האָט זי שוין גענומען צוגרייטן צווייערליי מינים וואַ־רעניקעס, ער האָט ליב מיט קאַשע, אי מיט קאַרטאָפלס, זי קען אָבער ניט געבן בלויז איר קינד — האָט זי שוין געמוזט אנגרייטן פאַר אַלע קוואַרטיראַנטן, אלעקסאַנדער איז ניט געקומען ניט צו מיטאָג, ניט צו וועטשערע. — נאָר די פרעמדע האָבן זיך באַלעקט פון איר שווערער האַרעוואַניע.

ווען סאַשע האָט איבערגעשפּאַנט די שוועל אין דער הייסער קיך — איז אַנשטאָט אַרויסווייזן איר מוטערלעכע פרייד — האָט זי אויסגעלאָזט צו אים סביטער האַרץ.

נאָך דערהערט: — ער איילט זיך און דאַרף געלט — איז אָז צאָרן צע־לאָזט זיך — קענען אים אפילו כעס און בייזקייט ניט אפּשטעלן. זיי לויפן איינס דעם אַנדערן אַריבער.

וואָס נאָר פאַר אַ גיפטיק וואָרט סאיז איר געקומען אין מויל אריין האָט זי עס אריינגעשטאָכן אין איר זון.

ער וואָלט פאַרשוויגן איר בייזערן זיך אויף אים. איר אויסוואָרפן „מיידן", אָבער דאָס מאָל איז עס: „רחל". אויך דאָס שעלטן זיין פאָטער האָט ער ניט געקענט אַריבערטראָגן.

ער איז אַוועק אַ צוקריגטער מיט זיין פאַראומערטער מוטער.

— — —

מוטלאָזיקייט, פאַראיבלן האָבן באַהערשט רחלס געמיט; סאַשע האָט פאַרגעסן אין זיין אפּרעדן צו קומען זונטיק.

דער צוגעגרייטער שמועס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ כאַאָס פון ניט קלאָרע געדאַנקען. אַ טיפער אומעט האָט פאַרביטן דאָס אָרט פון האָפנונג.

— אַט גייט ער! זי האָט אויפגעדרייט די עלעקטריק און געלאָפן עפע־נען די טיר.

אַ פאַרסאַפּעטער איז סאַשע אַריין, אנגעכאַפּט אירע הענט:

— גוטנאַוונט! איר זענט נאָר וואָס אַריינגעקומען? כהאָב זיך אַזוי דער־שראָקן — כ'זע סאיז פינסטער — געמיינט איר זענט אוועקגעגאַנגען. פּלוצים איז מיט אַמאָל ליכטיק געוואָרן. אַ נייע נשמה איז אין מיר אַריין.

— איר זענט געקומען איז געוואָרן ליכטיק.

— טאַקע רחל, דו מיינסט עס ערנסט?!

זי האט געשמייכלט פריידיק:

געוויס! אבער וואס האסטו זיך געאײלט צו קומען אַזוי שפּעט? . .

— אה, זאג דאס ניט. צום טייוול! געוועזן טאַקע געדאַרפט גיין גלייך אַהער. אַ מיאוסע אומה די פרויען! סאיז גאר ניט צו ארויס פון זיי!

סאשע, באַגלייך מיט הונדערטער אַנדערע מאַנספּערזאָנען, האט ניט געטראַכט אַז מ'וואָרפט שטיינער אין פרויען־גאַרטן זאל עס ווייטאָן אויך זיין געליבטער.

— ווייטער פרויען? ווידער אין כעס אויף פרויען! גייסט צו זיי, רעדסט קעגן זיי און נאכדעם בייזערסטו זיך נאך. האסט כאַטש אַמאָל אַ טראַכט געטאָן — אַז דו אַליין ביסט ווייט פון א מלאך און האסט ניט קיין רעכט צו וואַרפן אַזויפיל פייערדיקן שמוץ אפילו אויף דער ערגסטער.

דו רעדסט ווי מיין מאַמע, אַז הלמאי איך „קען דער קאַץ דעם עק ניט צובינדן און שפּיי שוין אויף פרויען".

— דיין מאַמע איז טאַקע גערעכט, האט זיך רחל צעלאַכט.

— אויב מיין מאַמעס חכמה געפעלט דיר — איז גיי קוש זיך מיט איר! ניין, טייערע, קוש זיך בעסער מיט דער מאַמעס זון. (אַ שמייכלנדיקער האט זיך סאַשע צוגעבויגן זי אַ קוש צו טאָן.)

אַ ציטער איז דורך רחלס גלידער: זי וואלט גערן באַהעפט אירע ליפּן מיט זיינע. זי האט אים צאַרט אפּגעשטויסן.

— דו וועסט אַמאָל לאָזן צוזאַמענריידן זיך? איך מיין ערנסט. דאַרפסט אנהייבן קוקן אַנדערש אויף מענטשן, געדענקען אַז יעדערער איז באַרעכטיקט צו...

— אהא! איך זע שוין! היינטיקן אוונט האבן זיך אלע פרויען אנגע־רעדט קעגן מיר. מוסרסט, רעדסט פון געפילן און אַליין ביסטע טויט. ציטערט! גלייך ווי די וואַנט געוואָרן פאַר שרעק — כהאב זי געוואָלט אַ קוש טאָן. דער מאַמעס און דער באַבעס פאַרשימלטער מאראַל!

רחל האט זיך קוים צוריקגעהאַלטן פון צעווײנען זיך:

— אלע זענען ביי אייך גלייך. שוין אפּגעשטעלט אייער מיינונג, אלע פרויען פאַרשטיין גאַרנישט.

— איך זאג ניט, אַז דו פאַרשטייסט ניט, דו ביסט זייער קלוג מיידעלע מיינס. ווען דו ווייסט ווי איך האב דיך ליב, אבער איך קען זיך ניט העלפן, איך קען ניט זען זאַכן אַזוי שיין און ריין ווי דו.

דאס איז נאר אַז איינגערעדטע קרענק. ווען איר זאלט וועלן באַנוצן

זיך מיטן ווילן — וואלסטו אפילו אַנדערע געהאלפן צו קעמפן פאַרן ריינעם.

— ניין, שוועסטערל, מיך דאַרף מען ליב האבן אַ שוואַרצן, קיין ווייסער קען איך שוין ניט ווערן.

— סאיז ניט אמת, זאגט בעסער, אז איר ווילט ניט ווערן אַנדערש.

— דאס הייסט מיט אַנדערע ווערטער — כמעג שוין גיין!

— בלאָס איז איר פּנים, די אויגן פייכט, די ליפּן שעפּטשן: „ווי א צורייצטער טיגער איז ער אַוועק. זי גייט אים גארנישט ניט אן.

זי האט הויפּנס מיט געלערנטן ביי די גרויסע דענקערס זיי געוואַרפן אין פּנים! — זיי שרייבן דאס ערלעכסטע, דאס שענסטע און אין דער פּראַקטיק טוען זיי ניט קיין האנט אין קאַלט וואַסער צו דורכפירן עס.

סאַשע האט געשפּאנט געשווינד. אַלע מענטשן זענען געוואָרן פּארביילויפנדיקע פליגן. גרויז און איינזאַם זענען פאַר אים די גאַסן. ער האט געכעסט אויף זיך: וואס איז ער משוגע געוואָרן!? וואס האט ער דערזען אין רחלן? — אַ פּראָווינציאַלקע דורך און דורך. קען זיך אפילו ניט באַנעמען מיט א בחור. איר הארץ איז קאַלט, ווי ביי אַ זשאַבע, אן אינזל אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט פאַרפּראַרעוועם ים! און ער זאל ווערן אַ קעמפער פאַרן „ריינעם״. אַ פיינע טראַגי־קאָמעדיע! גוט וואס ער האט מיט אַמאָל און אויף שטענדיק איבערגעריסן מיט איר.

— — —

דינסטיק האט רחל געקראגן אַ בריוו פון סאַשען:

„ווען איך בין אַנטלאָפן פון דיר — האב איך זיך געפרייט, ווי פון חדר אַ פריי געלאָזן קינד. דעם אמת זאגן, כבין מיך געוואָרן פון מיטטראָגן דיין מאראַלישן צלם. דו האסט מיר אויסגעקוקט ווי אַ פאַנאַטישער קנעכט — וואס וויל מיך צוריק־שלעפּן אין אַ געדיכטן שימל.

געווינשן האב איך זיך צו בלייבן ביי דער ערגסטער מיינונג וועגן דיר. נאר ניט לאַנג האט עס אנגעהאלטן. געשרייען פאַרטויבן מיך — אז אין דיר, מיין אייגנאַרטיק מיידל, פּראָטעסטירט פיינער גייסט קעגן מיין אפּנויגן זיך פון קלארן ווילן.

רחל, פאַרשטויס מיך ניט, מיט דיין הילף וועל איך פאַרפּאַסן לידער צו לינדערן די נויט, די יסורים פון אומגליקלעכע. אַניט איז צו וואס בכלל לעבן״.

מיטן בריוו האט רחל געטאַנצט איבערן צימער: ער האט א וואונדער־

לעכע נשמה! עס מוז אזוי זיין: בעת דער פאעט לעבט דורך די שיינע אידעע, בעת זיין אנשרייבן זיי און בשעת זיין שליפן איטלעד ווארט — ווערט זיין נשמה אויך געשליפן!

גלויבן האט אונטערגעשטעלט פליגל, רחל האט זיי אַרומגענומען און געטראָגן זיך צום פאַרטיידיגונגס־שטול: זיין צונגס־ביטערן, מיט וועלכן ער שלעפּט ממש אראפּ די קליידער פון אַלע פרויען — איז ניט קיין רייד פון א נידעריקן ציניקער. סאיז אן אויסדרוק פון חרטה פאַר זיין פאַרגאַנגענהייט.

— זיין בייסיק אויסדריקן זיך — ווי ער וואלט אויך די הויט געשונדן פון זיי, איז זיין שטאַרקער דראַנג צום אמת, צו דערווייזן א וואסערע פרוי האט אַ נשמה און וועלכע באַשטייט בלויז פון פאַרדארבענער פוסטקייט.

סהאט זי אַרומגענומען אַ רחמנות: ביז זיינע רייד וועלן ווערן ריכטיק פאַרשטאַנען, — צו ברענגען נוצן, איז אים קאסטן זיי שוין צו טייער. זי, נאך ערגער פון אַנדערע, האט אַלץ פאַלש אויסגעטייטשט.

רחל האט געשריבן סאַשען בריוו. זי האט זיי איבערגעלייענט און געריסן: ניט דאס וויל זי אים זאגן. שבת וועט זי אים אפּווארטן ביים אוני־ווערסיטעט.

אַ שמייכל: עס קליידט אים דאס נייע סטודענטישע היטל. און אן דעם?
— איז ער ווי אַ שטאלצער גאט! זי האט פאַרמאַכט די אויגן פאַר מורא.

קאַפּיטל פּערצן

זיסקינד׳ס פריינט האט איבערגעפירט זיינע פּאַפּירן פון קאַמענעץ אין אדעסער אוניווערסיטעט, איז ער מיט אים געקומען צו רחלן.

— דאס איז יענער באגדאַנסקי, וועמען כהאב קליינערהייט, ניט אר־מיסטן ארויסגעשטאכן אן אויג און פון דעמאלט אן איז ער געווארן מיין אי־בערגעגעבנסטער פריינט.

רחל האט זיך אָוועקגעשטעלט צווישן זיי, די הענט אויף זייערע אַקס־לען:

— נעמט מיך אריין אין דער חברשאפט. קומט לאָמיר גיין אין „גא־ראדסקאי טיאַטער״....

רחל האט זיך פאַראייניקט מיטן פארקומענדיקן אויף דער בינה, זי איז מיטגעריסן געווארן מיט דער פארשטעלונג: פון אַלע זייטן שטערונגען. סאַשע מיט איר לויפן זיי צו הילף....

געגליט האבן רחלס אויגן: מארגן, דורך איר האַנט־דריק — וועט זי מיט אים ווערן איין פריידיקער אַקארד.

ביים ארויסגיין פון טעאַטער האט זי אַ סך געלאַכט.

באגדאַנסקי, וועמענס שווערע דערפאַרונגען האבן אויסגעלערנט גיך צו דערקענען דעם מענטשנס כאַראַקטער, האט זיך טועה געווען אין איר:

— זיסקינד, זי איז גאר א ליכטיק, זארגלאז שמעטערלינג. איך וועט זיך מיט דיר — אַ פינסטערע אלעע און אירע זאַפטיקע ליפלעך זענען מיינע.

באַקאַנטע האבן זיי אנגעיאגט, מזאל צוזאַמען אריינגיין אין אַ רעס־טאראַן.

פאַר זיך האט רחל באַשטעלט וואס איר איז געפעלן. זי צאלט אַליין אַלע אויסגאַבען. זי האט תמיד געקעמפט א רעכט אויף איר חלק. צו די יעניקע, וואס פלעגן זיך וועלן באַליידיקן — האט זי שטענדיק געגעבן דעם זעלבן ענט־פער. „אויב איר בחורים פאַרדינט אַליין — קען איך דאס אויך טאן, און אויב לעבן אויפן חשבון פון עלטערן — איז אויך די זעלבע געשיכטע מיט מיר. סאיז אַ גרויס נאַרישקייט — „דער מאַן זאל דאַרפן צאלן פאַר דער פרוי״.

דער שמייכל פון רחלס באַקאַנטע האט געזאגט דעם פרעמדן: „סוועט זיין ארויסגעווארפן זיינע רייד״.

ביי באגדאַנסקין האט געציטערט אַרום בעלמעדיקן אויג:

— שוין טויזנטער יארן זינט די וועלט מיינט, אַז זי הערשט איבערן געלט. אבער דער מענטש איז גאר דער באַהערשטער, און אַ קנעכט צום פאַר־מעגן.

מען האט זיך ערשט אוועקגעזעצט דיסקוטירן די פראַגע וועגן קאַפּי־טאַליסטישער הערשאַפט. וועגן זיינע הנחות צוליבן פּחד פאַר זיין פּאַטאַלן אונטערגאַנג.

קאַנטער מיט נאך צוויי סטודענטן זענען אַריינגעקומען. רחל האט א ציטער געטאן פון קאַנטערס העפלעכן גריסן זיך. דאך האט זי אים געענט־פערט און געוואלט פאַרגעסן אין אים. אבער באַלד האט איר געהער געכאַפּט זיין קול:

— האבן מיר נעכטן געהוליעט ביזן ווייסן טאג! שטערן איז געווען טויט שיכור. אַ מויד, אַ ליאַלקע! האט זיך אַ זעץ אַוועק געגעבן ביי אים אויף די קני. האט ער זי געגעבן אַ שליידער פון זיך! אַז זי האט שיר די ציין געקליבן. (אלע דריי האבן זיך שטאַרק צעלאַכט). — און ער האט נאך געשריען: „אַזאַ זונה ווי דו — האט אויף אייביק מיין לעבן פאַרביטערט. פריער קורוועס, נאכ־דעם א צנועהדיקע זונה, און ווידער אַ פאַרשיווע״.

ער האט זי געזידלט און געכאַפּט אַ פלאַש צו וואַרפן. גוט פאַרשניוש־קעט. סהאט געהאַלטן ביי אַ סקאַנדאַל. ווי אַ נבלה האבן מיר אים געשלעפּט אויף זיין קוואַרטיר. מיטן אנטאן אים אריינגעוואָרפן אין בעט. גרויסע טראָפּנס קאַלטער שווייס, האבן געגרונען פון זיין פּנים, און ער: „קאַנטערל, לאז מיך אָפּ — מיין האַרץ וועט צעריסן״.

ווידער האבן זיך אַלע דריי צעלאַכט.

קאַלט איז רחלן געווארן: סאַשעס פּיקס־משוגעת איז זונה. זי בעט ער „שלעפּ מיך ארויס פונם אפּגרונט, פון זנוס״ — דערקלערט ער איר. און אַליין הערט ער ניט אויף צו קריכן אַהין. בויאַנעט דארטן. ווער איז שולדיק אין איר „פאַרשיווע״ ווערן — אז ניט ער מיט אזוינע ווי ער. „צנועהדיקע״... שרייט ער אויך.... סהאט געשווידערט מיט רחלן: אין זיינע געדאנקען דרייט ער זי אויך אריין צווישן יענע, זיין גאַנצער, דארט שרייענדיקער כעס — איז וואס איר לייב....

סאיז איר געווארן ענג אין האַלז. אין די שלייפן האט געקלאַפּט. דער קאָפּ איז געווען שווער. זי האט געזעצן: אירע באַקאַנטע באַוועגן מיט די ליפּן.

זיי רעדן עפּעס, נאָר זי האָט בשום אופן ניט געקענט כאַפּן דעם געדאַנק פון זייערע רייד. אַ טיפער פאַרדראָס האָט באַהערשט איר פאַרשטאַנד.

— — —

דער כעס אויף סאַשען האָט ניט צוגעלאָזט קיין שלאָף: זי האָט אים געבעטן ניט צו חברן זיך מיט קאַנטערן, האָט ער זי אַנגערופן „קינד״. זיי זע־נען אַלע אַן בושה. קאַנטערס משל: „שקר אין לו רגלים״. זיי ווייסן אָבער ניט, אַז דערפאַר האָט דער אמת צוויי פּאָר פיס — זיינע און דעם ליגנס. דער אמת קומט אַרויס, ער רייסט אַדורך פריער, אָדער שפּעטער.

אפשר נאָך אַלעמען איז סאַשע גאָר ניט אַזוי פאַרדאָרבן? אַ סימן: יע־נע אַנדערע האָבן ווי חזירים, אומגעשטערט פון זייער געוויסן, געניסן פונם שמוץ. — ער, איז ניט געבליבן רואיק. ווידער קאַנטערס משל: „מדערקענט דעם מענטשן „בכיסו, כעסו, כוסו״. האָט דאָך דער אַנגעשיכורטער אוועקגע־שליידערט פון זיך דעם פינסטערן עלעמענט — כאָטש זי איז אַ „ליאַלקע״..

רחל האָט זיך דערפרייט: די חרטה לעבט יאָ אין אים, נאָר מיט אַ לאַנג־זאַמען אָטעם. זי מוז דערמוטיקן זיין גייסט. ווען זי זאָל קענען אַריינדרינגען אין זיין געפילן־וועלט — וואָלט זי שוין געלאָפן צו אים.

אַ מאַמישער גלעט צו איר קראַנק קינד האָט זיך געצאַפּלט אין רחלן: זיין פאַרהאַרעוועטע מוטער ווייסט מסתם נישט, אַז ער ליגט אַ פאַרשמאַכ־טער, אַן עלנטער, אפשר האָט ער היץ?! (סאיז איר משונה הייס געוואָרן).

מאָרגן האָט זי געשיקט יאַניען צו געוואָוירע ווערן פאַרוואָס איז סאַ־שע ניט געווען אין אוניווערסיטעט. איר נאָמען זאָל ער ניט דערמאָנען.

זי האָט אים נאָכגעקוקט: יאַניעס גרויע אויגן מיטן שטענדיקן צער־פולן אויסדרוק, אפילו ווען ער לאַכט — באַווירקן אים ליב צו האָבן און זיך פאַר־טרויען אים.

— — —

סאַשע איז געזעסן אַ בלאַסער, און אויסגעמוטשעטער. דעם קאָפּ פאַר־בונדן מיט אַ נאַסן האַנטעך. די פיס פאַריסן אויפן טיש. ער האָט געגענעצט אויף אַ קול און געצויגן זיך. יאַניאַ האָט אַריינגעקוקט דורכן שליסל־לאָך און אַ ריס געטאָן די טיר:

— העי! וואָס פאַר אַ קאָמעדיע? האָסט מורא סאיז דאָ קאַרג פוילע סטו־דענטן אָן דיר. וואָס האָסטו זיך אַזוי אויסגעפּוצט? גרייטסט זיך צו אַ מאַס־קאַראַד?!

אַ פאַרשעמטער האָט סאַשע אַראָפּגעוואָרפן די פיס פון טישל;

— פּע, דער קאָפּ טוט אַביסל וויי. הער, אָבער דו האָסט די ריכטיקע פראַגע געשטעלט. איך קום טאַקע פון טייוולס־מאַסקאַראַד. אַי יאַניע! אַ ווייט־סינקער ביסטו! דיר איז אומעטום גוט. אָבער וואָו זאָלן מיר, שוואַרצע, זיך אַהינ־טאָן? קיינער וויל אונז ניט. נאָר אַ שטריקל אויפן האַלז און טשאַק! האָט סאַשע אַ קנאַק געטאָן מיט דער צונג.

פּוילקייט מאַכט דיך פּעסעמיסטיש. אַביסל מער ערנסט צו דיינע בי־כער — וועסטו זיך פאַרגעסן צאַצקען מיט זיך. טו נוצלעכע אַרבעט.

— נוצן — שמוצן! אַט בעט איך רחלן — זי זאָל זיין מיין מוזע צו ברענגען נוצן דער מענטשהייט. — וויל זי אויך ניט. נאַ, אַט האָב איך, אַדאַנק איר, אָנגעשריבן די פּאָעמע.

— רחלן וואָלסטו געדאַרפט צורו לאָזן. מיט דיין בייזער צונג טוסטו איר תמיד וויי.

— זי איז מיינע! איך וואָלט געהרגעט ווען עמיצער אַנדערש זאָל זיך צורירן צו איר! אַט שרייב איך איר אַ בריוו און דערקלער איר: זי איז מיינע. מיין ווייב!

— ביסט אַ צולאָזענער עגאָאיסט! האָט יאַניע זיך געבייזערט. ווען דו האָסט באמת ליב רחלן . . .

— דו מילכיקער! האָט זיך געכעסט סאַשע, — דו קענסט פון ווייטנס קוועלן און בלייבן אײַנגאַנצן צופרידן. ביי אונז פליישיקע קאָכן די בלוטן! מיר דאַרפן געניסן ממשותדיק — האָב איך ליב רחלן — איז אויף גלייך — סיי איר נשמה, סיי איר לייב. און איך וועל אַלץ האָבן!

— — —

דער אויפגעבראַכטער יאַניע האָט געענטפערט רחלן:

— ער איז געזונט און אויך אַן ערטיקער, אויב איר קריגט זיין בריוו — איז לייענט עס ניט! אָדער, אָדער פאַרגעסט וואָס כהאָב אייך נאָר וואָס גע־זאָגט, הערט בעסער עפּעס אַנדערש: סאַשע האָט מיר געגעבן איבערלייענען זיינע אַ נייע פּאָעמע. אַ רייכע שאַפונג! אמתע קונסט! די זאַך איז, ער זאָגט אַליין, ער האָט אייך צו פאַרדאַנקען זיין ליטעראַרישן וואוקס.

רחל האָט געפילט צו וויינען, לאַכן. זי האָט אַ דריק געטאָן יאַניעס האַנט און אַוועק: איר ליבע איז צו דורכזיכטיק, זי מוז זיך אויסבאַהאַלטן פון פרעמדע בליקן. זי קען זיך ניט ווערן. אַט שמייכלט דער ים אַזוי ברייט, כאַטש בעטן אים, אפשר ווייסט ער דעם סוד פונם פאַרבאָרגענעם, פונם אומדער־קלערלעכן עפּעס.

סאַשע האט זיך געזעצט לעבן איר:

— מיט פאַרבונדענע אויגן וואלט איך געטראָפן צו דיר. מיט דיין ניט וועלן מיך ליבן — ווערט צעשינדן אויף שטיקער מיין צעקאַטעוועטער איך.

זי האט געוואָלט צופאַלן צו זיין אַקסל. האָבן אָבער פינסטערע גע־שטאַלטן פון פאַרצווייפלטע און באַוואוּלטע ניט אויפגעהערט שליידערן גרויקייט אין איר דמיון.

ביז אירע געדאַנקען האבן אריבערגעשפרייזט די בערג מיט צרות — איז זי שטאַרק מיד געווארן: זי וואלט אַראָפּגעלאָזט איר קאפ אויף זיינע קני און געפּעסטשעט זיך ווי אַ קליין מיידעלע.

איר ליבע איז פייער געווארן: זאל ער טאן מיט איר, וואס ער וויל, — קיין העכער גליק וועט קיינער ניט דערגרעכן:

סהאט אַ וואויע געטאָן אַ ווינטל: „סאַשע דאַרף עפּעס גרויס, עפּעס שטאַרקס! סזאל אים טראָגן אויף די הענט. — האט זי אים אפן ארויסגעזאגט, ווי אפשטויסנדיק סאיז דאס פאַרדארבענע און צוגעגעבן אים מוט צו גובר זיין, זיין פאַרנאַכלעסיקייט. — צו אויפקלעטערן הויך, — זיין נאָמען זאל שיינען צווישן די גרויסע רוסישע דיכטער, אַנשטאָט אונטערצוגיין ווי אַ שווערכלינג.

זי האט געהאַפּט: ער וועט זיך זיכער אנכאַפּן אין דעם אנוואונק. כאָטש סהאט וויי געטאָן: ער קען מיינען, זי איז אזוי גייסטיק ארים, אז נאר אַ געקרוינטן פּאָעט וויל זי ליבן. אין אמתן גייט זיין שאַפן איר בלויז אָן, ווי אַ מיטל, ער זאל זיך באַפרייען פון דער פאַרקריפּעלטקייט, וואס לויערט אויף אים.

— — —

סאַשע איז ווי אַ געקוילעטער אָקס צוגעפאַלן צום שטול, זיין קאפ האט אַ שטאַרקן זעץ געטאָן אין אייזערנעם בעט. ער האט געוויינט ווי אַ שיכורער מיט ליידן: ער פאַלט אַרונטער פון דעם ווילד גאַלאָפּירנדיקן פּעגאַזוס. אין דעם הימל־קראַצערדיקן ניו־יאָרק, אדער מאַסן־מארד שטאָט טשיקאַגאָ האט ער געזען אין די מענטשנס פּנימער: פייער און שנאה... אין זייער צוגליטע נשמות — גיהנם... ער איז אוועק פון דארטן מיט אַ חלום — די רוסלאַנד־ערד וועט אינספּירירן צו שאַפן אַזעלכעס, וואס זאל אַראָפּרייסן דעם קווייטלדיקן־שלייער. זאלן אַלע דערזען דאס העסלעכע! אָבער וואס האט ער אויפגעטאָן? די ערד איז פון פאַל צו פאַל סדום... כאָטש נעם און צעברעך איר אָקס אויף דער העלפט און געפּאַטערט מיט אַלע פאַרדארבענע וועלטן!...

פּלוצים איז סאַשע פאַרכאַפּט געווארן מיט אַ בילד אויפן הימל: די

וואלקענדלעך אנגעטאנענע אין ראזאווע קליידלעך באדן זיך. — פאַרשייטע נימ־פעס אין זון־פאַרגאַנג... דארט, אינגאַנצן אפּגעטיילט פון די נידריקע געטינס, שוועבט רחל. ער זעט זי דייטלעכער, און דייטלעכער. זי איז אַ ספינקס, אבער איר קאָפּ איז אַ לייב און איר קערפּער — מאַגנעט.

סאשע האט פאַרצויגן די אויגן און געשאקלט מיטן קאָפּ, ווי צו באַפּ־רייען זיך פון א בייזן חלום: נאַאיווער ליריקער! אט גלויבט ער, א משוגע־גלויבן — אז רחל איז די פאַרקערפּערטע געשטאַלט פון ליבע. אפילו שטאַרבן פון אירן אַ קוש וואלט אים אויך ליב געווען.

— — —

מיט ציטערנדיקע הענט האט רחל געעפנט סאַשעס בריוו: געוויס אַ גר־טער ענטפער, ער האט זי, נעכטן, פאַרשטאַנען.

טונקעלע, צושטורעמטע וואַסערן אין אירע אויגן, זי איז געווארן א צובויטיטער ים.

„רחל, זאלן די זכרונות וועגן מיר קיינמאַל ניט שטערן דיין רו. כ׳נעם מיט זיך מיט הונדערטער בליקן דיינע״...

אַלץ איז שווידערלעך. רחל איילט אין איין אָטעם צו יאַניען. אים מיט דעם שרייבער מירקיס האט סאַשע אויך געשיקט בריוו, זיי זאלן זי טרייסטן.

יאַניע לייענט ערשט די בריוו. מירקיס איז אריין, א צעשויבערטער מיט אַן אויסגעשריי:

—כ׳בין געלאָפן צום מיידל! שטערן זאל גאר אַזוי משוגע ווערן! ער פלעג שטענדיק אַלץ אויסלאַכן. „אַלץ איז שפּיל״! יאַניע ווילסט וויסן דעם אמת. אין אנפאַנג, ווי ער שרייבט וועגן זיין בייזן גורל, האב איך זיך שטאַרק דערשראָקן, אבער וואס ווייטער איך . . . כאַ, כאַ ! שטערן וועט זיך שוין נעמען צום לעבן... קום צו זיין יפהפיה... איך שטאַרב פון נייגעריקייט זי צו קענען.

רחלן איז וואס אַמאָל שווערער געווארן. אבער די האפנונג, אַז סאַשע לעבט, האט זי געשטאַרקט. זי איז אַרויס פון הינטער דער טיר, אַ ווינק געטאַן צו יאַניען ער זאל ניט זאגן ווער זי איז.

— קומט, איך וועל אויך גיין מיט אייך. וועמען פון אייך שרייבט ער וואוהין ער פארט?

קיינעם ניט. זיי זענען געגאַנגען אויף זיין קוואַרטיר. מירקיס האט ניט אויפגהערט אויפן קול פאַרצושטעלן ווי רחל קוקט אויס.

— אַ מיידל אַ ברען, אַ פלאַם פייער. צו פאַרדרייען אַזאַ קליידלדיקן שטערן דעם קאָפּ....

— שווייג מירקיס! האָט יאַניע בייז באַפוילן. איך קען סאַשען בעסער. צו באַפרידיקן דאָס מאַגען פון דער נשמה איז ביי אים טייערער פון אַלץ. אָבער, רחל, איך גלויב אויך, אַז ער וועט זיך ניט טאָן קיין שלעכטס.

מירקיס האָט געגעבן אַ שפרונג אָפּ, ווי עפּעס בייזעס וואָלט אים אַ ביס געטאָן. ער האָט דערזען טרערן אין רחלס אויגן. ער האָט אַרויסגעקרעכצט:

— ווי געמיין און נאַריש איך בין. וויפל יסורים טוט אַ מענטש צו מענטש פון בלויז ניט טראַכטן.

— — —

אַ פּאָר סטאַנציעס אַרויס פון אָדעס איז סאַשע אַראָפּ פון באַן און גלייך אַוועק צום וואַלד.

די יונגע, סאַסנאָווע־ביימלעך האָבן אַנטקעגן געשיקט אַ דופטיקן גרוס. ער איז גלייכגילטיק צו אַלץ אין דער וועלט. אין זיין האַנט אין קעשענע האַלט ער אַ רעוואָלווער: מ'דאַרף אים אַרויסנעמען אַ דריק טאָן — און פּטור! אויס שפּילן דורך די טעג און נעכט אין קאָרטן מיט די סטודענטן. — געוואַלט, ווי פּלאַטשיק זיי זענען! אָבער נאָך מער האָבן זיך אים דערעסן די קורסיסטקעס, לעצטנס שלעפּן זיי ממש די הויזן, זיי באַפרייען דיך פון אַלע פאַראַנטפערט־לעכקייטן.

— ער ווייסט אויך פון דער גרויסער צאַל עקסטרעם ערנסטע סטו־דענטן, אָבער וועגן יענע ענערגישע פּאָליטיש־טעטיקע – וויל ער איצט ניט טראַכטן. און ער זאָל זיך יאָ דערמאָנען אין דער פיינלעכער נויט פון פיל פון זיי, ווי זיי שלאָפן בגנבה אין די פּאַרקן, זענען קיינמאָל ניט זיכער פון וואַנען וועט קומען דאָס מאָרגעדיקע מאָלצייט, צי וועט עס בכלל קומען. — וואָלט עס אים נאָך גיכער באַרעכטיקט זיין באַשטימטן טאַט. נאָר צו באַפרייען זיך פון זיין אַן עדות פון אַזאַ לעבן ווי יאַניעס, אין יעדן איינעם וואָס טרעפט, אָדער וואָס קומט אַריין צו אים — קלערט ער: „אַ שפּיאָן''. איז שוין אויך אַ גערעכטע אורזאַך — צו מאַכן אַ סוף ! ער וועט זיך באַפרייען פון דעם ניט איינמאָל אין קריג מיט זיך פאַרוואָס ער איז ניט טעטיק אין איצטיקע סאָציאַלע פּראָבלעמען. פאַר דער מאַמען זיינער וועט אויך זיין גלייכער . . .

סאַשע האָט זיך פאַרשעמט, ווי סוואָלט אים אויסגעקומען צוזען, ווי עפּעס אַ מינדערזיניקער שלאָגט זיין אַלטע מאַמע, פאַר איר מוסר נפש זייך

זיך פון זיינעט וועגן; ער וויל פון עפּעס באַפרייען זיין מוטער און פּילט — עס וועט אים ניט געלינגען!

נו, און וואס איז וועגן דער מיסיע פון אַ פּאעט? טאַקע ניט פיין פון זיין זייט. — אַריינקומען ערגעץ און גאַרנישט זאָגן.

ער האט זיך איינגעהויקערט: סאיז מוראַדיק־פּיינלעך אין דעם פאַלשן לעבן. — ער קען ניט געפינען דאס אמתע ווארט. ווער ווייס בכלל צי קונסט וועט נאך האבן אַ ווערט? יא, די בעסטע זאַך איז אַנטשווייגן ווערן אויף אייביק.

דאס הויכע גראז האט זיך גראַציעז פאַרנייגט: „פאַרוואס זאל רחלן פלאגן דאס געוויסן פאַר דיין טויט?"

די ווייסע שטיקלעך וואלקן אין לויטערן הימל יאגן זיך: אַזאַ אומבאַ־רירבאַרע, אַן אומבאַפלעקטע."

זיינע ליפּן שעפּטשען: „רחל". ער וועט עס ניט פאַרשוועכן.

ער האט אַ ווארף געטאן דעם רעוואלווער און געלאזט זיך לויפן פון וואַלד.

שפּעט אין אָוונט אַ קלונג. רחל מיט יאַניען ראשן צו דער טיר. פון סאַשען אַן איין שורה:

„רחל, מיין גרויסע ליבע צו דיר האט מנצח געווען".

קאפיטל פופצען

רחל האט זיך אַריינגעטיפּט אין בוך און דערביי געקלערט: פאַרוואס זענען אַזוינע וויכטיקע אידעען אַזוי ווייט פונם רעאַלן לעבן ?

זי האט זיך דערמאנט אין די פאַרוואונדעטע זעלנער מיט וועלכע מהאט פאַרנומען זייער גימנאַזיע. אַ בליק אויפן זייגער: שפּעט! זי וועט קוים באַווייזן קומען אין דער אינגלשער גימנאַזיע, וואו זיי לערנען בייטאָג.

איידער דער לערער האט פאַרמאַכט די טיר, איז די פאַרסאַפּעטע רחל אַריין נאָך אים און געוואַרט, לויטן געזעץ פאַר פאַרשפּעטיקטע, ער זאל איר הייסן זיך זעצן.

וולאַדימיר איוואַנאָוויטש האט, מיט אַ בייזן שמייכל, זי גלייך גערופן צו ענטפערן די לעקציע פון קאסמאגראַפיע.

אַנשטאָט „ווינט" האט רחל געזאָגט: „באַוועגנדיקע לופט", ווי אין בוך.

— קאַראַטקינאַ! האט דער לערער זיך געווענדעט צו אַן אַנדער שילערן.

— וואס איז אין דרויסן ?

— אַ שטאַרקער ווינט!

— פריילן פרענק איז, ווי עס קוקט אויס, געווען פאַרנומען ניט מיטן ווינט, נאָר מיט עמיצן. האט דער לערער איראָנאַזירט. געהייסן איר גיין אויף איר אָרט און זיך שטאַרק צעלאַכט.

די שילערינס נאָך אים.

— ניט גענוג די לערערס באַמיען זיך קיינמאָל נישט: צו וויסן וועגן לעבן פון זייערע שילערס, אונז אַנווייזן אַ וועג פאַר העכערס, שענערס. — נעמען זיי זיך נאָך דאס רעכט אַריינברענגען ציניזם אין קלאַס! האט רחל אויסגעפּלאַצט, ווי פון אַ פּולווער פּעסל.

אַלע זענען געבליבן טויט שטיל.

רחל האט געשווידערט: מוועט זי רופן צו דער נאַטשאַלניצע, זי איז אַ שטרענגע. באַרימט זיך תמיד — „איך קום אַרויס פון די ראַמאַנאָווס!" זי פירט זיך טאַקע ווי אַ קיסר. — אין פיל שולן האט מען שוין דערלויבט, אַז פון די העכערע צוויי קלאַסן, זאל מען אויסקלייבן פאַרשטייערס פון די שילערס צום לערער־ראַט פאַרזאַמלונג. אבער זייער „מאַריאַ ראַמאַנאָוונאַ" האט ניט נאָר ניט דערלויבט, נאָר נאָך געפאָדערט מ׳זאל אַרויסגעבן די נעמען

פון די שילערינס, וואס האבן געוואגט צו טראַכטן פון אַזאַ זאַך!

רחל האט געצאַנט אויף זיך: נאַרישער אויטאמאט. אנגעלייענט זיך מיט געדאַנקען, ווי סוואלט געדאַרפט זיין די באַציאונג צווישן לערער און שולער און געפּלאַפּלט דערפון.

עפּעס האט עקשנותדיק געשריען: „גוט אַזוי! ניט געטארט אים פאַר־שווייגן! זי וועט באַצאלן טייער.

איבערן שטילן קלאַס איז געלאפן דעם לערערס נערוועז מישן די זייטן פון „זשורנאַל״. די שילערינס האבן זיך קיין ריר ניט געטאן. וולאַדימיר איוואַנאוויטש האט מער קיינעם ניט אַרויסגערופן:

— נעמט צוויי נאכפאלגנדיקע פאַראַגראַפן. ער האט ניט געגעבן קיינע דערקלערונגען.

מיטן קלונג פון גלעקל, איז ער צו צו דער קלאסנער־דאמע, יעווגעניאַ פעטראוונאַ, און ביידע זענען זיי אַרויס פון קלאַס.

אַלע שילערינס, ווי זיי האבן זיך אויפגעשטעלט — אַזוי זענען זיי פאַרגליווערטע געשטאנען מיטן אטעם אין זיך.

יעווגעניא פעטראוונא איז אַריין צוריק:

— וולאַדימיר איוואַנאוויטש האט שטרענג פאַרבאטן צו ברענגען אויף די ליפּן וועגן דעם, וואס איז פריער פאַרגעקומען, זי האט צעעפנט די טירן. איינע פון די שילערינס האט אַריינגערוקט רחלן אַ צעטעלע:

„טאמער וועט מען דיר ניט דערלויבן צו לערנען אין גימנאַזיע — זאלסטו זיך פאַרבינדן מיט די פאַרשטייערס פון אַלע גימנאַזיעס. איך ווייס, דו ביסט געווען ביי זייער זיצונג. מיר וועלן צונויפשטעלן אַ פּעטיציע מיט אונטערשריפטן צו אונזער „רעאקציאנערקע״. ״

— — —

דאס ערגערן זיך האט מיט אַמאל אפּגעשוואַכט רחלן, אירע פּיס האבן זיך געבויגן. זי האט, ניט קוקנדיג אויף דעם געדיכטן רעגנדל, זיך אַראפּגע־לאזט אויף אַ באַנק אין פּאַרק.

איז דאס אירע מחשבות, צי וואר?! וולאַדימיר איוואַנאוויטש רעדט צו איר.

—פריילן פרענק, אַנטשולדיקט מיר מיין גראַבקייט. איר קענט אייך גאר ניט פאָרשטעלן, ווי טיף אייער גערעכטע באַמערקונג האט אַריינגעשפּיגן אין מיין פאַרזשאַווערטער נשמה.

„כאַטש איך קום אַרויס פון בירגערלעכע עלטערן, אָבער געפּלאָגט האָב איך זיך באַגלייך מיט די נידעריקסטע שיכטן. מיין חלום איז געווען: דערוועקן צווישן עלטערן, קינדער און לערער אַ גייסטיקע פאַרבינדונג. צו דערגרעכן דעם ווילן צו קעמפן פאַר אַ סאָציאַלן איבערבוי אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

„איך קוק צו די אַכט יאָר צוריק: געמיינע שטערונגען און וואָרנונגען, אַז אויב איך וועל ניט אויספאָלגן אַלע איינגעשטעלטע דערציִאונגס־רעגולאַציעס וועל איך ניט נאָר אָנווערן מיין שטעלע, כוועל אויך אונטערוואַרפן ווערן צו פאַרפאָלגונגען . . . און ניט נאָר געזאָגט — מען האָט עס גלייך געטאָן.

— „די מאַכט־האָבער דערדריקן יעדן הויכן אידעאַל צוזאַמען מיטן קעמפער פאַר אַ פאַרבעסערונג. די קעמפערס פאַר גערעכטיקייט זענען קליינע הייפלעך, געציילטע מענטשן. די דורכשניטלעכע מיליאָניקע מאַסע איז פּאַסיוו צום קאַמף. אפשט איז די מאַסע די ערשטע, וואָס פאַרשטיינט אירע פאַרטיידיגער. דאָס באַוואוסטזיין פונם המונס מוחות ווערט צוריקגעהאַלטן מיט אַן אייזערנער האַנט.

„דער סוף איז — ווי איר האָט מיך היינט געזען, האָט וולאַדימיר איוואַנאָוויטש געזיפצט. — אַן אונטערגעבראָכענער, בין איך געוואָרן אַ טיפּיטשנער לערער, וואָס איז זיך נוקם און שפּעט אָפּ פון די שילער.

„איר מעגט עס וויסן. היינטיקער אינצידענט — האָט געקענט זיך אויסלאָזן פאַטאַל פאַר אונז ביידן. די גימנאַזיע פאַרוואַלטער, ניט קוקנדיק אויף זייער אומפאַרשעמט האַנדלונג אין אַלגעמיין, — זענען זיי דערצו נאָך גרויסע היפּאָקריטן. צו קענען פּרעטענדירן, אַז זיי זענען די מאָראַל אַפּהיטער,—וואָלטן זיי זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּגעשטעלט. — זאָל עס אפילו זיין דאָס לעבן פון מענטשן.

„איך דאַנק אייך זייער פאַרן שטויס . . . איך בין אויך דאַנקבאַר דעם רעגן פאַרן צעטרייבן אַלעמען פון פּאַרק. — מיר געגעבן די געלעגנהייט צו פאַרענטפערן זיך פאַר אייך. כהאָב שוין לאַנג אַזוי ניט געפילט.

„דערלויבט מיר דריקן אייער האַנט. לויטן „מאָראַל־היטערס־געזעץ" איז פאַרבאָטן אַ שילערן צו געפינען זיך אין פּאַרק ווען עס ווערט טונקל, נאָך מיט אַ לערער ! קומט זיי ביידן הענגען. אַ צעוויייטיקטער שמייכל האָט טרויעריק פאַרקרימט זיין געזיכט.

קאפיטל זעכצן

דאס לערניאר האט זיך פארענדיקט. רחל איז שוין פריי. פון געוואוינ־היינט האט זי זיך אויפגעכאפט זיבן אזייגער: דער פרילינג איז ביי איר אין צימער ! דורך דעםברייט צעעפנטן פענסטער איז ער אריין ! א פרישער, א ליכטיקער, עס פארכאפט דאס הארץ. . .

זיין שטערן האט זיך עטוואס פארקנייטשט: זי האט אים אויפגענומען אן דער קעלבערנער פרייד, וואס פארדרייסט די פיסלעך, און געשפרינגען !

מיט יעדער רגע ווערט אים דא אומעטיקער. וואס אמאל רעגט זי אים מער אויף !

— הער, מיידל, איך האב ליב, אז מפארברענגט מיט מיר קינדיש־זארגלאז. — דעמאלט קען איך אנשכורן די גאנצע וועלט מיט פרייד !

רחל האט געגעבן א שפרונג אראפ פון בעט: זי פארהאלט זיך אין אדעס. — צוליבן דיפלאם, וואס מוועט ארויסגעבן ערשט, ווען יענע, וועלכע דארפן פארבעסערן זייערע צייכנס, וועלן זיך נאכאמאל האבן עקזאמינירט.— אזוי האט זי א היים געשריבן.

סאיז אזא שיינער פרימארגן. זי וויל איצט מער ניט זארגן. סאשע ? . . . צי זי וועט פועלן ביי איר מוטער צו שטודירן העכערע בילדונג ? זי וויל וועגן אלץ פארגעסן !

זי האט גענומען א קאלטע באד. געריבן אביסל, אין קיך, מיט דער דינסטס געליבטן. א באוואוסטזיניקער, אויפגעקלערטער ארבעטער. ער זאגט, ער איז נאר וואס אריינגעקומען, זאל זיין אזוי. און אז ער איז געשלאפן דא, ווייסט מארוסיע, אז זי וועט ניט לויפן דערציילן דער באלעבאסטע. זי איז זיי מקנה.

רחל איז אוועק צום ים: דארט ווערט דאס טריבע טראכטן געמילדערט.

פארבייגייענדיק דאס אפענע שטיק פלאץ אין פארק, וואו אינדערפרי און בייטאג פלעגן זיך שפילן קינדער, האבן העלע קולעכלעך זי פריידיק ארום־גערינגלט:

גוט מארגן, פריילן פרענק ! — פריילן פרענק !

אנדערע מיט א פארשעמט בליקל, אייניקע מיט אן הינטעראומיקן

שמייכעלע, באַגלייט מיט מאַמעס צופרידענע אויגן. מיט דאַנקבאַרע פּנימער פון אַמען.

די קינדער זענען רחלס אַלטע פריינט! איינער צורעכטגעמאַכט אַ ליאַלקע, דעם בלאַנדן אינגעלע מיטן געקרויזלטן קעפּל פאַרבונדן אַ פינגערל. זיי אויסגעלערנט פאַרשידענע שפּילערייען.

אַ מיידעלע, מיט אַ קאַפּריזנע נעזל און צוויי טיפע, גרויסע אויגן, וועל־כע פאָדערן אַנשטאָט בעטן, האָט זיך אַנגעהאַנגען ביי רחלס קני:
— שפּילט זיך אַביסל מיט אונז! אַ יאָ! — האָט זי זיך געווענדעט צו די אַנדערע קינדער.

אַלע האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּלעך.

—נאָכדעם וועט איר קענען לייענען אייער בוך, האָט געזאָגט אַ קליי־נער חברהמאַן מיט ביסטרע אייגלעך.

רחל האָט אַ באַטראַכט געטאָן דאָס קליינוואַרג־געזעמל. איר שטימונג איז אַזוי ווייט פון פּלוצים אַריין אין אַ קינדעל־שפּיל, אָבער ווי זאָגט מען אָפּ די אַלע בעטנדיקע בליקן, פול מיט האָפענונג, ווי פאַר דער גרעסטער און וויכטיגסטער זאַך אין לעבן.

דאָס צוקנדיקע, פיבערדיקע אין איר האָט זיך אויפגעלייזט אין זייערע קלינגענדיקע, אומשולדיקע קולעכלעך. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן כאַפּן די פּילקע. זייער פריילעכער געלעכטער האָט אַרויסגערופן אירן, פאַראייניקט זיך, זיך צונויפגעשמאָלצן. אַ וואונדערלעכע אויפטרייסלונג האָט געפלעמט אין איר בלוט — אַן אַלט־יונג קינד געוואָרן.

רחל האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק; זי פילט זיך אַ יום־טובדיקע, ווי איר באָבע פעסיע האָט געלויכטן אין נייעם זיידנטיכל, וואָס איר זון, דער פעטער וועלוול האָט איר אויף דעם עלפטן ערב ראש־השנה צוגעשיקט פון אַמעריקע.

גוט מאָרגן: מיר זענען באַקאַנט. שטערן האָט אונז פאַרגעשטעלט.

דערהערט סאַשעס פאַמיליע, האָט זי זיך האַסטיק אויסגעדרייט.

— ביאַליק! דער באַוואוסטער דיכטער רעדט צו איר!

— איר דאַרפט זיין זייער אַ גוטע, קינדער זאָלן אייך אַזוי פיין אויס־נוצן.

— ניט אַזאַ גוטע. האָט רחל געשמייכלט. — פּשוט איך בין געוואַקסן צווישן קליינע פּלעמעניקלעך, איז אָפט בענקט זיך נאָך זיי. דאָס קליינוואַרג

דערשמעקט — אַז זיי זענען מיינע בעסטע פריינט. זיי זענען אַזוי אויפריכטיק! (זי האָט זיי באַטראַכט מיט פרייד).

— שלום־עלכם! האָט ביאַליק פּלוצים אויסגעשטרעקט איר זיין האַנט. אין זיינע גרוי־בלוילעכע אויגן אַ פריינטלעכקייט, ווי ער וואָלט זיך געטראָפן מיט זיין בעסטן חבר.

— „קראַוואַיאַ שוטקאַ" לייענט איר. אַי האָבן מיר אַ סך בלוטיקן שפּאַס! גיט עס לייענען אייערע קריסטלעכע באַקאַנטע, זאָלן זייערע ברידער זיך דערזען. ער האָט זי אויסגעפרעגט וועגן דעם בוך. און בכלל וועגן שלום־עלכמס ווערק.

צוויי באַקאַנטע האָבן זיך איר געגריסט. פאַרבייגייענדיק האָט איינער אויסגעזונגען: „ווי פּילט די שטילע טאַטיאַנע?" . .

— אַ דאַנק! האָט אים רחל צוגעשיקט.

— „טאַטיאַנא" רופט איר זיך?! — האָט ביאַליק בייז געפרעגט. — און איך האָב געטראַכט פון אייך, ווי פון אַ ביבליש־מיידל!

— מיין נאָמען איז רחל, האָט זי זיך, ווי פאַרענטפערט פאַר אים. — דאָס איז זיין קאָמפּלימענט: אַז איך בין נאַאיוו. — „מאַמע־לשון" — זאָגט ער, — טאַטיאַנאַ (די העלדן אין „יעווגעני אָניעגין") איז שטאַרק נאַריש און אויך איך.

ביאַליק האָט זיך האַרציק צעלאַכט, אַזש זיינע אויגן האָבן אויפגעע־טרערט:

— איך וועל געוויס דערמאָנען אייך אין מיינס אַ ליד, נאָר נישט ווי אַ „נאַרישע טאַטיאַנאַ". איך האָף איר טראַכט ניט, אַז זי איז נאַריש. קומט מיט שטערנען צו מיר אַהיים. ער איז אַ וואוילער בחור, איך האַלט פון זיין שרייבן.

סאיז איר דורכגעלאָפן אַ געדאַנק: ווען זי קען גוט רעדן — וואָלט זי געבעטן ביאַליקן צו באַווירקן . . .

דערשראָקן־בלאַס איז געוואָרן איר איידל פּנים: ווי האָט זי געקענט אפילו אַ טראַכט טאָן צו אַוועקשטעלן סאַשען אין אַ מיאוס ליכט? ער איז געווען אַזוי גליקלעך בעת ער האָט זי באַקענט מיטן גרויסן דיכטער.

ביאַליק האָט דערשפּירט ער דאַרף זי מיט עפּעס טרייסטן. ער האָט וואַרעם געדריקט איר האַנט און נאָך געלויבט סאַשען.

— גיט אים איבער מיין גרוס.

חברה שטיפערס האבן זיך צעהוליעט אין רחלן: דער זעלבער ביאַליק, וועמענס נאמען מרעדט אַרויס מיט גרויס דרך־ארץ, זאגט: „סאשעס לידער זענען דערוויילע נאך יונג, אבער זייער האַרציקע, זיי ווערן רייפער מיט איטלעך ניי ליד".

שורות פון זיין פאעזיע זענען אויפגעשוואומען אין איר זכרון: פאַר־וואס זשע איז ער אַליין אַזאַ סאַרקאַסטישער? . .

קאַפּיטל זיבעצן

רחל איז אַהיימגעקומען. די ליבע־היימישקייט אין קליינעם שטעטל נאָגט ביים האַרצן. די טעג קריכן לאַנגזאַם. סאיז אַוועק דאָס צולעגן דעם קאָפּ צום קישן און שוין געשלאָפן. ביז שפּעט ביינאַכט האָט זי זיך געוואָקלט... דער שטילער זומער פרימאָרגן האָט זי גלייך אויפגעוועקט. יונגע געפילן קלע־מען שווער איר האַרץ. לויערן ווי שונאים, — ניט אויסצובאַהאַלטן זיך. . .

בלוי־רויטלעך האָט געשוועבט דער טיפער הימל. די גאַסן סודן זיך.

זי האָט זיך געזעצט ביים אָפענעם פענסטער לייענען. עס בלאָזט אַ וואַרעם ווינטל. די געדאַנקען לויפן מיטן געלייענטן; ווי פאַרכאַפּנדיק ! מייסטערהאַפטיק ! וואָס פאַר אַן אמתער קינסטלער ! — זי האָט פאַרגעסן אין אירע פאַרצווייפלונגען און שמייכלט גאָר . . . ווייזט אויס די נאַטור זאָרגט פאַרן מענטשנס משונהדיקע אייגנשאַפטן. איצט פאַרשטייט זי, פאַר־וואָס זי האָט געזען ווי מענטשן אין פאַרביטערסטע לאַגעס — רעדן פון קליי־ניקייטן, אפילו לאַכן.

רחל האָט אירע געדאַנקען אַרומגעוועבט אַרום סאַשעס פאַרגאַנגענהייט מיט זיין ריידן וועגן וועלן זיין אַ ריינער: זי ווייסט פון אייגענע דערפאַרונגען, אַז ווערטער, צי געדאַנקען — ווי גוט מזאַל זיי אַרויסזאָגן — דאָך בלייבט הינטער זיי נאָך עפּעס ניט דערזאָגטס, און אַמאָל דאָס סאַמע וויכטיגסטע . . .

פּלוצים אַ פּראַל מיט דער טיר: סאַראַ, די שטיף־שוועסטער, איז אַריין. זיי האָבן זיך אַרומגעכאַפּט, גוטע פריינט ! אַזאַ ערלעכע פרייד זעלטן צו געפינען !

—רחל, כהאָב דיך שוין ניט געזען אַזוי לאַנג ! עס פּאַסט דיר צו זיין אַ גרויסע, דו קוקסט אויס פּראַכטפול !

— און דו, די זעלבע סאַראַ! כהאָב אָפט גערעדט וועגן דיר מיט מיינע פריינט; אַז כאַטש אין תוך האָב איך פיינט געטובלטע אַריסטאָקראַטן, — אָבער אין דיר איינער איז עס אַזוי עכט און פיין, אַז כוואָלט געווינשן די גאַנצע מענשהייט זאָל זיך אַזוי אַריסטאָקראַטיזירן.

— שויןן! שויןן! גענוג געלויבט. — האָט סאַראַ שיין געלאַכט, — וועסט מיך אַריינטרייבן אין צו אַ גרויסן חוב. איך בין ניט אַזוי קלוג ווי דו

פריילן. — פּאַרפּאַק דיינע זאַכן — וועלן מיר פאָרן אין דאָרף. כהאָב שוין וועגן דעם איבערגערעדט מיט דיין מאַמען.

— — —

די לופט, ווי רויכלעך, האָט זיך געהויבן פון די פעלדער. דאָס פערד־און־וועגעלע האָבן געהעפּעט גרוב־אַריין, גרוב־אַרויס. געדיכטער שטויב איז נאָכגעלאָפן. דער פרילינג אין די צוויי מיידלעכס הערצער האָט געלעכצט צו געפינען ריינע חלומות אין בלוילערן רוים . . . זייערע אויגן האָבן אַריבער־געקוקט ערגעץ ווייט.

סהאָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן געקאַלעכטע שטיבלעך מיט רויטע, גרויע פּריזבעס. מאיז אַריבערגעפאָרן אַ בריקל און זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ צעשפּרייט, בייכיק הויז. דער דאַך געדעקט האַלב מיט שטרוי, האַלב מיט גרין־געפאַרבטן בלעך. אַן איינגעבראָכענער פּלויט האָט אַרומגערינגלט דאָס הויז, דעם שטאַל און אַ גרויס שטיק ליידיק פּלאַץ.

אויפן אָרט פונם טיפן, ברייטן גרוב, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיטן פּלויט, וואוהין מהאָט אַלע יאָרן געוואָרפן מיסט, שטייט אַ צווייגאָרנדיק הייפל.

סהאָט דער „קרומער פּריץ״ מיטן גלח און וואַסיל דעם סטאַרעסטעס, אַ גאַנצער אויפגעקלערטער געוואָרן, מיט נאָך אַ פּאָר אַנטיסעמיטן אַוועקגע־שטעלט דאָ אַ קאָאָפּעראַטיוו. האָט סאָראַ דערקלערט רחלן.

דריי וועגן האָבן זיך געצויגן אַרום דעם שטוב און קאָאָפּעראַטיוו. ווען מהאָט אַריבערגעקוקט צו די גוישע הייזער האָט מען געמוזט טראַכטן:

„ביים אידן איז אָנשטאָט הויכן, גרינעם גראָז, אָנשטאָט קוסטעס מיט רויזן, גערטנער, סיידער. — אַ פאַרוואָרלאָזטער הויף, אָנגעוואָרפן מיט שפּיי־נער, שטיקער פּיצן, ליידיקע פלעשלעך און אַ צעטרוקנטער שליטן.

אין קלייט האָט ר׳ נח „דער נגיד״ (אַזוי האָט אים געהאָט דער שדכן פאַרגעשטעלט פאַר לאה פרענק) געוואויגן פאַר דריי גראָשן זאַלץ, אָפּגעמאָסטן פאַר אַ גראָשן פעפער און פאַר צוויי גראָשן נאַפט.

די גויע האָט זיך געדונגען ביי יעדער מאָס און וואָג:

— נאָך אַביסל! יעי באָו, נאָך עטלעכע, פּריס יעי באָו, נאָך כאָטש אַ קאָפּעלע.

ער האָט איר געגעבן נאָך צוויי טראָפּן נאַפט, אַ פעפער און צווישן די פינגער אַביסל גראָבע זאַלץ.

— דאָבריי זשיד, ספּאַסיבאָ, האָט די פויערטע, געלויבט, געדאַנקט

און געשמייכלט אַ צופרידענע. דערביי געשלעפּט פון בוזים אַ קניפּל מיט די עטלעכע גראשן צו באַצאָלן.

ר' נח, אַ הויכער, שיינער איד, מיט אַ שטענדיק פריילעכן שמייכל איבערן גאַנצן פּנים. זיין ברייט צעקעמטע באָרד מאַכט אים אויסקוקן, ווי אַ סוחר ערשטע גילדע.—אין שטאָט קענען אים אַלע. ער גיט שיינע נדבות. טראָגט מען אים אַנטקעגן ברייטע „גוט מארגנס'', „ברוך הבא'.

ער האט זיך דערפרייט מיט רחלן:

—ווען איך וויס ניט, אַז דו קומסט, וואלט איך געטראַכט דעם פּאַמעסטשיקס פּריצקע איז אַריין. זי האט עס אויך אויסגעצויגן ווי קראַפּעווע, אַ פּאלנער מענטש געוואָרן. האסט מיר דערמאנט: כהאב אויף מארגן געזאלט אונטערשרייבן די „אַרענדע'', דער „סראַק'' אויף דער „קרעטשמע'' וועט פון איצט זיין נאָר אויף צוויי יאָר. האט „זאַיאַוועט'' דער יונגער המן. און כאָטש לעג אים צו הונדערט מכות, האט ער ניט געוואָלט איינגיין אויף אַ וויטערדיקן פינף־יאָריקן קאָנטראַקט.

ר' נח האט אַ פּאַטש געטאָן מיט זיינע הענט:

„ישראליקל, אידעלע בים, באָם,
לעבסט איבער דעם גרעסטן „גולם !''

ביידע מיידלעך האָבן זיך צעלאַכט. רחל איז נייגעריק:

איז וואו זענען דער אַלטער און די יונגע פּריצים אַהינגעקומען ?

ווער וויס? אין איין שמע ישראל זענען זיי נעלם געוואָרן.

אין גרויסן קאַמער, וואס מדאַרף דורכגיין פון קלייט און שטוב אַריין: צוויי שטייגן מיט הינער, זעקלעך מיט פּאַפּשויעס און פּאַפּשויענע קאַטשענעס, אַביסל איבערגעבליבענע קוילן לעבן אַ פאַרראָיכערטן סאַמאָוואַר. פון בוידעם האט אַראָפּגעקוקט אַן אַלטער טלית, ער האט זיך געשאָקלט אויפן שטריקל, ווי עמיצער וואלט אים היינטערגעשטופּט. רחל האט דערפילט דעם אַמאָליקן קינדערשן ציטער.

אין קיך אַ לאַנגער טאַפּטשאַן ווינקט זיך איבער מיטן הויפּט צימער, דאָ שטייען צוויי ברייטע קאַנאַפּעס, אַ גרויסער טיש, בענקלעך, צוויי שטילן, וואס אין אַ מוזעאום וואלטן זיי אויך געווען אַן אַנטיקל.

אויף די צוויי שטולן זענען געזעסן צוויי אַרימעלייט לעבן אַ קליין טישל, צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט. פון צוויי טעלער האָבן אַרויסגעקוקט צו קעפּל פון הערינג. צוויי טיפּע שיסלען האָבן געהאַט סימנים פון אויפגעגעסענעם

באַרשטש.ביידע, צוויי פּאַבייגייענדיקע אַרימעלייט, האָבן זיך צופעליק גע־טראָפן דאָ.

סאיז אַ הייסער טאָג — איז וואָס ווען זיי זיך איילן. זיי וועלן זיך פאַרהאַלטן ביז פאַרנאַכט און נאָכדעם: ווי לאָזט מען זיך אין וועג אַזוי שפּעט — וועלן זיי שוין איבערנעכטיקן. (ניט די ערשטע וואָס נעכטיקן דאָ.)

אויף דעם שטאַרקט מיט באַרשט פאַרגאָסענעם און מיט ברעקלעך אנגעוואָרפענעם ערדענעם דיל האָט איינער ארויסגעלעגט פון זיין טאָרבע איין בינטל נאָכן אַנדערן. ערשט ביים לעצטן בינטל האָט ער זיך צעשמייכלט. אַ פאַרגרינט חנוכה־לעמפל אַרויסגעשלעפּט:

אָט דאָס חנוכה לעמפל ברענגט מיר גליק. נאָך מיין עלטער זיידע האָט ביים אָוועקשענקען עס מיין טאַטן מיך געבענטשט. כוואָלט עס ניט אָוועקגעגעבן פאַר מי יודע וויפל״.

דער אַנדערער האָט מיט איין מאָל אויסגעטרעסעט אַלע זאַכן פון זיין זאַק, מיט ציטערנדיקע הענט אויפגעהויבן אַ שטאַרק צעקנייטשטע קאַפּאָטע, וואָס פון אַלטקייט האָט זי אויסגעקוקט, גיכער גריז, ווי שוואַרץ. זיינע קאַליע, אַלטע אויגן האָבן זיך צעגלאַנצט, און זיין צונג, וואָס האָט זיך געטשעפּעט צווישן די אָן ציין יאַסלעס, האָט אויף גיך און פריילעך גערעדט:

אַ די קאַפּאָטשע האָב איך נאָך פון די גיטשע יאָרן. טשוט אומיסטשן אַ טשאַפּ. סאיז ריינער טשריקאַטשין ! דרייטשד־מיט־אַ־האַלבן גראַשן אַן אַרשין — האַטש עס געקאַסטש ! כבין אַמאָל אויך געווען גוטש אַפּ, אויך געווען אַ גרויסער מחגות ארח, — דערפאַר האָט מיר גאָטש באַטשאַלטש כפלי כפלים.

סאַראַ האָט געפילט ווי צו פרעגן אים: „פעטער דערפאַר גייט איר אין די הייזער ?

— — —

אַנגעשפּאַרט אין ווערבע־בוים זענען געזעסן סאַראַ מיט רחלן. דאָס טייכל האָט מיט זיין וואַרעמען דרימל צוגעדעקט די מיידלס פיס. אַרום האָט געטאַנצט אַ דופטיקע לופט.

די חנוודיקע סאַרע, עטוואָס העכער פון מיטלוואוקס, וועלכע איז אין איר יעדן ריר, יעדן באַוועג אַ שטענדיקע גראַציע, — האָט מיט קאַלירלאָזע ווערטער פאַרטרויעט רחלן:

— סאיז אין מיר פאַראינטערעסירט אַ הינקעדיקער בחור. ניט קיין

שיינער, דוכט זיך נישט קלוג, ווייט פון גוט, אבער גענוג אינטעליגענט צו פארשטעלן זיינע חסרונות.

„דאס בינטל היגע אנטיסעמיטן האבן ארויסגעבראכט דעם אידישן בחור, ער זאל זיי אויסלערנען ווי צו גרינדן דעם קאאפעראטיוו. ער איז ביי זיי אנפירער, בוכהאלטער, קאסיר. דאך רעכנט ער זיך יעדן טאג, אז ווי נאר זיי וועלן כאפן דעם שניט, דעם גאנג פון געשעפט, — וועלן זיי אים אינגאנצען אפזאגן. גאנצענע טעג שמועסן זיי ווי צו ארויסשטויסן די אידן, און ווי צו באשווינדלען דעם פשוטן גוי. מיין באקאנטער וועט דיר וועגן דעם דערציילן, ווי אלץ איז ביי זיי א קערן, וועסטו ערשט שטוינען.

„צוויי מאל א וואך ראשט דער טאטע אין שטאט אריין, מיט אן אויסרייד: „נאך סחורה׳ . — כאטש איינמאל א חודש וואלט אויך געוועזן איבערגענוג. ער וויל דיין מאמע זאל זיך מיט אים צוריק צונויפגיין, אדער עפעס אן אנדער שדוך וועט זיך אים מאכן.

„ער קען טאן ווי אים געפעלט, נאר די צרה איז — וואס יעדעס מאל ווען ער קומט צוריק — קוקט ער און רעדט, וועגן מיר מיט מיין באקאנטן, מיט אזא חשד, אז איך שעם זיך אפילו פאר די ווענט.

סארע האט זיך שטארק פארויטלט:

— ער האט דערפירט אזוי ווייט, אז איך האב אויסגעפרעגט ביי שיקסעס: „ווי אזוי פירן זיי דורך זייערע וועטשערניצעס ? וואס כמעט גאנצענע ווינטער נעכט זענען שיקסעס מיט שקאצים אליין. און אפילו אייניקע, וועלכע זענען פארעכנט פאר חתנים שלאפן דארט מיט זייערע כלות — און דאך הערט מען ניט זיי זאלן האבן ממזרים? דער ענטפער איז: „די שקאצים געדענקען, אז סאיז ערלעכע מיידלעך׳׳.

„האב איך זיך אנגענומען מיט מוט און געזאגט דעם טאטן „אויב פראסטע שקאצים קענען זיך קאנטראלירן — איז פארוואס איז ער חושד אין ערגסטן אן אינטעליגענטן מענטשן?׳׳

„דעם טאטנס מיינונג איז: „שקאצים מיט שיקסעס זענען געוואוינט צו טאפן זיך אפילו אין מיטן גאס — איז עס ביי זיי קיין נאווינע נישט. ביי אידן טאר קיין בתולה ניט בלייבן אליין מיט א מאנספערזאן׳׳

„מיינע בעסטע יארן גייען אוועק אויפן מיאוסטן אופן. — די עלטערע מענטשן זענען אזוינע ערטאמאניקעס, נאר אויסגעלאסנקייט חלומט זיך זיי. און נאך הערט מען פון זיי: „איך האב א מויד אויפן קאפ׳׳. „א מויד חתונה מאכן׳׳.

„כוועל, דאַכט זיך, אוועק מיט דעם בחור — פּשוט פטר צו ווערן פון די רייד.

— — —

סאַשע איז געקומען אין שטאָט אַ... דאָ האָט ער צוזאַמען מיט רחלס ברודער געלערנט אין גימנאַזיע. אַלץ האָט זיך געביטן.

דער אינסטינקט זוכט אַ פריינט: אויך באָריס איז אַן איבערגעביטע־נער. די אויגן דעקלעך געשוואָלן אַפּשטויסנדיק, קופּערפאַרביק. ער איז שוין פאַרהייראַט. דאָס ווייב זיינס זעט אויס איז אַמאָל געווען שיין. אויפן שטאַרק פּאַריסענעם בויך האַלט זי אַ קינד פון אַ יאָר צוויי, מיט לאַנגע, אויסגעבויגע־נע פיסלעך.

סאַשע האָט דאָרט געפילט, ווי עפּעס וואָלט אים געוואָרגן. באָריס איז אים געגאַנגען באַגלייטן. פּלוצים האָט ער זיך כיטרע צעשמייכלט:

— דו קוקסט אויס ווי אַ הירש! אפשר אומעטיק?.. סאָלדאַטקעס, קראַ־סאַוויצעס — דער רוח זאָל זיי נעמען! אַזאַ גלאַטן ווי דו — וואָלט די שענסטע און טאָקע גאָר די „געהויבענע", איינגעשלונגען, נאָך צוגעצאָלט.

סאַשע האָט געשמייכלט אויף „ניין": זיין לייב גריזעט אצינד אַן אַנדער אומרו „אַ להבדיל אומרו". עס פאַרפּאַלגט אים די דערוואַכונג פון יע־נער גרויסער לייד, וואָס ער האָט געשפּירט פון דער רגע — זיין פאַרשטיין און פילן האָט אַ קיום געקראָגן. ער וועט אַרויסרופן רחלן צום טעלעפאָן.

— זי איז אין דאָרף?! ווי הייסט עס? ווייט?

דאָס אַראָפּשלינגען פופצן ווערסט צופיס ווי אַ זשמעניע זאַפּטיקע קאָרשן — האָט אים באַרואיקט אַביסל.

פּלוצים אַ סטודענט שפּאַנט! רחל האָט זיך איבערגעגעבן דעם דערפרייענ־דיקן געפיל און געשלעפּט סאַרען אים אַנטקעגנלויפן:

— קום, סאיז מיין פריינט פון אַדעס!

סאַראַ איז אַוועק זיך איבערטאָן. זי וועט זיך ניט ווייזן פאַר אַ פרעמדן אין אַ צעקנייטשט קליידל, אָדער ניט געפּוצטע שיך.

רחל טראַכט: עס יאָגט איר האַרץ, ווי צעפּאַלאַכעטע פערד. ער איז נאָך אַזוי ווייט, און זי האָט געמיינט: אָט איז ער. די צווייגעלעך שאָקלען זיך פריילעך — זיי באַגריסן אים.

האַנט אין האַנט האָבן זיי זיך געלאָזט צוריק לויפן איבער די בערגלעך. דער סאַמעט פונם זויבערן, גרינעם גראָז איז אַריין אין זייערע פינגער. דורכ־

געגומען מיט יוגנטלעכן, ליכטיקן זין. מיט טרייסט פאַר נאָענטע און ווייטסטע ווייטן.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט כאַפּן דעם אָטעם און פאַרכאַפּט געוואָרן מיט אַן אויסטערליש העל־צעגרינטן גאָרטן. פון אַ ווייטן ווינקל אָרט ווינקן רויזן, ליליעס און אַלערליי פאַרביקע בלימלעך. אַ צעבליטער בוים, האַלב אַרויסן פלויט, האָט זיי באַוואָרפן מיט זיין שמעקעדיקן צוויט. שאַ, שטיל. זיי זענען דאָ פאַרשטעלט פון דער גאַנצער וועלטס אויגן.

סאָשע האָט זיך צוגעבויגן צו רחלן. זי האָט אים אויסגעשטריקט אירע ליפּן און צוגעוואַקסן צו זיין אַריינגעזויפּט מויל. אָט וועט זי זיך צעוויינען פון גליק.

זיין פּאַרטפעל איז אַרויסגעפאַלן, מיט אַ געלעכטער האָבן זיי זיך גע־לאָזט צונויפנעמען די פּאַפּירן.

פאַרוואָס אַזאַ שטילקייט? וואו זענען די גוים פון דאָרף?

— פונם פויערס געוועזענע פאַרדינסטן, פאַר באַאַרבעטן דעם פּריץ׳ס פעלדער האָט ניט געטראָגן אַפילו אַ גראָשן נאָפּט אויסצוברענען, איז אַזוי אַלע יאָרן גייַן זיי שלאָפן באַגלייך מיט די הינער. מיטן טאָגן שטייען די ערש־טע אויף זייערע ווייבער. יעדע צווייטע טעג, באַקן זיי אַן אַן הויוון שוואַרץ ברויט, קאָכן אָפּ גרויסע קעסלען באַרשטש פון זויער קרויט מיט קאַרטאָפלעס. ס׳זעצן זיך אַרום די גאַנצע פאַמיליע. מיט הייסן ברויט און באַרשטש עסן און כליאַפּ־טשן זיך אַלע אָן. מברענגט אַ פּאָר עמערס וואַסער, אַמאָל פאַרגינט מען זיך און מע צעמישט אַ פּאָר שטיקלעך צוקער, מ׳פאַרטרינקט זיס, צי ניט זיס, און אַלע צו דער אַרבעט, בלויז קינדער פון דריי ביז זעקס־זיבן יאָר לאָזט מען אַליין אויפן טאָג אין שטוב. די זויג־קינדער טראָגט מען מיט אויפן פעלד.

אַ טיף פאַרטראַכטער האָט סאָשע זיך גענומען צום פּען און פּאַפּיר.

רחל האָט מיט אייפערזוכט צו זיין שרייבן זיך פאַרקוקט אויף אים: זיין שטערן איז פול מיט קנייטשן, ווי ביי אַן אַלטן מאַן, כאָטש ער איז קוים מיט פיר יאָר עלטער פון איר. ליידט ער פון יענער קראַנקהייט? צי זיין שטערן האָט זיך אים צעבראָכן איבער זיין שטענדיק ביטערן אויף אַלעמען און אַלץ? און ביאַליק לויבט זיין שרייבן: „האַרציקע לידער". זיין טאַלאַנט וועט אויפנעמען דעם אַ ערלעכן פּראַכט! — אירע באַקאַנטע זאָלן הערן אירע געדאַנקען וואָלטן זיי זי פאַרשריען „סענטימענטאַלקייט!" דאָך אַפילו די גאָר ערנסטע באַקאַנטע אירע, די שטרענגע נאָכפאָלגער פון וואַלטערן, אַז פאַרשטאַנד איז איבער אַלץ,

און אויך יענע וואָס האָבן געהוזקט פון איר — אַנרופנדיק זי „טאַטיאַנאַ", זענען פון א גוטער אַפּערע אויך באַווירקט געוואָרן מיט אַ בעסער שטימונג. זיי האָבן געמוזט צוגעבן: קונסט איז שטאַרקייט, קראַפט — איר פאַרגרינגערט עס די ספקות.

מיטן דערמאָנען זיך אין אירע ספקות, איז זי נאָך שטאַרקער צערודערט געוואָרן. זי האָט געפילט, ווי נחמן, גוסטאַוו, זיסקינד וואָלטן געמוסרט:

„אייערע מיט אייערע „סאַשעס" פאַנטאַזיעס פלאַטערן מיט בורזשואַזע־דיגע פליגעלעך! דאָס לעבן האָט שוין לאַנג איבערגעשטיגן די „קונסט לשם קונסט". מ'דאַרף דאָס היינטיקע קינסטלערישע שאַפן — זאָל האַרמאָנירן מיט די אידעען און סאָציאַלן קאַמף פון די מאַסן.

רחלס בליק איז ווידער געפאַלן אויפן צעקנייטשטן שטערן. מיט אַמאָל איז געבוירן געוואָרן א דערהויבן געפיל: ביאַליק באַשטעטיגט אויך זיין טאַלאַנט. לידער פון זיין גאַליקער פאַראַכטונג וועט פאַר די מאַסן זיין א געזונטער צופלוס פון פראָטעסט. זי וועט קיינמאָל ניט מיד ווערן צו לייענען און דערקלערן זיי פאַרן פאָלק.

סאָרע האָט זיי גערופן.

מוצאה שבת איז עס געווען. ווי נאָר סאָרע האָט געעפנט די קלייט, זענען זיך צונויפגעקומען עלטערע גוים. זיי האָבן זיך אויסגעזעצט אויף קעסטלעך זייף, קלומקעס גראָבע זאַלץ, און אפילו גלאַט אויף דער ערד. אלע האָבן גערעדט, געלאַכט הארציק, נאָך מער דער דערציילער אַליין. ר' נח האָט באַגלייך מיט זיי געפילט דעם געשמאַק פון יעדער חכמה. ער האָט דערציילט:

— א זון איז געווען אין וואַלד מיט זיין פאָטער. פלוצים האָט דער זון אויסגעשריען: „טאַטע, איך האָב געכאַפּט אַ רוח". „לאָז אים אָפּ". — האָט דער פאָטער געענטפערט. —ער וויל אבער מיך ניט אפלאָזן". האָט דער זון געקרעכצט.

די גוים האָבן געקאַכט פאַר געלעכטער, סאָרע איז געווען אויפגערעגט:

— שוין הונדערט מאָל האָט דער טאַטע זיי עס דערציילט, און זיי קאַטשען זיך נאָך אַלץ מיט געלעכטער פון גרויס הנאה.

איין גוי:

— ווען איך בין נאָך געווען א פאַסטוךביים פריץ — האָב איך עס אליין געזען. — ביינאַכט האָט זיך א לאַנ־געד־ד שאָטן געצויגן איבערן פלויט, געוואָרן אַלץ גר־עס־ער־ר און גרעס־ער־ר... באַלד קל־ענער און קל־ען־נע־ר, דין,

ד־ין, ווי דאָס צוועקל, אַ דאָרט אין וואַנט. אזא שרעקנדיקס.... און אינדערפרי — האָט שוין אַ קו אָנשטאָט אַן עמער מילך — אַ גלאָז בלויע וואַסער געגעבן. די אויגן אירע, בעטן עפּעס אזוי, אז דאָס האַרץ פאַרקלעמט.

אַ צווייטער גוי:

— איך בין געשלאָפן אין דער שטרוי פון פּריצ׳ס פערד. געהיט זיי, פערד ווי די אָדלערס האָט מיין פּריץ געהאַט. פּלוצים, אין מיטן געשמאַקן שלאָף, האָב דערפילט ס׳וואַרגט מיך עפּעס.... כ׳עפן די אויגן — און אַ קליינס, אַ ראַבינקעס — אַפּ — און סאיז ניט געוואָרן.... איז מיר באַלד געקומען אויפן געדאַנק: „סאיז אניט־גוטער״. כ׳האָב אָנגעטאָן מיין קאַזשוך, גענומען דעם גראָבן שטעקן, און בין אוועק צו די קי.

— כ׳הער זיך איין... איינע — „כ־רא, כ־רא־א... און אינדערפרי — זי רירט זיך ניט פון אָרט. גרינגער אייטער גייט איר פון די אייטערס.... — אַ בהמה און האָט אויך אַ פאַרגעפיל. — שוין דעם פריערדיקן טאָג ניט געוואָלט זיך צורירן ניט צום פרישן היי, ניט אפילו צום צעבער קלייען.

אַ דריטער גוי כאַפּט אונטער:

— סאיז פונקט ווי מיט די ניט געהייליקטע וואַסערן. פונם ברונעם האָט אַ האַנט זיך אויסגעשטעקט און אריינגעשלעפּט דעם פעלדשערס יונג־ווייבל. דער גלח האָט דערציילט, אז פאַרטאָג האָט זיך אים גראָד געחלומט, ווי גאָטס־מוטער זאָגט צו אים — „דער ברונעם אויסערן דאַרף איז נאָך ניט געהייליקט״. ווען ער האָט אויפגעוואַכט האָט די איקאָנע זיך נאָך געשאָקלט.

— איך געדענקט יענעם יאָר. די אויסגעלאָסענע יאָזעפינע האָט אויס־געטראַכט, אז זי האָט געזען, יענע נאַכט דעם פעלדשערס ווייבל מיט אירע צעלאָזטע, גאָלדענע האָר, ארויסשפּרינגען פון גלחס פענסטער.

— איבער דער זינדיקער איז אַ זעלטן גוט גערעטעניש פאַרברענט גע־וואָרן אויף די פעלדער. אלע האָבן געהונגערט יענעם ווינטער.

פון זייערע רייד איז סאָשע אזש אונטערגעשפּרונגען:

— אין אַ וואַסער יאַרהונדערט רויכערט די דאָזיקע פינסטערנישׂ?!

סאָשע האָט לאַנג גערעדט צו די פּויערים מיט די אָנגעשטעלטע מויל און אויערן.

אויך רחל און סאַרע האָבן זיך צוגעהערט, ווי מוואָלט פאַר זיי געלייענט אַן אומגעוויינלעך בוך.

קאפיטל אכצן

עסטרייכער זענען אריין צו זיי אין שטעטל. פארנומען די שענסטע צימערן, געפאדערט מזאל זיי צושטעלן פונם בעסטן. אנגעקלעפט באפעלן: „יעדן טאג זאלן די גאסן ווערן געקערט און באשפריצט״.

פארנאכט פלעג זייער קאמענדאנט זיך ארויסלאזן מיט א ביקס צו שיסן הינט אין די גאסן. אזוי וויל ער, און טו אים עפעס.

אז עמיצער האט א פיפס געטאן: „ער גייט״... — זענען די גאסן, שוין ליידיק געווארן. אפילו הינט פלעגן אים דערשפירן און לויפן זיך באהאלטן.

פרייטיק, פון פארטאג אן האט די זון שטארק געבאקן. מיידלעך, ווייבער, קינדער, יונגערע און עלטערע אידן — אלע האבן זיך שוין גענומען אויסקערן דעם דרויסן. ווער סהאט געקרעכצט, ווער געלאכט, אבער מאיז יעדעס מאל ארויס פון אן אנדער טיר מיט א טשאיניק, אן עמער, א טאפ וואסער און באשפריצט די גאסן.

פארנאכט האט געשמעקט דער דרויסן מיט שבתדיקער, ווארימער רייניקייט. פלוצים האבן זיך מענטשן ווי צעשראקענע שאטנס, א לאז געטאן צו דער ערשטער נאענטער שטוב. ליידיק און שטיל איז געווארן...

ס׳האט זיך דערהערט א קנאל פון א ביקס. א הונט האט זיך שטארק צעוואיעט. ס׳האבן געקלאפט די שפארן פון רוצח. מיט אים איז אנגעקומען א שטורם. א גיכער ווינט האט א דריי געטאן זיינע פאלעס, אוועק אויף א גאניק, א ריס געטן פון דארט א שטיקל פאפיר און עס אונטערגעווארפן מאטלן־דעם־פרעסער״.

דער קאמענדאנט־היצל האט זיך א לאז געטאן צו מאטלס הויז מיט אזא רציחה — גלייך אן אומגעהארכזאמע ראטע סאלדאטן וואלטן זיך דארט צעבונטעוועט. ער האט א רעווע געטאן: דער „איד״ זאל ארויסקומען!

ער האט געכאפט דעם מת־געלן מאטלען ביים אויער און מיט אן אייזערנער גבורה אים א שליידער געטאן צום סלופ: ער זאל אויספילן דעם באפעל!

עפעס ווי די הימלען וואלט עס פארדראסן, סהאט א בליץ און א דונער געטאן. א גאס־רעגן האט געוואשן דעם געחלשטן מאטלען.

מהאט זיך געקילט די הערצער: דער מנול איז געלאפן בייז אין דעם גרויסן שלאג״.

די אפהענגיקייט פון יעדן אויסוואורף, וואס שטייט ביי דער מאכט — האט נאך מער צעגליט רחלס באגער נאך וויסן.

— — —

סהאבן גערוישט פעדער.. רחל איז שוין אין אדעס. זי איילט מיט די פרימארגנס צו קענטנישן. אומעטיקע בילדער טרייבן איר פרייד; אין זייער שטעטל פארגיסט איר מוטער טאלן מיט זארג, פארדראס, איבער איר טאכטערס וועלן אביסל ארויסדראפן זיך אויף א גלייכן וועג.

דערפאר א גרויסע טרייסט: סאשע! ער קומט אפט. אן אנטיטעזע — ער איז אי א תפיסה פאר זיין ליד, וואס רייסט זיך אין אים צו דער פרייהייט און איינציייטיק דער קנעכט פון זיין ליד — עס זאל זיך וואס גיכער באפרייען. אביסל שוין צו איילנדיק. א גליק וואס ווען עס האנדלט זיך וועגן זיין שאפן — הערט ער אויס, די שארפסטע קריטיק, מיטן גרעסטן געדולד און אינטערעס.

רחלס אויגן א ליכטיקער, ברייטער פרימארגן: זי האט שוין א פאר מאל פעסטגעשטעלט, — זי איז געווארן עגאאיסטיש, פון זיינע לידער געדענקט זי איבערהויפט דעם הימן צום פריזומער בליאונג — ווען זיי האבן פארבראכט צוזאמען אין דארף. זיי זענען ביידע שיכור מיט יענע וויכע, שמעקנדיקע ווינט־לעד. ווער ווייס, צי איר חוצפהדיק־צאפלדיקע פרייד וועט לאנג אויסהאלטן אונ־טערן „קילן־מאנטעלע"?

זי האט דערהערט זיסקינדן זי רופן: ער איז שטארק צעטראגן. ער גיט אוועק זיין גאנצן איך דעם נישטערן, ווי אזוי פון דער גאנצער מענטשהייט איבערשאפן מענטשן.

זי האט סאשעס אין איין פרעגן „וועסט זיין מיינע?" צארט איינגע־דעקט מיט א לויטערער צוקונפט. אירע ליפן, וואס בעטן זיך קושן, האבן מיט א ציטער געשמייכלט: „ממוז זיך באהערשן".

סאשע האט זיך געאיילט צו זיין רחלן: איז זי זיינע? עס נאגט, רייסט, מאנט... ער איז דער אומגליקלעכסטער. רחל גופא — א גרויסער חסרון. כאטש זי באצויבערט אזוי פיל בחורים — דאך זענען אירע געפילן ווי פארפרורין. אין איר גרעסטער נאענטקייט איז זי נישט מער ווי א ליבע שוועסטער. — ער ווערט פארברענט פון באגער צו זיין אויסדערוויילט מיידל. וועגן איר טרוימט ער מיט די שענסטע אילוזיעס, זי דארף אים נאר פארשטיין.

אט איז אים אריין א געדאנק: יא, מדארף עס דורכפירן! ער וועט איר ברענגען זיין ביכל וועגן געשלעכט. — זאל זי געוואוירע ווערן וועגן מאן־און־פרוי לעבן.

סאַשע האָט רחלן אַ גיב געטאָן אַ ביכל:

— ווייז עס ניט דיין חברטע, לייען עס פאַרזיך.

אַ פרייד האָט זי ארומגענומען: אַ סוד צווישן איר מיט איר סאַשען! אפשר אַ סורפריז — זיינע נייע לידער.

זי איז אוועק כלומרשט נאָך אַ טרונק. פון הויבן אויפן אייבנבונד: „אָנאַ־ניזם״. מגייט... זי וועט אויסגעפינען די טייטש פון דעם וואָרט אין איר ווער־טער־בוך. גוסטאַוו האָט אים איר געשענקט. איר ערשטער אַדעסער באַקאַנטער. ליבער מענטש, מהאָט זיי געטריבן פון פוילען און ער אנשטאָט מיטכאַפּן עסן — האָט זיך געריסן דאָס געזונט מיט אַ זאַק ביכער. ער האָט זי אריינגעפירט אין אַ גייסטרייכער געזעלשאַפט. עס האָט זיך דערקייטלט ביז איר סאַשען....

זי האָט קוים דערוואַרט צו כאַפּן דעם ווערטער־בוך. זי ציט מיט די אקסלען. זי האָט ארויסגעכאַפּט דאָס ביכל. אַ לייען געטאָן דעם אנפאַנג... נאָך אַ פּאָר זייטלעך... ביי דער ענדע... עס שווידערט מיט איר גאַנצן וועזן: — סאיז גאָר וועגן אבנאָרמאַלע געשלעכטס באַפרידיקונגען, אויפרעגונגען. עס גלויבט זיך איר נישט! סאַשע האָט עס ניט געמיינט איר צו געבן לעזן. ער האָט געוויס געמאַכט אַ טעות.

איר הארץ האָט שטאַרק צונויפגעקלעמט: ער האָט איר אנגעזאָגט עס קיינעם ניט צו ווייזן. נאָר איר האָט ער צוגעטיילט די מציה! וואולגאַר, פּע! זי פאַרשטייט ניט אַלץ, וואָס סשרייבט זיך דאָרטן. זי דאַרף עס ניט וויסן! זי האָט ניט געקענט איינהאַלטן די טרערן.

ליזאַ, וועלכע האָט געוואוינט מיט רחלן אין איין צימער, איז אַריינ־געקומען פון קיך:

— שוין אין בעט? דו, איידער דו האָסט זיך ארומגעוואַשן?

רחל האָט צווישן די ציין אויף אַ ניט פריינטלעכן אופן עפּעס ניט קלאָרעס אפגעזאָגט און נאָך בייזער פאַרענדיקט:

— ניט תמיד איז ריין צו זיין אַ מעלה!

די חברטע האָט אַ זאָג געטאָן: „וואָס ביסטו, מיידעלע ברוגז?... דער־זען אַז רחל איז אין אַ שלעכטער שטימונג, האָט זי אויסגעדרייט די עלעקטריק און אויך אריין אין בעט.

— — —

אין קרייז פון די יונגע ליטעראַטן האָט מען אַרומגערעדט: אַז אפילו אין דער בעסערער ליטעראַטור, פון די וועלט באַרימטע שרייבער, איז אויך פאַראַן אַ היבש ביסל שונד. ווי קאָמפּליצירט ס׳איז דאָס דערגרונטעוועז זיך צו דעם, וואָס טיילט אָפּ בעסערע ליטעראַטור פון שונד. מוואָלט געדאַרפט פאַרבאָטן דרוקן די ווערק, וואָס פאַרטעמפּן די מוחות.

רחל האָט געשלונגען זייערע ווערטער, יעדעס מיינונג האָט זי געריגט. זי האָט געזוכט צווישן די אַנוועזנדיקע סאַשען: ער וואָלט נויטיק געדאַרפט הערן וועגן דער שעדלעכקייט פון ערגערע אַנטישער ליטעראַטור.

אַן אויפגערעגטע איז זי אַריין צו זיך אין צימער. מיט קינדערשע, דער־שראָקענע אויגן געקוקט צום פענסטער: אויב ער זוכט, אויפריכטיק, צו ברענ־גען נוצן דער געזעלשאַפט מוז ער דאָס ערשטע באַקעמפן אין זיך זיין אייגן פאַרקריפּלטקייט.

צווייפלונג האָט זי באַהערשט: האָט זי בכלל אַ רעכט צו אַריינרייסן זיך אין זיין פּריוואַטן לעבן? פון דער רגע, וואָס זי האָט אים דערזען — מאַ־טערט זי אַ בענקשאַפט ווי אַ קללה. איראָניע איז זיין געלעכטער, פון אַלץ רופט ער זיך אָפּ מיט שפּאָט. אין בעסטן פאַל מיט גלייכגילטיקייט. אַ שווערער מענטש, אָבער ניט די חסרונות שטעלן זי אָפּ.

אפשר איז גאָר די חשיבות פונם מענטשלעכן קערפּער אַן איינגערעדטע מאָראַל?

ס׳האָט געשווידערט מיט איר: זי טראַכט צו דאָס ערגסטע, אָבי סאַשען צו פאַרענטפערן. סאָציאַלער פליכט דאַרף פאַרהיטן פון אַזאַ פאַרשווערונג.

סאַשע איז אַריינגעקומען:

— האָסט איבערגעלייענט דאָס גאַנצע ביכל?

זי האָט עס אים אַנטקעגן געוואָרפן:

— ברענג מיר מער ניט אַזאַ מציאה!

מיט צערייצטן צאָרן האָט ער אַ ברום געטאָן!

— געגנוג באַנאַליטעט! און אַן אַ ווייטערדיק וואָרט איז ער אַוועק.

כעס האָט צעוויקט איר האַרץ ווי פון קלעטערן אַ שווערן באַרג־אַרויף. זי האָט געפילט עפּעס האָט אין איר אַ צוק געטאָן! אָט וועט עס פּלאַצן! — ער האָט גאָר אויף איר אַ קוק געטאָן ווי אויף אַ געמיינער זאַך. און אַוועק, ווי אַ פאַרעקשנטער סוד, מיט צעקרימטע ליפּן. ס׳איז שווער צו זאָגן, צי זיי האָבן זיך געקריגט פון וועלן לאַכן, צי וויינען....

זי האָט לאַנג געמאַסטן, געוואויגן, געבויגן דאָס וואָרט „באַנאַליטעט״...

קאַפּיטל נײַנצן

מיט שאַצן האָט זיך רחל געקענט נאָך פון פאַרצווײ־יאָרן: אַ װאױלער בחור. פון זײַן געבוירן אַן לעבט ער מיט זײַנע עלטערן אין אָדעס, אָבער ליב האָט ער דאָס דאָרף, די קלײנע שטעטלעך. עס ציט אים צו דער פרײַער נאַטור. —זײַן געפיל האָט זיך אױסגעפֿורעמט אין „אַן אידעאַלער־בענקשאַפט צום לאַנד פון די אבות". צו דער „פאַרװאָגלטער ערד."

דאָס הײַנטיקע לערניאָר האָט רחל גֶעדונגען איר צימער אויף דער פּושקינסקי גאַס. פּונק בײַם ראָג פון דער יעװרײסקאַיאַ, װאו שאַץ װאױנט. עס איז געװאָרן זײַן געװאױנהײט, אַ פּאָר מאָל דורך דער װאָך, זאָל ער זיך אַרײַנכאַפּן פאַר עטלעכע מינוט, קײנמאָל זיך ניט אָװעקזעצן: ער אײַלט צו אַ לעקציע, אַ פאַרזאַמלונג, פאַרקױפן שקלים.

אַלע האָבן אים געקענט: אַן אַקטיװער אַנפירער בײַ די פּועלי־ציון.

דינה האָט געשפּאַסט און אים געמוסרט:

— איר עסט פאַרזאַמלונגען אַנשטאָט ברױט — דערפאַר זענט איר אַזױ אױסגעדאַרט, קױם װאָס אײַער דורכזיכטיקע הױט האַלט אײַך צונױף פון צעפאַלן זיך.

אָבער שאַצס מוטיקער ענטפער איז:

— רחל און איר, פירט אײַך איבער אױפן אַגראָנאָמישן פאַקולטעט. לאָמיר אַלע אײנאײנעם קומען צוגעגרײטע! מירן פאַרװאַנדלען אונזער װיסט לאַנד אין אַ בליענדיקן װינקל! אהין װעלן מיר רופן אונזערע ברידער און שװעסטער פון גלות!

דינה האָט ניט געקענט פאַרטראָגן זײַן שטאַרקע האָפנונג, זײַן גלױבן... אין איר האָט געגליװערט דער חלום און דאָס בלוט פון איר טויטן חתן.

רחל זעט: דינה איז געװאָרן בלײַך װי אַ מת: װי אַ סאָמנאַמבוליסטין האָט זי פאַרלאָזט דאָס צימער. װען דינהן באַהערשט איר טרױעריקע שטימונג — איז קען זי אפילו דעם נאָענטסטן ניט פאַרלײדן. — דעם „נאָענטסטן" האָט די מלחמה בײַ איר אַװעקגענומען.

שאַץ האָט גאָרניט באַמערקט: ער דאַרף פאַרשפּרײטן דעם נאַציאָנאַלן געדאַנק, אין װעלכן יעדער אידס חוב איז צו נעמען אַן אַנטײל.

— אַלע דאַרפן לערנען העברעאיש, דאַרפן....

רחל האָט אים איבערגעשלאָגן די רײד.

— מײַן ברודער זאָגט: „װען יעדער נאַציע זאָל חוץ זײער אײגענער שפּראַך, אױך לערנען עספּעראַנטאָ, װאָלט דורך דעם זײער אײגענע קולטור

דערגרעכט אַ הויכע מדרגה, אי סוואלט זיך געשאפן אַן אינטערנאַציאָנאַלע קולטור פון אלע נאַציאָנאַלע קולטורן". אבער איך גלויב אין געמיינזאַמער ליבע, ווייל כהאב מורא, אַז נאַציאָנאַליזם וועט זיין אַן אייביקע שטערונג אין פעלקער פריינטשאַפט.

פון רחלס רייד איז שאַץ ווי מיט אמאל אפגעשטורמט געוואָרן, און מיט אַן איינגעהאלטענעם בייזער איז ער אַוועק.

איצט האָט אים רחל נאָך מער חשוב געהאַלטן: אַן ערלעכע נאַטור. עס טוט אים גרינדלעך וויי — ווען אַ אידישער מענטש איז ניט בלב ונפש איבער־געגעבן דעם ציוניזם. די ברוסט אריינגעבראָכן, מפאַרדעכטיקט אזש אַ האַרב אויף די דארע פּלייצעס. זיין מאט־גרין פּנים חשבונט שטענדיק, אָבער זיינע אויגן בליאסקען, ווי דאָס גרויסע געווינס וואָלט שוין געווען אין קעשענע.

סהאָט זיך דערהערט אַ שטילער קלונג.

ווער איז?!

איך, שאַץ.

וואָס האָט ער פאַרגעסן? ער שמייכלט ווי פאַרשולדיקט.

— כבין אייך געקומען איינלאַדן, כאַטש פאַר אַ גאַסט, צו אַ שמחהלע אין אונזער לאָקאַל.

א פּופּציק בחורים און מיידלעך זענען געזעסן ארום גע־דעקטע טישן. א יומטובדיקייט, ווי פון ביבלישע צייטן, האָט ארויסגעשטראַלט פון אַלעמענס פּנימער.

מ'האָט זיך א לאָז געטאָן צו שאַצן. ס'שפּאַרט פון זיי מיט צענדליקער ענינים צו איבערגעבן אים.

איינער האָט רחלן, פאַרביסן, אַ פרעג געטאָן:

— „וואָס מאַכט עפּעס אייער בונדיסט זיסקינד?" און אויפן ארט האָט שנאה, ווי אַ שפּאַליר־ווענטל, זיך אוועקגעשטעלט צווישן זיי און איר.

אַ מאָן אין די הויך־פּערציקער האָט גערעדט.

רחל איז טרויעריק געוואָרן: די פרייד טוקט זיך דאָ אין אומעט. אַט גלאַנצן אויף זייערע אויגן, און אַט ווערן זיי מיט אַמאל טונקל. — א קעלט נעמט ארום.

א מיידל האָט זיך אויפגעשטעלט באַגריסן.

רחל האָט אריינגעקוקט אין זיך: עס דערמאָנט איר דאָס הייליק־קינדיש געפּיל בעת איר מומע ענים זאָגן „גאָט פון אַברהם".. ביי אַלע באַוועגן זיך די ליפּן, ווי זיי וואָלטן פרום געשעפּטשעט: „אַ מזלדיקע, גליקלעכע וואָך פאַר כל ישראל"...

שאַץ האָט געערדט: זיין צונג האָט אוועקגעקאָסעט די פאַרצווייפלונגען — ווי ווילד גראָז, ווי צעאַקערט, פאַרזייט און אָנגעפילט מיט אַ פרישער האָפֿנונג אַלעמענס הערצער... אַ נײַ לעבן האָט זיך געשניטן, געבונדן און אויפֿגעשטעלט זיך אין גאָלדענע סנאָפּעס... די גליקזעליקייט פון זיין פּנים האָט זיך צעזוניקט איבער דער יוגנט.

דער נאָמען „באַלפור" האָט ליבלעך געשוועבט איבער אַלעמענס קעפּ... פון לענדער און אַלע עקן וועלט האָט מען פאַר אים, אויף געהויקערטע פּלייצעס, צונויפגעטראָגן נאַציאָנאַלע אָנערקענונג און די דאַנקבאַרקייט פון אַ גערוידיפּט פאָלק.

מהאָט פריילעך פאַרצויגן אַ ליד — אַ לויב צו האַרבסטיקער־רייפקייט, אָבער דאָס זינגען האָט זיך איבערגעריסן, ווי געדאַנק און געפיל וואָלטן זיך פּלוצים בלוטיק צונויפגעשלאָגן און פאַרשטערט די שמחה.

רחל האָט זיך דערמאָנט אין די מאַלצייטן, וואָס די גוים פּראַווען נאָך אַ לויה: ווי יענע עסן! טרינקען! לאַכן! אַ פּוסט אָבערגלויבן — אַז זיי זענען משמח די נשמה פונם פאַרשטאָרבענעם, איידער זי פליט אַרויף אין הימל, — איז שוין געװען פאַר זיי צו זיין אַזוי פריילעך. און פאַר דער אידישער יוגנט איז אַ באַלפור דעקלאַראַציע מיט צענדליקער אַנדערע גליקן — נאָך אַלץ אַ זאָרג מיט אַ מורא....

— — —

די לבנה מיט די שטערן האָבן פאַרליכטיקט הימל און ערד.

שאַץ האָט מיט אַ ווייך קול געבעטן רחלן אַרונטערגיין צום ים. ער האָט זי איבערגעפרעגט וועגן שמחהלע און פיל געערדט פון „בויען אונזער לאַנד". פּלוצים איז זיין שטימע וואַרעמער געוואָרן:

— כהאָב יענע נאַכט געחלומט אַז מירביידע גייען אין טיפן זאַמד. אויף שטיינער זענען געוואַקסן שווערע זאַנגען. איך האָב פאַר אייך געריסן בלומען, זיי זענען פון מיינע הענט אַרויסגעשפּרונגען צו אייך.

רחל האָט זיך האַרציק צעלאַכט:

— כהאָב גאָרנישט געוואוסט, אַז איר זענט אַזאַ קאָמיקער, איר דערציילט אַזוי פיין, שפּאַנענדיק.

שאַץ האָט זיך צוגעבויגן:

— איך חלום שוין צוויי יאָר וועגן אייך.

איר פאַרוואונדערונג איז גרויס:

— איר זענט תמיד אזא ערנסטער, שטענדיק פאַרטראַגן מיט אייערע פאַרזאַמלונגען. — איך קען מיר גארניט פארשטעלן אייך און מיידלעך.

— ניט מיידלעך, אייך איינע. מיר ציוניסטן האבן באַשטימט צו נעמען פון לעבן — אלץ וואָס איז שיין, אפילו ליבע.

— — —

מיט שווערע טריט איז רחל ארויפגעגאַנגען צו איר קווארטיר. דאָס סקריפּען פון די זיך שאַקלנדיקע טרעפּ — איז געוואָרן א שאָרשען פון צו־טריקנטע בלעטער אין וואַלד. אַ סאווע רייצט זיך, חוזקט פון איר: „אור־היק, אור־היק, ביסט אַ העלדן פון אַ שונד־ראָמאַן. דריי פערטל פון דיינע בעסטע באַ־קאַנטע האבן דיך פלוצים איבעררַאַשט מיט ענלעכע דערקלערונגען. אור־היק, אור־היק; און דיך שונד־העלדן, ציט גראַד צו דעם וואָס לאַכט פון זיין פּיין.

אין איר צימער, פון גרויסן שאַפע־שפּיגל איז איר אַנטקעגן געקומען א סילועט פון אַ צוטראַגן מיידל.

רחל האט זי באַטראַכט: איר מאַמע זאָגט — „אַט ברעכסטו זיך אי־בער". אַ פלאַכע אינגלשע ברוסט, — אַזא פאַרברענטער אידעאַליסט שאַץ דאַרף דאָך זי פיינט האבן. זעען זיי דען ניט, אַז זי איז ווייט פון אַ שיינער.

קאפיטל צוואנציק

מאיז ארומגעגאנגען ווי אין א תהום. יעדע שעה א רעטעניש — וועלכע מאַכט וועט זיגן ? . . .

סאַשע האַט געפילט ווי אין אַ קרענק: זיין פּעז איז זיין געווער, נאר זיין מאַרך טרוקנט איין. דער קלאָרער געדאַנק האַט זיך אפגעטאָן פון אים.

אַ פאַרשעמטקייט האַט געדריקט: ער איז עפּעס שולדיק דעם איצטיקן לעבנס־גאַנג, נאר ער קען זיך קיין עצה ניט געבן. דאָס ליד וואָס ער שרייבט אַן — צערייסט ער, — עס באַפרידיקט אים ניט. מדאַרף האָבן די ווייטזע־ערישקייט פון אַ גאון. — דאָס נוקמט זיך אין אים די פּוסטקייט — מיט וועל־כער ער האַט אַזוי אפט אפגעטיילט אין זיך דעם קינסטלער פונם טאָג־טעגלעכן איך. — די באַווירקונג פון רחלס איידעלער חשיבות וואָלט געמאַכט מייסטעריש זיין ליד, ער וואָלט ארויסגעבראַכט דייטלעך יעדע וויברירנדיקע אינספּיראַציע.

ער האַט איר אָוועקגעשריבן:

„אַן דיר, די כלו רוחניות, וועל איך אונטערגיין. כקען קיין איינציקע־ריכטיקע שורה ניט שאַפן. נאר דיין ליבע קען מיר העלפן דערגרייכן קלאָרקייט. מיין פּעז וועט צערייסן אַלע טונקלקייטן, אַלע מיאוסקייטן.

טרערן האָבן פאַרנעפּלט רחלס אויגן: זי וועט לויפן צו אים.

ווי א מייזל האַט עפּעס זיך צוגריזשעט: סאַשע איז אַ ראָמאַנטיקער. דו, רחל, ביסט איצט דאָס איבערנאַטירלעכע, דאָס כימערישע פון זיין רייכער פאַנטאַזיע. אַזאַ שטימונג לעבט ניט לאַנג, עס וועט דיך בלויז אפשטויסן פון דיין דאָקטער־ברעג, די צייט איז אַזאַ פאַרוואָונדעטע, אַזויפיל ווייי.

מיט אַמאָל האָבן אירע טרויעריקע אויגן אויפגעלעמלט מיט אַזאַ לויטער ליכט: אט דאָס איז די פאַרשידנקייט צווישן איר און סאַשען... אָבער איצט וויל זי, באַגלייך מיט אים, נעמען פון לעבן „היינט״. ווער ווייס וועמענס דער מאָרגן וועט זיין. דינה איז לעצטנס אַ שאָטן געוואָרן — דאָס האַרץ ווערט ממש צעריסן : . . .

סאיז סאַשעס קלונג !

רחל האַט אים דערלאַנגט ביידע הענט, גליקלעכע כוואַליעס האָבן זי אויפגעהויבן אויף די שפּיץ פינגער, זי האַט געקושט זיין צוקאַרבטן שטערן.

זי האַט זיך איבערגעגעבן דעם זיסן גענוס פון גלויבן אים. איר האַלז האַט מיט גרויס פרייד זיך נאָכגעגעבן זיינע גלעטן.

— — —

אַז אדעסער ווינטערדיקער בייטאג. די גאַסן טרוקן. די זון שיינט מיט אַסך חנען. מפאַרגעסט די קריג־צייט.

ווי דאס פעסטע, מונטערע פרעסטל איז סאַשע צו, אין גאַס, צו רחלן און הייס־גליענדיק געבעטן קומען היינט אַוונט צו אים אויף זיין קוואַרטיר.

—כהאב זיך צופעליק געטראָפן מיט מיין פאטערס אַ פריינט, אויך זייער אַ קלוגער מענטש. ער איז שטאַרק פאַראינטערעסירט דיך צו קענען.

רחלס נעזל האט זיך פאַרשפּיצט.

— וואס האסטו אים אַזוינס געזאָגט וועגן מיר ?

— אַ מיידל מיינס ! כהאב אים דערציילט וויפל מאל, ניט ווילנדיק, איך קום זיך בעטן ביי דיר, — האט הער שאַרפּ׳ס געלעכטער זיך אָוועקגע־קאַטשעט ביז דיר און ער האט זיך געלאָזט אים נאכלויפן: „איך וויל רעדן מיט איר״. —

—כהאב אים געמוזט צוזאגן, אַז דו וועסט זיין ביי מיר צווישן אַכט און ניין.״

אין אָוונט האט רחל גיך געשפּאַנט. זי האט געפילט אַזוי גרינג.

סאַשע האט אַראָפּגעכאַפּט פון איר דעם פּאַלטאָ. סהאט אַ בלאַנק גע־טאָן אַ ווייס באַטיסטענע בלוזקע, וואס האט זיך דין געפּאַלדעוועט אין אַ שוואַרץ־זיידן קליידל.

אַ רחל ! . . . האט סאַשע זיך צעטאַנצט ווי אַ נאַאיוו אינגל. איך האב אים טאַקע געזאָגט, אַז צייטנווייז ביסטו אַ זעלטענע, אַ שיינהייט! און שטענדיק אַ באַשיידענער ניגון.

ער האט זי אַרומגענומען:

— רחלע, דו ביסט צויבער, דו ביסט פּיבער. און פּלוצים צוגעפּאַלן צו איר ווי אַ שכור, ער האט שווער געאָטעמט, זיינע הענט אומגעווענלעך קלעפּעדיק ארום איר דינעם קערפּער. אין זיינע ליפּן קרימט זיך: „ווער מיין ווייב״.

זי האט זיך קוים אַרויסגעריסן פון אים. סהאבן טויזנטער ווייטיקן גע־שריען: וואס פאַר אַ העסלעכער פייער ברענט אין זיינע אויגן !

זי האט זיך געלאָזט צו דער טיר !

סאַשע מיט אַ פאַרחלשט קול:

— דו וועסט ניט אַוועקגען — אט קומט מיין פאטערס פריינט.

דער הער שאַרף האט שוין געעפנט די טיר, אבער זיינע אויגן זענען נאך געלאפן איבער די שירות פון דער צייטונג אין זיין האַנט.

זיין קאפּ איז ווייס־גרוי, נאר דאס קול: יונג, אַנגענעם, פול מיט אי־בערצייגונגען — כאטש ער אַליין איז פול מיט צווייפלען.

מלחמה איז אַ פיינלעך צרעת אויף דער נשמה. שלום איז אַ רפואה, וועלכע מדאַרף וויסן ווען איינצונעמען . . . רעוואלוציע איז דער אַראפּגע־קומענער גרויסער דאקטאר, אבער ווער ווייס, צי ער וועט אויסהיילן ?

— הער שאַרף האט געקוקט צו רחלן:

— מווערט עגאָאיסטיש, סוויל זיך אַנטשלאפן ווערן און אויפוואַכן ווען סוועט שוין ווערן א פאַרבעסערטע מענטשהייט. דאָס רעדט זיך אזוי, אין אמתן איז איצט ניט קיין צייט אפילו פאַר איין דרימל אין דעם וויכטיקן, היסטאָרישן פעריאָד.

די אַנשטרענגונג צוריקצוהאַלטן איר פיין האט מאַדנע אויסגעצויגן רחלס פנים. זי האט געשטויסן איר צונג: — רעד ! צוליב העפלעכקייט שווייג ניט.

נאר די אומרו איז געלאפן אין איר האַרץ צום קאפּ, אין די פיס, אין רוקן, — עס האט געמאַכט שווער אַלע גלידער.

דער גאַסט בעט סאַשען לייענען זיינע לידער. ער קוויקט זיך, ווי ער וואלט געטרונקען פון אַ לויטערן קוואַל:

—סאיז גוט ! מייסטעריש !

שטיל איז געווארן רחלס ווייטיק: אַזעלכער דאַרף טאַקע זיין סאַשעס פּאַטערס פריינט. זי האט געזאגט סאַשען, וואס נאך פאַר אַ ליד ער זאָל אי־בערלייענען.

הער שאַרף האט עס געליבט ווייך אין אירע אויגן אַריין.

זיי זענען אים געגאַנגען באַגלייטן. אַ שיינע נאַכט. די שטערן מיטן איינעם אויג קוקן אויף רחלן מיט סאַשען און סודן זיך מיטן הער שאַרף. זיינע ליפּן חזרן עס איבער:

— דער פרילינג — אפילו מיט זיינע רעגנס און ווינטן — איז שענער פון אַלע צייטן.

סאַשע מיט רחלן האבן נאך פריער פאַרשטאַנען, אַז ער איז אַ מבין אויף זייער אנגעצויגענער שטימונג. ער זאגט עס ניט דירעקט, ער איז גענוג אינטעליגענט צו וויסן, אַז סאיז אַוועק יענע יארן, ווען אַן עלטערער האט

געהאַט מער דערפאַרונגען. מווערט אַצינד אַלט ניט מיט יאָרן, נאָר פון אי־בערלעבונגען. און וועמענס נערוון זענען נאָך אַזוי געשפּאַנט, ווי די נערוון פון דער היינטיקער יוגנט.

— — —

דער גאַסט איז אפּגעפאָרן. אַ וואָלקן האָט פאַרשטעלט די לבנה. האַרט איז סאַשעס בליק. זיינע באַליידיקטע מאַנסבילשע געפילן — צערייצטע הינט: וואָס איז ער, אַ געשוואוירענער מאַנאַד? און וואָס טראַכט זי זיך? — זי איז גאָטס מאַמע!...

רחל האט שטיל געשפּאַנט ביי זיין זייט. אַרום איר מויל אַ פאַרבאָר־גענער זיג; ער וואָלט שוין געדאַרפט זיין אַן איבערגעזעטיקטער . . . היינ־טיקער אָוונט האָט געקענט ווערן פאַטאַל. — ער אַליין וואָלט זי נאָכדעם גע־האַסט. זי האָט אים משוגענערווייז ליב.

זיי זענען אַריינגעקומען אין איר צימער;

—סאַשע, זאגסט, דו ווילסט שוין זיין אַנדערש און דאָך טראַכסטו אפילו ניט צו צוימען זיך. פאַרגעס ניט, אַז מיר לערנען נאָך ביידע. (טרערן האָבן געשטיקט איר שטים).

סאַשעס איין זייט מויל שמייכלט גיפטיק. אַט שפּרינגט דער שמייכל — אַ בייזער אויפגערעגטער טאָן איז ער געוואָרן:

— איך קען דיר זאָגן איין זאַך! ווי ציוויליזירט די וועלט זאָל ניט ווערן. —וועט דאָך אייביק בלייבן: „איך בין אַ מענטש און אַלץ, וואָס איז מענטשלעך איז מיר ניט פרעמד". — אָ! ניט איך! — ווען אַנערקענען דיין אויסגעצירטע „מומיע".

—אויב אונזער ציוויליזאַציע און קולטור האָט נאָך ווייניק דערגרערכט, איז טאָקע דער חוב פון אונזערע וואָרט פירער און קינסטלער צו דערהייבן דאָס נאַטירלעכע צו אַ זיטלעכער מדרגה.

סאַשע האָט אַ כאַפּ געטאָן איר האַנט:

— מיין זילבערן רינגל, מיט די צוויי שלענגלדיקע־קעפּ, רעדן דיך אָן זייער פאַנאַטיש, אויך דיין רינגל ווירקט אויף מיר שלעכט: ער האָט געביטן די רינגלעך און מיט אַנטשלאָסענע טריט אַוועק.

זי האָט געגעבן אַ לעש אויס דאָס ליכט! איר כעס האָט געברענט! אָבער איר פאַרליבקייט איז נאָכגעלאָפן. אַ געבעט: פּאַעטן ווערן געפּירט מער פון געפילן, ווי פון שכל — ווי אַזוי זשע קען ער טרעטן דאָס עטישע? פאַראַ־טעסטירט עס דען ניט אין אים קעגן געמיינע האַנדלונגען?

זעלבסטהאַס האָט זיך געוואָרפן אויף איר: זי אַליין איז אינגאַנצן שול־דיק! קיינמאָל זאָגט זי ניט אַרויס, ווי עס דאַרף צו זיין, אירע געדאַנקען. — סאיז טאַקע שווער צו רעדן וועגן אַזאַ ענין...

עס שפּאַנט אין רחלס זכרון אַ יונגער בחור, ער גייט אַריין אין טויער מיט דער זעלבער זונה, וועלכער איז פריער נאָכגעגאַנגען אַן אַלטער, לאַנגע צעבאַרשטלטע ברעמען איבער זיינע פאַרקיסנטע אויגן; אַ בלוי־געשוואָלענער נאָז: אַ צעפּוילטער פּיען... יאָ, דאָס איז ער; אַן אומהיילבאַרער סיפיליק! בר־ר־ר! ער וועט אַנשטעקן די גאַנצע וועלט...

אויף דער וואַנט האָט אַ ברייט שטיק זילבערנע שיין, ווי געראַנגלט זיך מיט שוואַרצע שאָטנס.

רחל האָט מיט דער האַנט אַ טרייב געטאָן די אַרומיקע שאָטנס און ערנסט־צאַרנדיק געוואָרן: אָט האָט איר פאַנטאַזיע, חלום — אַז סאַשעס פּאָעזיע וועט פאַרטייביקן די גרויסע רעוואָלוציע געשעעניש — זי אַנגעפילט מיט שוועסטערישן־אַרומנעם צו דער גאַנצער וועלט, אָבער די בייזע שאָטנס זענען אַזוי מעכטיק, שוואַרץ.

— — —

מרה־שחורהדיק איז סאַשע געזעסן ביי זיין טיש: אויס מיט דער האָפ־נונג אויף זייער האַרמאָנירן. — די פּען רירט זיך ניט פון אָרט! — סאיז ניט דאָס קינסטלערישע, דאָס גייסטיקע, וואָס ציט אים צו רחלן, דאָס טרייבערט אים זיין אויסגעלאַסנקייט, זיין משוגענער דראַנג צו דעם וואָס איז פאַרבאָטן.

סאַשע האָט געקענט, טעגוויז, זיין בכלל ניט צופרידן. אָבער לאַנג בלייבן ביי זיך אומגערעכט איז ניט אין זיין נאַטור. ער האָט זיך געטרייסט: דער קינסטלער פאַרליבט זיך אין דער שיינקייט, אין דער צניעות און אין דעם אויסטערלישן ביז דעם פאַרשטאַנד צו פאַרלירן.

ער האָט זיך אויסגעצויגן אויפן בעט און זיך איבערגעגעבן זיין אומרו: זינדיקע לוסט. פאַרפירעריש־פרומע גלידער, האָבן ווי אין אַ מיל זיך געמאָלן אין זיין צערייצט בלוט.

פּלוצים האָט ער זיך געטאָן אַ שטעל אויף, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך זיין

סטודענטישע טוזשורקע, אַנגעטאָן דעם פּידזשאַק, וואָס ער האָט נאָך געבראַכט פון אַמעריקע און אַוועק אויף דער „מאַלדאַוואַנקע"...

אַ זונה, מיט אַ פּנים פון אַ צושראַקענער קו, האָט געכי־כיקעט פון סאַשעס אומפאַרשטענדלעכע רייד:

— איך, דער פּרוש, וועל דיין פרעמד לייב דערהויבן פון דער בלאָטיקער ערד — צו גאָט... אַ מאָדאַנע וועסטו ווערן. גיפּט פאַר די לעסטערער פון דער־קענטעניש... פאַרשטייסט! — ביז פריער בין איך געווען אַ קנעכט צו דער שיינקייט פון פשטות, ווי די קלאַסיקער, בין איך אינספּירירט געוואָרן פון דער פיזישער שיינקייט, אָבער אַצינד בין איך גרייט צו צעקלאַפּן מיין מעפיסטאָ־פעלישן קאָפּ פאַר דער אַלטער שטרענגקייט אין איר נייעם אינהאַלט. — אמת ביי אונז דיכטער איז די ווירדע ניט אַזאַ געהויבענע! אָבער פאַרגעס ניט, אַז מיר לעבן אין אַ צייט פון אַזוינע קאָמפּליצירטע, גייסטיקע באַוועגונגען... די שטאַרקייט פון איר צניעות האָט מיך געמאַכט פאַר אַ מענטשן פון ווילן, איך שפּיר דאָס דערנענטערן זיך פון אַ העלן צייכן..

די זונה: זי איז זיכער, אַז לעבן איר זייט ליגט אַ וואַנזיניקער, אָבער אַבי ער בייסט ניט און שלאָגט ניט ווי די אַנדערע שכורים. — איז וואָס גייט ער איר אָן.

האָט זי, ווי אַן אויטאָמאַטישע מאַשין, געטאָן וואָס מען פאַרלאַנגט פון איר.

קאפיטל איין-און-צוואנציק

עס האט זיך אנגעהויבן באמערקן דאס אויספעלן שילערינס אין קלאס. בכלל קוקן אויס די אידישע שעלערינס פארדאגהט, פארעלטערט.

אויפן לערערס מוסרן: — גוטמאן, איר האט א סך פארפעלט!

האט זי זיך צעוויינט: מהאט געהרגעט איר צען־יאריק ברידערל בעתן פאגראם אין זייער שטעטל.

דעם לערערס מינע: איך האב גארנישט ניט געהערט. איך פארשרייב די אפוועזענדיקע און אנוועזענדיקע שילערינס.

רחל האט געפילט ווי אויף הייסע קוילעז: באהערשט שוין טאקע דאס פינסטערניש דאס ליכט?! וואס שטעקט אונטער דער א לערער מאסקע? אומזיסט לויפן אלעמענס בליקן פון לערער צו גוטמאנען — עס איז צו א פינסטערע עבירה אין דער ליכטיק זי צו דערזען.

אפילו די קריסטלעכע מיידלעך האבן געצויגן מיט די אקסלען פון ני־קאלאי וסעוואלאדאוויטשעס ניט ארויסזאגן כאטש איין טרייסט ווארט צו גוטמאן. — אנדערע זענען בכלל נייגעריק: — ,,וואס איז אזוינס פאגראם?״

בעתן גרויסן איבעררייס, האבן צוויי שילערינס, וועלכע האבן זיך שטענדיק געהאלטן אפגעזונדערט פון די אידישקעס, אוועקגערופן די קריסטלעכע מיידלעך אין א זייט און מיט צעהיצטע פנימער זיי עפעס ארייגעשעפטשעט.

די אידישע מיידלעך האבן זיך באקלאגט: אין אונזער שטעטל איז פעט־לורע מיט זיין באנדע אריין מיט לאזונגען ,,הרגעט אויס די אידן — ראטעוועט רוסלאנד!״ — א דאנק דעם וואס מהאט זיי צוגעשטעלט וויפל זיי האבן גע־פאדערט, שטיוול, פעלצלעך און געלט — האבן זיי כאטש קיינעם ניט גע־הרגעט.

— אין אונזער שטאט האבן זיי ערשט נאכדעם געקוילעט.

— מיר שרייבט מען — אז מווערט פאראומרייניקט — שוין וואכן אז מהאט זיך ניט אויסגעטאן: אין אונזערע געגנטן לויערט ארום קאלטשאק.

— די דעניקענצעס זענען די ערגסטע כוליגאנעס: אין טראסטיאניעץ האבן זיי פאר איין טאג אויסגעשאכטן אריבער צוויי־הונדערט מענטשן. ווי די פעטלוראוועצעס, געשטאכן, צעהאקט אויף שטיקלעך קליינע קינדער.

א שרעק האט רחלן באפאלן: מענטשן זענען די ערגסטע אכזרים! או־

מעטום אומרעכטן! — מיט רייד, ווי פולווער, וועט זי רעדן צו סאַשען — זאָל זיין ליד ווערן אַ קעגנגיפט צו דעם ליגנערישן סם פון יענע, וואָס צוליב פאַרדאַרבענע אינטערעסן רייצן זיי איינעם קעגן אַנדערן.

ס'האָט געקילט איר מאַרך: ווער דאַרף לידער אין דער, מיט אומשולדיק־בלוט, באַפלעקטער וועלט!

— — —

מ'האָט זיי אָפּגעלאָזט אויף צוויי וואָכן איבערן קריסטלעכן ניי יאָר. פאַרנאַכט איז רחל מיט ליזען געקומען צו איר קוזין, וואָס האָט געוואוינט ארויס אדעס, אז פאַרטאָג זאָל ער זיי אָפּפירן צו דער סטאַנציע ניט ווייט. אפשר פון דאָרט וועט זיך זיי איינגעבן אהיימצופאָרן.

אין בלוילעכן פרימאָרגן האָבן די שטייף פאַרפרוירענע צווייגלעך אויסגעקוקט ווי טרערן אויף שווערע זינד. סהאָבן זיך געצויגן צוויי געדיכטע רייען: אין איינער בחורים און אַ פּאָר עלטערע מענער. די אַנדערע, גאָלע יונגע מיידלעך. — אַ יוגנט, וואָס האָט געלערנט אין דער פרעמד. פּאַגראָםשרעק האָט זיי צונויפגעטריבן אויף דעם קאַלטן פעלד. — אַלע מיט דער זעלבער זאָרג: מאַמע־טאַטע, שוועסטער־ברידער, אידן זענט איר דאָרט נצול געווארן?! איז דער בייזער צאָרן אייך פאַרבייגעגאַנגען? אַלע מיט דער זעלבער אומגעדולדיקייט: וואָס גיכער צו זעען מיט די אייגענע אויגן דאָס, וואָס דער פאַרשטאַנד קען ניט באַנעמען — פאַרוואָס קוילען, הרגענען?!

אַ ליכטיקער טאָג איז אָנגעקומען. די זון האָט געוואַרעמט די פּלייצעס. מהאָט זיך אויסגעדרייט מיט די פּנימער צו איר ליכט.

די בחורים האָבן דערזען:

— אַזויפיל מיידלעך! טאָמער וועט אָנקומען ווינציק וואַגאָנען און אויב מוועט די מיידלעך די ערשטע אריינלאָזן — וועט זיין שלעכט! בכלל טאָר מען איצט ניט לאָזן אהיים קיין מיידלעך. — מיט זיי וועט נאָך ערגער ווערן. — ווען סוועט אנקומען דער צוג, דאַרף מען אַ מייזל זיי אַ וואָרף טאָן — וועלן זיי זיך אַלע צעלויפן. אַלע מענער לאַכן צופרידן.

ליזע שרייט צו זיי אריבער:

— רחל כאַפּט מייזלעך אין שקאַרמיצלעך! זי האָט איינס פאַרבונדן מיט אַ שיין בענדל און דערלאַנגט עס אַ בחור, פון אייערע העלדן, האָט ער געחלשט פאַר שרעק! (זי האָט מיט די פינגער פוןביידע הענט געמאַכט זיי אַ לאַנגן נאָז): בע־ע!

בייטאג האָט זיך דערהערט אַ שווער סאָפּן פון רעדער. אַ פייף! אַ גע־דיכטער רויך. סאיז געוואָרן א רעש, אַ געלויפעריי.

סאַלדאַטן אויף פערד זענען אויסגעוואַקסן מיט ביקסן אין די הענט:

— אלע וואַגאַנען זענען איבערפולט! צוגייט זיך! אַניט וועלן מיר שיסן!

קיינער האָט ניט געלעגט קיין שום אַכט אויף זייערע רייד. סהאָט אַ קראַך געטאָן פון א ביקס. בלאַסע פּנימער האָבן זיך א וויג געטאָן אויף צוריק.

רחל מיט ליזען, ווי זיי האָבן ביידע געהאַלטן די עקן פון אַ שטעקעלע דורכגעצילעוועט דורך דעם אויערל פון זייער קאַרזינקע, אזוי האבן זיי זיך א לאָז געטאָן פאַראויס צווישן די פערד און אוועק צום ערשטן וואַגאָן. צוויי סטודענטן האָבן זיי געהאָלפן אַריינקריכן.

עמיצער האָט פון דרויסן בייז פאַררוקט די ברייטע ברעטער־טיר, מיט כעס אַרויפגעלעגט אייזערנע פּרענטעס, ווי אַ טעות־סחורה וואָלט אַנגעקומען און ספּאַרדריסט די אומזיסט געפּטרטע צייט. סהאָט זיך איבער דער אינוועניקס־טער פינסטערניש געשפּרייט דאָס כריפּן פון אַ שליסל אין אַ גרויסן פאַרזשאַ־ווערטן שלאָס.

דער וואַגאָן האָט זיך גערירט. פון גרויס ענגשאַפט האָבן זיך די מענטשן, ווי איין שטיק משא, אַ וויג געטאָן — עלנבויגנס, נעגל, שאַרפע קני האָבן זיך אַריינגעשפּיזלט אין עמיצן און ניט צוריק צוקאַפּן.

דאָס צעפּוילטע שטרוי האָט זיך צעפּאַרעט אונטער די פיס. ווי אין אַן עפּידעמיע האָבן אַלע געהוסט און געניסט. מאיז אַפּגעפאָרן א ווייטע שטרעקע און פלוצים, וואָס איז עס?! — מיר פאָרן אויף צוריק! דער צוג רוקט זיך צו־ריקווייז! מיר שטייען!

מ׳האָט געקלאַפּט! געשריען מזאָל עפענען! קיינער האָט זיך ניט אָפּ־גערופן. מיר פאָרן שוין ווידער!

לאַנג און געשווינד איז געלאָפן דער צוג. נאָר אָט האָט זיך דערהערט אַ קראַכן. מיט די וואַגאָנען האָט געוואָרפן. די פאָר וואָס זענען געשלאָפן אויף די צוויי אויבערשטע פּאָליצעס זענען שווער אַרויפגעפאַלן אויף קעפּ און נאַקנס. היכצן, געשרייען האָבן זיך געגאָסן אין דער פינסטערניש — מזאָל אויפעפענען!

דורך די שפּאַלטן האָט מען דערזען א שייַן. אַ קול האָט באַפוילן:

— שווייגט דאָרט! קיינע סכנה. די צויגענע זין — די ווייסגוואַרדייער האָבן געוואָלט אויפרייסן די קאַלעען.

עמיצער האָט אַ געשריי געטאָן: „מיידלעך, גיט אַהער אייערע אונטערש־טע קליידלעך צו פאַרבינדן די וואונדן!

אַ פּאַרדומפּן, נאַריש געלעכטער איז פון ערגעץ געלאָפן.

— איר וועט שפּעטער לאַכן, גיך נעמט אַראָפּ די קליידלעך! אין די ערשטע וואַגאָנען זענען פיל שטערבלעך פאַרוואונדעט!

אַלע אין די וואַגאָנען האָבן גערעדט, געשריען, געזידלט:

— אויס מיט די קאַפּיטאַליסטן! זיי טראַכטן נאָר אַנצוזשעברען! זיי עקספּלואַטירן און אונטערדריקן אַלעמען! די פּאַראַזיטן האָבן געפירט צו דער שענדלעכער וועלט מלחמה! ווען ניט די פינסטערניש, וואָלט מען צעריסן די יעניקע, וואָס האָבן געזאָלט זאָגן עפּעס קעגן באָלשעוויזם. מ׳האָט זיי פאַרשריען נאָך איידער זיי האָבן אפילו אָנגעהויבן אַרויספירן זייער געדאַנק.

אין רחלס פאַרשנדיקער נשמה האָט ווידער געבויערט: זי איז שטאַרק צוטומלט. די פּאָליטיק, פון די אַלע אינוווייניקע וועלערס צו ווערן הערשער, האָט געמאַכט אַן איבערקערעניש אין איר פאַרשטאַנד. דאָס לעבן איז פאַר איר אַ גוואַלטיק רעטעניש. — דער בירגער־קריג האָט צום איבעריקן פאַרפּלאָנטערט דעם ענטפער צום רעטעניש. זי קען זיך ניט פונאַנדערקלייבן אין די פּאָליטישע אַנשויאונגען פון די אַלע צעשפּליטערטע פּאַרטייען. זי האָט דעם לעצטן חודש אַזש פאַרנאַכלעסיקט דאָס לערנען. צו אַזויפיל לעקציעס געלאָפן: אַן אונטערשייד צי דער רעדנער איז געווען אַ ס״ר, אַ סאָציאַליסט, אַ באָלשעוויק — אַלע האָבן זיי באַשולדיקט די קאַפּיטאַליסטן אין דיליידן פון די מאַסן. — דאָך האָבן זיך אייניקע ס״רן און סאָציאַליסטן פאַראייניקט מיט די קאַפּיטאַליסטן — די ווייס־גוואַרדייער קעגן די גערעכטע און אונטערדריקטע... עפּעס איז ניט גלאַט!... וואָס איז עס?.... וואָס?...

דער צוג איז געלאָפן. געבליבן שטיין. ווידער געפאָרן. רחלס געדאַנקען האָבן זיך געדרייט ווי אַ געדיכטער רויך אין אַ שטורמדיקן וועטער: אין יאָר 1906, זי איז נאָך אַ קליין מיידעלע געווען. ר׳ נח, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין דאָרף —איז מעשה פּסח־מלך עפּעס אַן אַנדערער געוואָרן. ער האָט מיט גראָבע רעדנעס געוואָלט פאַרהענגען די פענסטער, שקאַצימלעך זאָלן ניט אַריינקוקן, אָבער אויפן אָרט זיך באַדענקט:

,,די שונאים טראַכטן אַזוי אויך אויס אויף אונז מיאוסע ליגנס מיט בלוט בלבולים!״

די מאַמע, כאַטש אַ מלכה, איז אַליין געלאָפן דערלאַנגען ר׳ נחן דעם קרוג וואַסער מיט דער שיסל צו וואַשן זיך די הענט. חיהן, דער דינסט, האָט זי געהייסן זיצן רואיק. און יענע האָט אויסגעקוקט ווי אַן איבערגעשראָקענע הון אונטערן טיש, נאָכן אָפּשלאָגן מיט איר כפּרות.

די מאַמע האָט אויך ניט דערלאָזט חיהן צו דערלאַנגען דאָס עסן, „ווייל זי קומט ארויס פון באַלעבאַטישע עלטערן. זיי זענען געשטאָרבן פון הונגער און זי ניט געוואָלט לאָזן גיין דינען״. אָבער, אַז זי איז געבליבן אַן עלנטע יתומה, — און אין שטעטל האָט אויסגעבראָכן אַ מגפה — האָט קהל איר חתונה געמאַכט מיט רבקה־סאָסיס משוגענעם זון. צו ניין חדשים האָט זי געבוירן אַ אינגל. פון גרויס רחמנות אויף דער שטילער חיהן — האָט איר שוויגער געבעטן: „לאָה פאַרדינט אייך אַן אייביקע מצוה — נעמט דאָס אומגליקלעכע ווייבל פאַר אַן אַם, זייער קינד וועט זי אויסהאָדעווען מיט אַ „מיזוקל״ און „קייעכץ״. איז ערשט אין אַ רעוואָלוציע צייט, און אויך דעמאָלט, יאָרן פון פאָגראָמען — האָט זיך די מאַמע דערמאָנט צו שוינען חיהס געפילן. ניט אַלס מענטש — נאָר פאַר איר יחוס...

רחלס מויל האָט זיך ביטער געדרייט: אין היינטיקע פּאָליטישע געשעענישן איז זי דער „תם״ און דער שאינו יודע לשאול״ — איז ווער קען איר ענטפערן? ווער?

אירע שלייפן האָבן האַסטיק געקלאַפּט: די וועלט איז אַנגעשיכורט מיט בלוט. און איצט וואָשט מען די בלוט־פלעקן מיט נייע שטראָמען בלוט. ווער מעג זיך נעמען די באַרעכטיקונג צו הרגענען די יעניקע, וועלכע ווילן ניט, אָדער קענען ניט איינזען דעם אַנדערנס אידעען?

דער צונויפגעקאָרטשעטער רחלן האָבן אַלע גלידער ווי געטאָן: זי וועט משוגע ווערן פון איבערטראַכטן, ווער ווייס וואָס עס טוט זיך איצט אין אַדעס. צו וואָס האָט זי ארויפגעוואָרפן אויף סאַשען אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר טויזנטער יאָרן אומגערעכטיקייט? ווער האָט אַ רעכט צו גריבלען זיך אין דער געפילן־וועלט פון די אַלע פרויען, וואָס זענען אוועק אויפן נידעריקן וועג.

דורכן פאַרחושכטן, פאַרגראַטעוועטן פענסטערל, וואָס האָט דערמאָנט אין אַ טורמע, האָט זיך רויטלעך געגנבעט אַ נייער טאָג. דאָס שנאַרכען, כראָפּען האָט אַנגעהויבן צוגעדישעט ווערן. רחלס בליק האָט זיך געצויגן צו דעם פרייעם זון־אויפגאַנג.

אַ שטאַרקער שאָקל! דער צוג איז געבליבן שטיין. קולות פון אינווייניק האָבן זיך געלאָזט אַנטקעגן אַנקומענדיקע טריט. א פרייד האָט ארומגעכאַפּט:

— מעפנט אונזער טיר!

אַ געדיכטער פאַרע־שטראָם האָט אויפגעכאַפּט די שמייכלענדיקע רייד פון איינעם אין זעלנערשע קליידער:

— אלע גייט אַרויס, בלויז אַ פופצן מינוט וועלן מיר זיך פאַרהאַלטן.

סאיז אין מיטן פעלד.ביים אַרויסשפּרונגען האבן אייניקע זיך איבער־געקוליעט אין טיפן שניי. נאָך ערגער איז מיטן אַריינקריכן, די וואַגאנעס זע־נען צו הויך פון דער ערד. עמיצער האט געזאגט אַ וויץ אויף די מיידלעכס חשבון.

— פּאָר באַליידיקן פּרויען שטראָפן מיר אויפן אָרט — האט שטרענג געוואָרנט דער זעלנער. (דער פראסט אויף זיינע גאלדענע וואנצעלעך האט אים געמאַכט אויסקוקן עלטער פון זיינע צוויי און צוואַנציק יאָר.

מהאט ביי אים געפּועלט ניט צו פאַרשליסן פון דרויסן. מוועט אַליין פאַררוקן די ברעט.

אַ מאַן אין די טיף פופציקער, פון מיטעלער וואוקס, מיט מילדע גע־זיכטשטריכן פון אַ מער באַוואוסטזיניקן פּאלקס־מענטש האט גערעדט מיט זיין געצויגענער שטימע:

—איר יוגנט דאַרפט זיך שעצן גליקלעך — אייך דערוואַרט אַ שע־נערער מאָרגן.

איבער זיין פּנים האט זיך אויסגעצויגן אַ נעפּלדיקע גרויקייט:

— אט ווי נעכטן וואָלט עס געשען. — דריי־און־א־האלב יאָר פון מיין מיליטער דינסט האב איך די גאַנצע צייט געטרוימט וועגן פּאַראייניקן זיך מיט מיין נאסטיען. אבער אויסגעלאזט האט זיך, — זי איז דעם גראַף געפעלן געוואָרן. — האט ער געמאַכט, אַז אַ שטוב מיט קליינע קינדער זאלן עסן זייערע אייגענע פינגער פון שטאַרבנדיקן הונגער. זייערע דורכזיכטיקע קער־פּערלעך האבן זיך געוואַקלט. געשוואלענע בייכלעך האבן געברענט מיט היץ. די ליפּלעך קוים באַוועגט: „עסן"... „ברויט"... די מוטער אַ געלזיכטי־קע האט געהאַלטן אין איין שלוכצן.

„דער אַלטער הונט מיט זיין צולאזענעם גוף האט זיינס אויסגעפירט:

— פאַר אַ הונדערטער האט ער געקויפט נאסטיעס מיידלשאַפט, אַ תּעניג פאַר צוויי וואכן—ביז זיין ווייב וועט זיך אומקערן פון אייראָפּע.

אויפן בוידעם האט זיך נאַסטיאַ אויפגעהאנגען. ניט געקענט אַריבער־טראָגן דעם בזיון.

זיין דערציילן האט ווי שונאימס פויסטן געקלאַפּט רחלן. איר מוח איז שווער געוואָרן: ווי האט זי געקענט, אַפילו א רגע, דערלאָזן דעם געדאַנק וועגן באַרעכטיקן די חיהשע שענדונג.

דעם מאַנס זיצן מיט אונטערגעבויגענע קני אויפֿן שמוציקן שטרוי, האָט איר דערמאָנט, ווי אין דאָרף פֿלעג טראַכים זיצן ביים קלויסטער און בעטלען. יעדן זונטיק פֿלעג ער זיך אָנשכורן און וויינען מיט גרויסע טרערן; איינמאָל, מיטן גאַנצן קערפּער אויסגעצויגן איבער דער נאַסער ערד, האָט ער געוויינט צו זיין אָפּשפּיגלונג אין אַ בלאָטע־טייכל: „די ציין האָט מען דיר אויסגעשלאָגן... די מאַמע פֿאַר אַ בליאַד געמאַכט... דעם זיידן צום טויט פֿאַרשמיסן... אַזוי גייט פּאַנשטשיזנע״.

ער האָט געוויינט און געשלאָגן זיך מיט די פֿויסטן אין האַרץ: הונ־טישער זון, פֿאַרוואָס האָסטו דערשלאָגן דיין ווייבל — ווען דער יונגער פּריץ האָט זי פֿאַרגוואַלטיקט, ווי אַ הינטל האָט זי זיך געבעטן ביי דיר״.

ווי אַ פֿאַרוואונדעטע חיה האָט טראַכים זיך געשליידערט אין דער בלאָטע און געגרעוועט אַז אומעטיק ליד — אַזש אַ גרויל איז געלאָפֿן איבערן לייב. אויף זיין הויך כראַפּען, האָבן די גוים געלאַכט: „ער כאַפּט שדים און נוקמט זיך אין זיי״....

רחל האָט דערפֿילט די מאָראַלישע פֿאַרפֿלאַכונג אין די מענטשנס הער־צער, און אירע אויגן זענען פֿייכט געוואָרן: ליב האָבן יענעם איז אַ ברייטער ענין — ס׳האָט גאַרנישט צוטאָן מיט ליבע פֿונם יחיד צו זיין אָפּגאָט.

אָבער דער פּלוצים געוואָרענער קנייטש צווישן רחלס ברעמען, דער בענקשאַפֿט־קנייטש האָט אָפּגעלייקנט אַלע מאָראַלן, דעם חוב, די לאָגיק...

— — —

ערשט אויפֿן אַכטן טאָג, האָבן ליזע מיט רחלן אַרויסגעשטיגן אויפֿן הוילן פֿעלד, כמעט נאָך צוויי וויאָרסט צו זייער סטאַנציע.

דער זוניקער, שנייאיק־סקריפּנדיקער דרויסן, וואָס פֿלעג רחלן שטענדיק אָנפֿילן מיט אָטעם־פֿאַרכאַפּנדיקער פֿרייד, האָט איצט אויסגעקוקט ווי אַ ווייס מתים־פֿעלד.

ביידע מיידלעך זענען געלאָפֿן, ווי פֿון אַלע ווינקלען וואָלטן ביייזע שונאים זיי געטריבן.

— אָט איז אונזער סטאַנציע... ניטאָ קיין איין מעקלער. די וואָקזאַל טיר איז פֿאַרקלאַפּט מיט אַ גרויער ברעט. עס ציטערן די מיידלעכס הענט. זייער קאָרזינקעלע האָט זיך ווי אַליין אַראָפּגעשטעלט און זיי דערשראָקן.

ליזע שעפּטשעט ווי אַ קראַנקער, אַ גוסס:

— לאָמיר וואַרטן, אפֿשר וועט עמיצער אַרויסקומען.

ביידנס פּנימער זענען פֿאַרטונקלט פֿון דעם זעלבן געדאַנק: „ווער ווייס וואָס אין שטאָט טוט זיך?״...

דער ווייסער ארום איז ווי מיט שוואַרצע שאַטנס באַדעקט. מוראַדיק אַ שפּאַן צו טאָן, זיי אַטעמען איינע אין דער אַנדערער:

— מזעט ניט, מהערט ניט קיין סימן פון א באַלעגאָלע. — די פענסטער זענען אינגאַנצן פאַרפרוירן.

טוק, טוק... אַ קינד האָט זיך צעוויינט. עפּעס איז אומגעפאַלן. שווער עפנט זיך די צוגעפרוירענע טיר. דער נאַטשאַלניק האָט זיך באַוויזן:

— אַ באַרישני! זדראַווסטוואויטי! (זיך באַלד עפּעס דערמאָנט) — די זשידעס האַנדלען איצט דאָ מער ניט! און פאַרהאַקט די טיר.

די פאַרזאַרגטע, צעשוויצטע מיידלעך האָבן האַסטיק געשפּאַנט אין טיפן שניי:

— אי מען האָסט דעם אידן פאַר זיין האַנדלען, אי מען צאַרנט אויף אים, וואָס אַן אים פּעכנעט מען אויפן פּיסק. — אַ מבין וואָס סאיז געוואָרן פונם שטענדיק ווי אַ צוויק רויטן, געזונטן נאַטשאַלניק?

— אין די צעריסענע זאָקן קוקט ער אויס מיט דריי קעפּ נידעריקער, אַן איינגעקאַרטשעטע באַבע, האָט זיך רחל צעלאַכט:

ביי ביידן האָט דער געלעכטער אַ גראָב ארויס געטאָן זייער זאָרג....

אויף דער פּליאַרינע האָט אַ גוי אַרויפגענומען אויף זיין שליטן די שוואַר־פּאַרסאַפּעטע מיידלעך. די איינציקע זאַך וואָס ער האָט געוואָלט וויסן:

— וועלן די פּריצים שוין מער ניט אומקערן זיך?

די הויפּט זאַך, וואָס זיי האָבן געוואָלט וויסן — האָבן זיי ניט געפֿרעגט.

קאַפּיטל צוויי־און־צוואַנציק

אין שטעטל טומלט זיך. די מאַרק־גאַס פול מיט רעדלעך אידן. מאיז אַנטקעגנגעלאָפן די מיידלעך, יעז'ערער מיט אַ פול מויל פראַגעס:

— משלאַגט שוין ניט קיין אידן אויף די וועגן? מוואַרפט שוין ניט אַרויס פון די וואַגאָנען? — וואָס הערט זיך? וואָס זאָגט מען? עפּעס גוטע ידיעות?

זיי האָבן געענטפערט איינעם פאַר צוויי:

— מיר זענען ניט געפאָרן דורך אַדעסאַ־גלאַוונאַיאַ — דאָרטן שטייען די ווייסגוואַרדייער באַנדעס. מיר האָבן זיך אויפגעזעצט אַרויס אַדעס, אויף מאַסקווער וועג. — די ליניע האָבן פאַרכאַפּט די באָלשעוויקעס.

— אָבער ווער געווינט, די רויטע, צי די ווייסע? — סאיז אמת אַז די רויטע קלאַפּן און מיט זיי זענען די מערסטע אַרבעטער? וואָס שמועסט מען דער פויער וועט זיך מיט זיי ניט פּאַראַ־יגיקן?

איציק, דעם שוסטערס, האָט אויסגעשריען:

— געוויס וועלן די רויטע צעצימבלען די הינט, די ווייסגוואַרדייער! זייערע אימפּעריאַליסטישע אַרויסהעלפער לויפן שוין ווי די פאַרסמטע מייז! מ'וועט זיי אַרייניאָגן גלייך אין ים אַריין!

— קומט אַריין אין שטוב, האָט רחל, פריינטלעך אויסגערופן. — כהאָב געבראַכט אַ סך צייטונגען. — ביי היינטיקן טאָג רעכנט מען, אַז די באָלשעוויקעס וועלן געווינען, און מ'גלויבט אַפילו — אַז זיי זענען די איינציקע צו דערפירן די רעוואָלוציע צו אַ גינסטיקן סוף.

— האָסט זיך שוין אויך אָנגעשמעקט מיט דער „קאָמונע״ ! האָט אַ פינע געשפּריצט פון מויל ביי ר' משה פון דער אַליניע.

— די ימח־שמוניקעס וועלן אַלץ פונם גאָרגל אַרויסרייסן און דו וועסט נאָך פריידיקן פאַר זיי! האָט געצאַרנט פייוול גאָלד.

די יונגוואַרג האָט, אויפגערעגט, דיסקוטירט קעגן און פאַר באָלשעוויזם. די עלטערע אידן האָבן געבייזערט זיך אויף רחלן און אויף דער גאַנצער וועלט.

דער כעס פון שניט־קרעמער, „אַברהם דער געלער״, האָט פאַרפילט די שטוב:

— איר וויסטשוקאַנע, געבולבעטע — ברענגט אויף אונז אַלע אומגליקן!!

— איר קענט רעדן פון דעם אַלעם רואיק — האָט געזאָגט מיט גע־ציילטע־ווערטער דער באַנקיר־דירעקטאָר פון באַנק, קלעמענטי דאַווידאָוויטש.

— אין רוסלאַנד איז נאָך פאַראַן געגוג שטאַרקערע כחות פון די באָלשעווי־קעס — זיי זענען אַ נישטיקע צאָל און ווען אי״ה, איידער עפּעס איז, כאַפּן זייער מפּלה. — די בורזשואזיע איז היינט הערשער (— זעלבסט־הערשער! האָט איציק אַריינגעזאָגט.) — די פּאָר באָלשעוויקלעך זענען, ווי מזאָגט: „צו פאַרשטאָפּן דאָס מויל מיטן פויסטל״, האָט זיך דער דירעקטאָר צופרידן צע־לאַכט.

לייביש, ר׳ ישראלס זון, וועלכער האָט זיך אומגעקערט פון קיעוו (ווי זיין פאָטער ברעכט די הענט: „אַ פאַרביטענער!״) איז אויפגעשפּרונגען.

— אַ שאָד איר האָט קיינס ניט געהערט לעניגען רעדן! וואָלט איר פאַרשטאַנען וויפל גליק עס באַהאַלט אין זיך דאָס איינע וואָרט: „סאָציאַלי־זירונג״! — ווען איר ווייסט וועגן די טויזנטער מענטשן־קרבנות, וועלכע ליגן אין טיפן אָפּגרונט, וואָס צעטיילט: „יאַ פּריוואַט אייגענטום״ פון „ניט פּריי־וואַט אייגענטום״! און ווי אַנדערש וועט זיין די וועלט פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, ווען אַלע, וואָס זענען פעהיג צו אַרבעטן וועלן אַנטייל נעמען! דאָס באָלשעוויזם סיסטעם וועט מיט דער אַרבעט פאַרזאָרגן יעדנס באַדערפטיקייט, — פאַרגעסט ניט, אַז ווען דאָס עקאָנאָמישע לעבן וועט ווערן גרינגער — וועט עס פירן צו דער הויפּט זאַך — צו פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן די מאַסן, צו דערהייבן זייער קולטורעלן מצב. — אין רוסלאַנד וועט מען מער ניט אַרבעטן — כדי אַ קליינע צאָל זאָל אָנזאַמלען פאַר זיך ריזיקע פאַרמעגנס, און אומ־ערלעכע פּראָפיטן, און פירן אַ צולאָזן לעבן...

איציק האָט ווידער אויסגעשריען:

— מירן פאַרניכטן די בורזשואזע סיסטעם! מיר וועלן אַלע שונאים געבן פּיש מיט רר־רויטן כרייזן!...

צווישן די יונגערע האָבן זיך אייניקע האַרציק צעלאַכט, אַנדערע ביטער געשמייכלט. אַלע האָבן זיך צערעדט אויף איין מאָל. די עלטערע אידן זענען, ווי דורך אַ כשוף, מיט אַ מאָל קליין און איינגעשרומפּן געוואָרן. איינגעבויגע־נע האָבן זיי זיך אַרויסגעשאַרט דורך דער ברייטער, הויכער טיר.

בלויז קלעמענטי דאַווידאָוויטש, מיט זיין הויכן בויך, האָט זיך גע־האַלטן ווי איינער וואָס פאַרלירט זיך נישט ביי קיינע אומשטענדן. ער האָט מיט שטאָלצקייט געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף אַלעמען. זיינע רייד האָט ער

געווענדעט, גלייך נאָר ער און ר׳ פּערלמוטערס זיידענע־באָרד וואָלטן געווען די איינציקע לעבעדיקע מענטשן, וואָס פאַרדינען מזאל צו זיי ריידן:

— ס׳איז אַ פאַקט. די בורזשואַזיע האָט שוין לאַנג באַהערשט די געזעלשאַפט סיי קולטורעל, סייווירטשאַפטלעך. און איצט הערשט זי שוין אויך פּאָליטיש.

נאָכן דירעקטאָרס אוועקגיין האָט רחל פרייער אָפּגעאָטעמט! זי האָט שוין א פּאָר מאָל באַמערקט, אַז מענטשן (ארימע) רעדן צו אים — און ער רעדט איבער זיי, גלייך זיי וואָלטן נישט עקזיסטירט. זי האָט אים פיינט דערפאַר.

ס׳איז אריינגעקומען די קוזינע פעניע מיט צוויי סטודענטן.

ווען רחל איז נאָך געווען א קינד — איז די קוזינע שוין געווען א גרויס מיידל. — איצט האָבן זיי זיך אויסגעגלייכט — ביידע מיט דעם זעלבן קרייז באַקאַנטע. דער סטודענט שייפער האָט געפרעגט:

— וואָס מאַכט עפּעס סאַשע — ער בייזערט זיך נאָך אַלץ אזוי פאַרביטערט אויף מיידלעך?

רחל האָט געוואָלט איגנאָרירן זיין פראַגע. פעניע האָט אין איין אָטעם איבערגעפרעגט:

— ווער איז סאַשע? פאַרוואָס האָט ער פיינט מיידלעך? איז ער אַ שיינער, האָבן אים די מיידלעך יא ליב?

— נאָך ווי אַזוי! האָט שייפער אויסגערופן, — זיי קלעפּן ארום אים, ווי פליגלעך ארום אַ ברענענדיקן לאָמפּ. ער איז אַ פּאָעט — ציט זיי זיין ליכט.

— איז די מיידלעך ציט צו זיין ברען און זיי פאַלן געפאַלענע. כאַ, כאַ. האָט קאָלעגע פאַמעראַנץ געקוואָלן פון זיין אייגענער חכמה.

רחלס אויגן זענען פינסטער געוואָרן. זייער שמועס האָט אויף איר געוואָרפן אַן אימה פון פּוסטקייט, עלנט.

— איר מענער זאָגט: „די פרוי״...

— אַ, אַ! רחל, מאַכט ניט קאַליע אייערע בלוטן. (האָט שייפער זי איבערגעשלאָגן מיט זיינע עטלעכע־און־דרייסיק יאָר). — איך האַלט גראָד פון סאַשען — ער איז אַ קלוגער מענטש. אַן עבירה, כ׳לעבן, — ווען ניט די פּוסטקייט פון די באַלעבאַטישע בחורימלעך.

רחלן האָט פאַרדראָסן איר כעס: זי איז אויפגערעגט פון מידקייט. אזוי־פיל נעכט ניט דערשלאָפן. פאַרטאָג האָט זי איינגעדרימלט — האָט זיך גע־

פלאַנטערט אין איר שלאָף גראַבעביימער, פאַרדאַרטע בלעטער האָבן זיך געוואַלגערט. אַ פאַרבלאָנדזשעטער, קליינער האָז האָט געציטערט, ביי איר זע־נען געלאָפן טרערן. „אויף אַזעלכן, וואָס האָט מורא אַפילו פאַרן אייגענעם שאָטן — דאַרף מען ניט רחמנות האָבן״, — האָט סאָשע איר געזאָגט.

דער חלום האָט זי געפּלאָגט: געוויס טראַכט סאָשע — אַז זי איז אַ שרעקנדיקער האָז.... אפשר איז טאַקע אַזוי געווען... אָבער איצט ווען זי קען גיין צו אים — וואָלט זי אויסגעקושט דעם צער פון זיין ווייסער ברוסט. זי פילט: איטלעך רגע ווייט פון אים איז אַן הויפן פאַרלאָזט־גליק... שייפּער אַ וואוילער מענטש. ער איז אַנטלאָפן פון אַדעס. זי האָט עפּעס געהערט: אומ־לעגאַלע דרוקעריי... פּאַרטיי־צוועקן....

מאָרגן, אין דער פרי, ליזאַ איז אַריין צו רחלן, אירע בלויע אויגן לויכטן. די ווינקלען פון איר קליין מיילכל פול מיט כיטרע שמייכלען. ליזאַ האָלט פון פלירט־אינטריגעס. רחלן איז זי אמת געטריי — זי וואָלט מיטן גאַנצן האַרצן געוואָלט איר חברטע זאָל זיין גליקלעך:

— סאָשע איז היינט פאַרטאָג געקומען! געדונגען אַ צימער ביי אונז. ער האָט געפרעגט מיין שוועגערן, צי ער וועט דאָ קענען געבן לעקציעס אין רוסיש. — סאיז ביי אים אַן אָפענער איין־און־דרייסיק, אין דער אנוועזנהייט פון מיין מאַמען, ברודער, פאַר אַלעמען האָט ער דערציילט: „כבין שטערב־לעך פאַרליבט אין רחלן, נאָר אין אַדעס האָב איך קיין מזל ניט צו איר. — צופיל לויפן איר נאָך„. — סאָשע זאָגט, אַז צוריק וועט זיין אומעגלעך צו פאָרן. וואָס וועט זיין?

— איז ער געזונט! האָט רחל אומרואיק אויסגעשריען.

— נארישקייטן, ווי דען וואָלט ער געטראַכט פון ליבע. ביידע מיידלעך האָבן פריילעך, שטיפעריש געלאַכט.

קאפיטל דריי-און-צוואנציק

אין שטעטל איז שוין דא אַ גימנאזיע. לעת־עתה נאר פון זעקס קלאסן. יעדעס יאר קומט צו אַ קלאַס. לכבוד ניי־יאר מאַכט מען דארט אַ באַל. איט־לעכער קען קומען אהין.

מיט דער האפנונג צו טרעפן זיך מיט רחלן איז סאַשע, אין זיינע נייע סטודענטישע קליידער, אוועק צום באַל. אט שטייט זי אין אַ קרייז, ארומגע־רינגלט מיט יונגעלייט. ער איז גלייך צו. דערלאַנגט איר די האַנט. (אין אַ גע־זעלשאַפט וועט זי אים ניט פאַרשעמען.) זיך געוויטעוועט מיט קאלעגע שייפער, וועלכער האט אים פארגעשטעלט די צוויי לערערס פון דער גימנאזיע און די אַנדערע סטודענטן.

מ׳האט גערעדט פון פאַרשידענע ענינים. דער שמועס האט זיך ניט גע־קלעפּט. דער לערער דאַברענקאַ האט זיך אַנטשולדיקט און זיך אַרויסגערוקט דורך אַ זייטיקער טיר, אז קיינער זאָל ניט באַמערקן. דעם לערער כאַזאַנאַווס פאַראומערטע אויגן זענען געלאָפן איבערן זאַל. ער האט גערעדט ווי צו זיך אַליין: „נאך פאַר צוועלף צוגייט מען זיך שוין״....

— אַ פּאָר האבן זיך אנגערופן:

— יאַ. אומעטיק איז ביי אייך דאס מאָל. — פאַראיארן האט מען געטאַנצט ביזן ווייסן טאָג. כאַזאַנאַוו האט אַ ציטער געטאן. זיין הויכער, שיין מענערשער קערפער האט זיך צונויפגעקאַרטשעט ווי פון שטאַרקע בויך־קרעמפּפן. זיינע ליפּן האבן זיך טרויעריק באַוועגט:

— מיר האבן היינט געהאַט אַ שענדלעכן אינצידענט אין קלאַס. — די פּאַגראַמען כוואַליעס האבן פאַרסמט די קינדערשע אחדות. עס רופט זיך זייער שלעכט אפּ אויף יעדן איינעם. — איר ווייסט, וואס דער לערער, וועל־כער איז פריער דאַ געשטאַנען, האט מיר אַ זאָג געטאָן? — „איך האַס אייך! ניט ווייל איר זענט אַ איד, נאַר ווייל איך שעם זיך פאַר אייך מיט אונזער קריסטנטום״. — האס, האַס, פון אומעטום....

ווערטער האבן געשטיקט אין האלז. מיט וואס זאָל מען אים טרייסטן? מיט די באַנדעס, מיט די שחיטות, מיטן פחד וואס דערנענטערט זיך.

די לבנה האט אריינגעקוקט דורך די גרויסע פענסטער. כאַזאַנאַווס פנים ווייס, קאַלעך:

— קומט צו מיר, אויף מיין קוואַרטיר. מירן אויסאַרבעטן אַ ניי בלעטל פאַר אונזער ניי־יאָר.

מ׳האָט גערעדט וועגן אָרגאַניזירן אַ זעלבסט־שוץ. אָבער ניט בלויז גיין בחורים זאָלן איינשטעלן זייער לעבן, ווי פריער, און נאָך ווערן פאַר־שריגן פון דער שטאָט, ווי אומגליק־פאַרגרעסערס.

כאַזאַנאָוו האָט זיי דערציילט, ווי בלינדע פאַרדאַרבנקייט האָט געבושע־ וועט.... דעם יאָמער פון גרויס און קליין....

— און דער טאָג האָט צוגעקוקט די פיבערדיקע תאווה צו מענטשלעך בלוט.

מ׳האָט לאַנג געחקירהט: מ׳דאַרף דער עיקר דערקלערן די עלטערע מענטשן — די וויכטיקייט פון אַן אַלגעמיין פאַראייניקן זיך.

סאיז געבליבן הענגען אויף אַ וואָגשאָל: איין שאָס פון דער זעלבסט־שוץ — וועט פאַרטרייבן הונדערט אַכזרים.... וועט פאַרמערן הונדערט אַכזרים....

מ׳האָט געטרונקען ביר, ווײַן. מאיז פריילעכער געוואָרן. הויכער געלעכ־ טער האָט זיך געשטיקט אין רחלן: איר בלוט קאָכט משונהדיק — „גיי זעץ זיך לעבן דיין סאַשען״. ווען ער נעמט זי שטאַרק אַרום— וואָלט זי זיך ניט גע־ שעמט אַפילו פאַר זייער טיפן טרויער.

— שטערן, שטערן זאָל לייענען זיינע לידער! האָבן אַלע געשריען.

סאַשע האָט אַרויסגענומען עטלעכע פאַרשריבענע בויגנס. דאָס האָט ער אָנגעשריבן זייענדיק דאָ אין שטעטל. ער האָט אויפגעכאַפּט דעם פחד, וואָס לויפט אין די אידישע אויגן און ער טרייסט זיי: „עס מוז קומען דער גערעכ־ טער מאָרגן״.

אַלע האָבן זיך דערפרייט, ווי די ישועה וואָלט שוין געקומען.

— און דאָס ליד: „צו מיין געליבטער״. זיין קול און הענט האָבן גע־ ציטערט.

ס׳האָט אַ הילך געטאָן אַ באַגייסטערט: „בראַוואָ־אָ־אָ״!!!

רחלס האַרץ האָט האַסטיק געפּויקט. סאַשע האָט זיך צונויפגעטראָפן מיט אירע אויגן, ער האָט אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ אויף צוריק, ווי פון אַ בלענדנדיק ליכט פון הינטער אים: דאָס גלעטן אים אירע בליקן אַזוי וואַרעם. די מחיצה איז פאַרשוואונדן!...

כאַזאַנאָוו האָט פאָרגעלעגט אַ פּלאַן: דורכצופירן אַ ליטעראַריש־מוזי־ קאַלישן קאָנצערט. שטערן זאָל זיין דער הויפּט אַנטיילנעמער.

— ממוז שאַפן מיטלען צו האבן אַ מעגלעכקייט צו פאַרשפרייטן ביל־דונג אין פאָלק.

סאַשע האט זיך אויפגעהויבן באגלייטן רחלן. זי האט מיט פריידיקן ציטער געענטפערט זיין אָננעמען איר ארם. זי האָט פאַרגעסן איר מיידלשע־בושה און געדריקט זיך צו אים, ווי דורך אים וואלט זי זיך צונויפגעגאָסן מיט כאַזאַנאַווס „גרויסן בנין״, צוליב וועלכן איטלעכער דאַרף זיך מוסר נפש זיין.

סאַשע האט איר ליבלעך אַריינגעקוקט אין פנים:

— טייערע, דאָס היינטיקע ליד איז דאָס ווידערקול פון דיין זעלטענער נשמה. דו מוזט זיין מיין מוזע, אַ דאַנק דיר וועל איך זיין בכח ארויסברענגען אַלע לידער וואס ברויזן אין מיר.

סאיז געפאלן אַ געדיכטער שניי. דער וועלטס זארגן זענען זיך צע־גאַנגען ווי שניי אין פרילינג, דאָס גאַנצע לעבן באַשטייט פון אנגענעמע רייד.

זי האט גארנישט באמערקט, אַז זיי שטיין שוין לעבן דער טיר פון איר הויז.

ער האט געקוועלט פון אירע שטראלנדיקע אויגן און אריינגעשרויפט זיין מויל אין איר האנט.

ביי רחלן האט אַזש דער אטעם פאַרכאַפּט. זי האט מיט דער אַנדערער האנט צוגעדעקט זיין הייסן קוש און צוגעהאלטן שטאַרק, ווי דעם קיסרס גאָל־דענעם פויגל — סזאָל ניט אַוועק צוזאַמען מיט דער צוגעזאָגטער האַלבער מלוכה.

— ערשט צוויי אזייגער וועל איך קענען קומען צו דיר. זיי ווילן כ׳זאָל היינט אינדערפרי זיי העלפן אויספלאַנירן דעם ליטעראריש־מוזיקאלישן אוונט.

זי האט אים נאכגעשיקט איר שמייכל: זי פילט איבער זיך אַ מעכטיק פאַרצויבערט שפּילן, איר איטלעך גליד רייסט זיך מיט ניט קלארער באַגייס־טערונג.

אומבאַוואוסטזיניק פאַר זיך האט זי אנגענומען אַ זשמעניע פרישן שניי, אפּגעוואַשן די האַנט וואו סאַשע האט געקושט און אריינגעראַבן איר מויל אריינצוזויגן זיין קוש.

פלוצים האט מיט איר אַ שוידער געטאָן: פאַרוואס האט זי אפּגעוואַשן איר האַנט ?!...

טויזנטער שדים האבן זיך אומברחמנותדיק געררייצט: „זיין געפאַטערטע

רײנקײט װעט זײן א שטענדיקער סם. פאַראײניקן זיך — מײנט ניט א לעבן מיט װאַשן פּריער מיט װײסן שנײ״.

מיט מידער, שװערער באַװעגונג פון אַ באַזיגטן, איז זי אַרײנגעגאַנגען אין שטוב: װי אַזוי האָט זיך אַרײנגעריסן דער אומגעלומפּערטער שפּאַס?!! װי אַזוי איז עס מעגלעך, אין דער זעלבער צײט, װען זי איז אַזוי באַגײסטערט — זאָל זי גאָר פּלוצים באַהערשן אַ קעגן־געפיל?

אַ טיפער טרויער האָט מיט אײזערנע שפּינען־פיסלעך זי צונויפגעקלע־מערט: סאַשע איז אפגעגאַרט! זי װעט צום איבעריקן צעשטערן, צונעמען בײ אים דעם גלויבן אין העכערס.

פונם צװײטן צימער האָט זי דערהערט דאָס אויפגעװאַכט קולכל פון איר פינף־יעריקן פלעמעניקל. דאָס קינדערשע פּלעפּלען האָט זי באַרואיקט. זיס אײנגערוימט א סוד אין אירע גלידער: זיכער, זי האָט אים ליב געקראַגן מיט זײנע אַלע חסרונות — איצט האָט ער זיך אויפגעהויבן איבער זײן נידעריקן כח. זי דאַרף אים דערמוטיקן מיט װאָס מער צוטרוי. יאָ! די גרעסטע לײדן איז זי גרײט איבערטראָגן צוליב אים, בײ די ערגסטע אומשטענדן װעט זי אים שטענדיק באַגעגענען מיט איר ליבע.

זי האָט זיך דערמאָנט זײן ליד: טײערער, ער איז װי אַ פיש דורכגע־שװאומען אומרײנע װאַסערן און געבליבן רײן.

סהאָט אין איר אַ פּלוצעם געטאָן: פון די פיש, װאָס די גוים האָבן גע־כאַפּט אין די מוטנע װאַסערן, האָבן א סך זיך באַקלאָגט, אַז זײ זענען קראַנק געװאָרן.

זי האָט זיך געכאַפּט בײם קאָפּ: עפּעס אַ מום איז פאַראַן אין איר, ס׳שפּירט דאָס מיאוסע שטאַרקער װי דאָס שײנע, — איז װי זאָל זי זיך נוהג זײן? װי?!..

— — —

דעם גאַנצן אינדערפרי האָבן רחלס געדאַנקען זי געשטיקט װי אַ שמאַ־לע צװל אין תפיסה. זי מוז עפּעס טאָן. אַניט װעט זי משוגע װערן. װען זי מיט גיטלען זענען געװען קלײנע קינדער האָבן זײ זיך געחברט. נעכטן האָט גיטל זי אפגעשטעלט: ״רחל, לערן מיר צו אביסל אַריפמעטיקע״. זי האָט זי אַרײנ־גערופן, געװיזן װײס־בלאַנקנדיקע לאַװענטענע העמדער, װאָס זי נײט אויס אײדער זי נײט זײ אויף. ״דו, רחל, ביסט אַװעק לערנען, און איך האָב זיך אויסגעלערנט צו זײן אַ נײטאַרין״. האָט גיטל געזאָגט מיט שטאָלץ. ערשט

פאַראַיאָרן האָט זי זיך געשעמט, וואָס זי איז אַ נייטאָרין. שאַ, אויב אַן וויסן לערנט מען זיך אַזוי גוט אויס אַ מלאכה — איז זיך מיט וויסן אוודאי.

רחל איז צו צו דער דינסט:

— חיה, איך וועל היינט אויסקאָכן דאָס גרעט. זאָגט מיר נאָר וואָס דאַרף מען טאָן.

אין גרויסן קאַמער, האָט רחל מיט איין אַרומגעוויקלטער האַנט צוגעהאַלטן דאָס קעסל ס׳זאָל זיך ניט אַראָפּרוקן פון דער ברייטער טרינישקע — און מיט דער אַנדערער געמישט, מיט אַ לאַנגן, הילצערנעם לעפל, דאָס קאָכעדיקע גרעט.

די מוטער האָט געשריען:

— דער רויך וועט דיר אויפעסן די אויגן, וועסט בלינד ווערן.

רחלס טרערן זענען געווען פול מיט פרייד פון אייגענער מי, זי האָט געטראַכט פון דער איינגעבויגענער חיהן: מדאַרף שאַפן אויסגעהאַלטנקייט אומעטום.

אַ דערינערונג איז געקומען צושפּרינגען: ווען די מאַמע האָט געזען, אַז דער גאַנצער שטאָטס רעדן, אַפּחוזקן פון דעם זיבצניאָריקן חיימן, פאַר זיין ווערן אַ וועגעטאַריער, רירט אים ניט — האָט זי געוויינט. זי האָט אים צוגעזאָגט: „הונדערט, צוויי, דריי, — פינף הונדערטער״. זי האָט זיך געשוואוירן אַז ער וועט עס קענען אויסגעבן אויף וואָס ער וועט וועלן — אַבי ער זאָל צוריק אַנהויבן עסן פלייש״.

חיים: „כוואָלט אויסגעשריבן די בעסטע ביכער, די גאַנצע עספעראַנטישע איבערזעצונג, זיך פאַרבונדן מיט זייער געזעלשאַפט, געוואָרן...

„נו, נו! האָט אים די מאַמע געאײַלט, — נאַ פאַרברען דאָס געלט, פאַרשרפע עס — נאָר ניט קיין משוגענער וועגעטאַריער. — ס׳איז מיר אַ בזיון די גאַס דורכצוגיין״.

חיים האָט אַזוי שטראַלנדיק געשמייכלט: „ניין! כ׳וועל זיך ניט פאַרקויפן — צוליב מיין פאַרגעניגען״.

שפּעטער מיט אַ זעקס יאָר האָט מען חיימן גערעדט רייכע כלות. איינע מיט אַכט טויזנט נדן, אַ שיינע, אַ געבילדעטע, זי האָט געהאַלטן אין איין שרייבן בריוו. חיים האָט אַלע ווײַלע אַרויסגענומען איר פאָטאָגראַפיע, וואָס זי האָט אים געגעבן אין אָוונט פון זייער „אַנקוקן זיך״. ער האָט עס געדרייט נערוועאיש: „יאָ, זי איז מיט אַלע מעלות — ווען זי זאָל ניט זיין אַ בלוט־פרע־

סערן״. און טאַקע גענומען אַן ארים מיידל, וואס האט אים צוגעזאגט צו זיין אַ וועגעטאַריערין.

רחל האט דערהערט פון זאַל סאַשען זיך פרעגן אויף איר. זי איז אַריין אין צימער איבערטאַן זיך. די פּאַרטאַגיקע זשמעניע ווייסער שניי האט זיך צונויפגעמישט מיט איר ברודערס דערדריקטע־פּאַרלאַנגען — צוליב אַ העכערן ציל, און רחלן אינגאַנצן צעמישט, עס האט זי ניט ארויסגעלאזט פון צימער! עס האט זי באַטויבט: „מיט דיר וועט סאַשע ניט זיין גליקלעך, דאָס ערגסטע וואלט נאָכגעפאָלגט — זיין אידעאַל...

רחל ווייסט, ווי איינקע אין גרויס פיבער: זי טראַכט משוגעת, און קען זיך ניט קאָנטראָלירן. זי פליט אין אַ מיראַזש... אַלץ איז מיטן קאָפּ קאַפּויר... סאַשעס צוקונפטטיק, קינסטלעריש שאַפן שטופּט איר האַנט צו דער פען. באַ־פעלט! „שרייב!״ וואס זאָל זי שרייבן? צוליב וואָס?! ווייסט זי בשום אופן ניט.

אַ ווייטיק האט אַנגעצונדן איר רוקן־ביין, געלאָפן אין קאָפּ אריין: זי וויל זיך ניט אפזאגן פון אים, זי קענט טאַן אַזאַ אומגעהערטע זאַך!

אַ פּאַרווירטע, אַ צוטומלטע איז זי צו צו סאַשען, אַריינדערלאַנגט אַ קווי־טעלע אין זיין האַנט און איז אוועק.

ער האט געלייענט: „צווישן אונז איז אַלץ אויס״. ער האט געדרייט דאָס פּאַפּירל אויף אַלע זייטן. ניט געגלויבט! געזעסן און געוואַרט.

דער פלוצלינגדיקער, האַסטיקער פאַל פון העכסטן באַרג — צום טיפן אפגרונט האט אים צוטומלט: זאלן די פּאָר געציילטע, טויטלעכע ווערטער — טאַקע אַלץ אומברענגען?

קאַפּיטל פיר-און-צוואַנציק

ווען די ברידער האָבן באַשטימט צו צעטיילן זיך מיט דער ירושה האָט מען געזאָגט: „די זין בלייבן ביי די נחלות, די טעכטער איז מען זיך נוהג אַרויסצוצאָלן. די מאַמע האָט געגעבן נדן פאַר רחלן — וועט איין צימער ביי חיימן זיין פאַר איר ביז זי וועט הייראַטן".

רחל איז אַריין אין איר צימער ווי אַ פאַרברעכער: די גאַנצע וועלט איז קעגן איר. זי האָט אַראָפּגעשמיסן אַ פּאָר ביכער פון דער הויכער עטאַזשערקע: פּאָעזיע! יעדעס אות — איז איר שונא!

זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער קאַנאַפּע, אירע באַליבטע שרייבער האָבן שטרענג אַראָפּגעקוקט פון די ווענט. אפילו די נאַטור־בילדער פון די גראַוויורעס, איבער איר בעט, זענען מאָדנע ווילד געוואָרן. די לבנה, וואָס האָט זיך, ווי אַ זון געבאָדן אין לויטערן טייכל — איז געוואָרן אַ נאַריש געל באַשעפעניש... אַט ווערט דער טייך רויט מיט בלוט.... רויטער!...

איר טרויעריקער בליק איז געפאַלן אויפן פּלושענעם אַלבום: זי איז אַ פאַרשאָלטענע מיט זיין צופּיל געבענטשט. —ביים גימנאַזיסטן־באַל איז ווייל זי האָט געקראָגן מער „פליענדיקע פּאָסט" פון אַלעמען — האָט מען איר צוגעטראָגן דעם אַלבום. די גימנאַזיסטן פון אַכטן קלאַס פון דריי גימנאַזיעס האָבן צוזאַמען דורכגעפירט יענעם באַל, יעדער בחור איז געקומען מיט אַ באַקאַנט מיידל. ביי דער ערשטער „פליענדיקער פּאָסט" האָט זי, צופעליק, געקראָגן אַ סך בריוו. און נאָכדעם איז זי זיכער, אַז די גימנאַזיסטן זענען אַריין אין אַ שכורער וואַקכאַנאַליע. — מהאָט זי פאַרוואָרפן מיט פּעק בריוו. ווען די מוזיק האָט אָנגעהויבן שפּילן אַ באַגריסונג־מאַרש פאַר איר — איז איר פּילן זיך שטאַרק שולדיק פאַר יענע מיידלעך, וואָס האָבן, כמעט, אַדער טאַקע גאָר קיין בריוו ניט געקראָגן, דערגרעכט איר אַזוי טיף — אַז זי האָט אַרויסגעכאַפּט דאָס גאַנצע געלט פון איר בייטל און אַ וואָרף געטאָן די קלעזמער. זיי זאָלן אויפהערן שפּילן! זי האָט געשריען ניט מיט איר קול: „דער אַלבום קומט מיר ניט! די גימנאַזיסטן מעגן זיין ברוגז — אָבער איך מוז זאָגן דעם אמת — זיי האָבן זיך אָנגעשכורט נאָך איידער דער באַל האָט זיך אָנגעהויבן און ניט געוואוסט וואָס זיי טוען!" זי האָט געהערט מיידלעך זאָגן: „דאָס האָט זי אַרמיסטן געטאָן צו אויסנעמען נאָך מער". יענעם בזיון וועט זי קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

די גימנאַזיסטן האבן געקושט איר קלייד, אירע שיך — אַ ווי עקלדיק! די אנגעזויפטע לערערס האבן זיך געוואַלגערט אויפן דיל פון פאַרשלאָסענער קאַנצעלאַריע, ווי געפגרטע הינט. בלויז צוליב אַ געוועט האבן צוויי ווילדע מיידלעך זיי אַהין פאַרנאַרט. איינער האט געכליפעט מיט טרערן: ער האט קיין מזל ניט, — פונם ערשטן מאָל וועז ער איז געגאַנגען זינדיקן האט זיך לעבן אים געזעצט איינע, אירע אויגן האבן גאר ניט געקוקט אויף אים, אבער פונקט אַזעלכע ווי ביי זיין טייבעלע בעת דער גערטנער האט עס געהאַלטן אין קוילן, — און אַזוי, איטלעך מאָל, וועז ער גייט אַהין, טרעפן זיך אים ניט־דערשאכטענע אויגן.

אַן אנדערער האט געצאַרנט: „אים קומען אַן גאַלע חוצפּהדיקע ! אַזעלכע ! ער וואלט זיך בייטאג געמיאוסט אפילו צו אויסשפּייען אויף זיי ! און דאס מאַכט פון אים אַן הכנעהדיק־פּירפּיסלדיקס״.

אַלע גימנאַזיעס זענען געגאַנגען כאַדראַם מיט די לערערס „פאַר־שטערטע פאַרגעניגן״.

רחל האט זיך געקריגט מיט זיך: דער שטאַרקער ווילן דאַרף האבן אַ שליטה איבערן מענטשן. אבער זי ווייסט ניט, וואס איז וואס ? זי פילט סהאט זיך פון איר אפגעטאָן דאָס גאַנץ ביסל וויסן און קיין פּראַקטישן וועג האט זי אויך ניט... זי וועט לויפן זאגן סאַשען ווי נאַריש זי איז געווען, אַדער פשוט — זי האט געוואָלט זען ווער נאך וועמען וועט זיך גיכער פאַרבענקען — און אַט איז זי געקומען צולויפן!

איר פּנים האט זיך אַ טרייסל געטאָן מיט צעקרימעניש, ווי ווען מ׳טרעט אַריין אין עפעס געדיכטס, אומריינס: אין שאַרס אכסניה שטייט סאַשע איין. די סוחרים, באַלעגאַלעס און אַלע דאַרט פינטלען זיך גאַר איבער מיט דעם „איינ־פּארס״ פינף טעכטער.

רחל האט אַ פאַרצווייפלטן מאַך געטאָן מיט דער האנט: דאָס שטענדיקע צווייפלען, ניט געטרויען — וועט ווי זייער קעצל מיאַקן און דראַפּן די טיר. — וועט זי דען קענען עס ניט אריינלאָזן?

זי האט צוגעשפּאַרט דעם שטערן צום געפרוירענעם פענסטער: זי גייט אַראָפּ פון זינען סיי פון איר שטאַרקער ליבע, סיי פונם ניט וויסן צי איר פליכט איז צו גיין מיט אים, צי אפזאגן זיך.

אַ בילד איז פאַר איר אויפגעשוואומען: דער אַכט־און־צוואנציק יאָרי־קער באַגדאַנסקי מיט דער בעלמע און קלוגן ברוינעם אויג. תמיד ציפּעט ער

זיינע ברוינע וואַנסעלעך. שטענדיק גייסטיק אויפגעלעבט, אַ ליבהאָבער און קענער פון שפּראַכן, — ער זאָגט: „די קולטור ווערט געשאַפן פון פאָלקס גייסט — דאַרפמען לייענען יעדע ליטעראַטור אין איר שפּראַך". ער וואוינט צוזאַמען מיט ווייצן — אַ קריפּל, וועמענס קאָפּ באַוועגט זיך אויף „ניין". ביידע זייער נויטבאַדערפטיק, אַ קליין נאַס צימערל. באַגדאַנסקי לאַכט! „אַז סווערט אונז שטאַרק קאַלט עפנט מיר דאָס פענסטער — דער דרויסן זאָל אונז דערוואַרעמען". זי געדענקט, ווי ווייץ האָט אים פאַרגעוואָרפן: „אַז די קאַלעגן דיינע זענען אַלע זין פון רייכע טאַטעס און אַחוץ שכרות און אויסגעלאַסנקייט טוען זיי סיי־ווי גאָרניט מיט זייער געלט, — איז וואָס ציטערסטו אַזוי, נאַריי־שער בונדיסט, צו אנרירן זייער פאַר רובל אויף האַלץ, וואָס זיי האָבן דיר פאַר־געלעגט".

דערמאָנענדיק זיך אין ווייצס משונה־דרייענדיקן קאָפּ איז רחל נאָך טרויעריקער געוואָרן: אינוויינייק אין איר איז אויך אַזאַ משונהדיק — „ניין"־חולאת.... זי שפּירט זי וואָלט סאַשען פאַרגעבן זיינע געוועזענע „ליבעס". — אַ קינסטלער, אַ קאָמפּליצירטע נאַטור. זי האָט זיך שוין צוגעוואוינט צו זיין בי־טערן; פאַרקערט, אפשט איז זיין אַרט רעגונגען פאַרשטאַרקט איר אַכטונג צו אים. אָבער זיין רויִע־ליידנשאַפט.

אפשר באַגדאַנסקי מיט ווייצן וואָלטן איר דערקלערט אירע ליידן. ניין! זי דאַרף זיי ביידע נישט! זיי וואָלטן געלאַכט: „משוגעת! קיין איין מיידל פאַרשטויסט ניט איר געליבטן דערפאַר. זיי וואָלטן אויך באַרעכטיקט דאָס הערשנדיקע רעכט פונם מאַן אויף אַלץ און אַלעמען.

זי האָט צעעפנט איר אַלבום: — ווייץ, וואָס האָט איר זיך געטראַכט בעתן אנשרייבן דאָ קאַנטס פילאָזאָפיע?

„פון דעם וואָס דער מענטש וועט זיך קיינמאל ניט פירן פונקט לויט דער ריינער אידעע פון זיטלעכקייט — איז לחלוטין ניט געדרונגען, אַז די אידעע זאָל כלומרשט זיין בלויזער חלום".

זי האָט זיך ביטער צעלאַכט: — און איר באַגדאַנסקי — וועלכער רופט די אינטעליגענציע צו צונויפגיסן זיך מיט די אינטערעסן פון פאָלק — האָט איר דען ניט געשטראַלט מיט באַגייסטערונג פון ניטשעס באַשטעטיקן, אַז איי־ניקע מענטשן זענען באַוויירקט מיט עפּעס אַן אינזיי העכערס, וואָס איז שטאַר־קער פון זייער פאַרשטאַנד"... יאָ, ס'איז אפילו שטאַרקער פון די געפילן, וואָס רייסן פון איר שטיקער זיי צו באַפרידיקן.

געדיכטע פלעקן זענען ארויס אויף רחלס פנים, עפּעס אַן אויסטערלישע שרעק, אַ משונהדיקער טרויער האָט פאַרקלעמט איר האַרץ: — איז עס מעג־לעך, אַז אין דער געזעלשאַפט זאָל זי קיין אָרט ניט געפינען? איז עס בלויז איר פערזענלעכע, אידעאַלע מאָראַל? — איר נאַרישע אילוזיע? ...

— — —

סאַשע איז געװען אױפֿן שװעל פֿון צוזאַמענברוך: אַזאַ אױסגאַנג פֿון זײַן גליק, פֿון האָפֿנונגען! פֿאָטער װײַטער! װען דו װײסט װי דײַן זון נײטיקט זיך אין אַ נאָענטן שמועס מיט דיר. דו, מיט דײַן גאונישן קאָפּ — װאָלסט מיר געהאָלפֿן.

מיט אַ קינדיש האַרץ האָט ער געװײנט.

די פֿאַרשטײער פֿון דער אינטעליגענציע פֿון שטעטל זענען זיך צונויפֿגעקומען. סאַשע האָט אָנגעשריבן רחלן אַ בריװ — זי זאָל אים טאָן די טובה און קומען צום קאָנצערט. ער װעט דאָרט לײענען נאָך לידער, װאָס ער האָט פֿאַר דער לעצטער צײַט אָנגעשריבן.

ער האָט אַרײַנגעלעגט אַ בילעט און געװענדעט זיך צום שיק־אינגל:

— טראָג אָפּ די בריװ צו רחל פֿרענק.

װי נאָר רחל האָט דערזען סאַשעס האַנטשריפֿט האָט זי זיך אינגאַנצן פֿאַרלאָרן. אירע געדאַנקען האָבן זי צעטומלט. זײַן איטלעך אױסגעטאַקט אות האָט גערופֿן: „ניטאָ קײן גרעסער גליק — װי פֿאַרגעסן זיך אין זײַנע שטאַרקע אָרעמס״.

זי האָט אױף גיך באַצאָלט דעם אינגל:

— גיט צוריק דעם בריװ בײַ װעמען איר האָט אים גענומען.

מיט אַ שטראָם טרערן איז זי אַרײַן צו זיך אין צימער. אין איר לעבן האָט זי קײנעם ניט אַזױ פֿײַנט געהאַט װי זיך אַלײן. זי האָט זיך דאָס ערגסטע פֿאַרגעװאָרפֿן: זי איז נאַריש, פֿאַרדאָרבן. װי קען מען אַפֿילו טראַכטן יענער זאָל לעבן לױט מײַן פֿאַרשטאַנד — װען אַלײן טו איך דעם הפֿוך. אַט װיל זי ס׳זאָל אַרױסקומען עפּעס גוטס און באַשאַפֿט אַזױפֿיל שלעכטס! זי װעט לױפֿן זיך אַנטשולדיקן.

זי האָט געכאַפּט דעם מאַנטל און אַרױס אין גאַס. איר קוזינע פּעניע איז איר אַנטקעגנגעקומען, געמוסרט פֿאַרן פֿאַרפֿעלן די פֿאַרזאַמלונג, דערהױפּט פֿאַר איר אומענטשלעכקײט צו שטערנען:

— מיר האָבן זיך דערשראָקן פֿאַר זײַן בלאַסקײט, װען דאָס אינגל האָט, אין דער אַנװעזנהײט פֿון אַלעמען, אים צוריקגעגעבן זײַן בריװ. פֿע! מטוט ניט אַזױ! אָפּשיקן אַ פֿאַרמאַכטן בריװ! מ׳טוט כאָטש אַ לײען װאָס שרײַבט ער דאָרט?..

רחל האט איר גארנישט געענטפערט. זי האט געאיילט אַהיים, זיך איבערטאָן און פאַרכאַפּן סאַשען איידער דער אוונט הויבט זיך אָן. — זי וויל, אַז אַלע זאָלן זעען ווי זי אַנטשולדיקט זיך פאַר אים.

לעבן זייער הויז איז ווי אויסגעוואַקסן דער סטודענט שייפער:

— איך גיי פון אייך — כ׳בין אייך געקומען איינלאַדן צום קאָנצערט.

מער פעלט איר ניט, נאָר צו ווייזן זיך מיט אַן אַנדערן:

— כדאַנק אייך זייער, נאָר זייט אַ גוטער און אַנטשולדיקט מיר, כקען היינטיקן אוונט ניט גיין מיט אייך.

שייפער האט אנגעשטעלט אויף איר זיינע פייגלש־קליינע אייגלעך:

—דעם פאַעט וועט באַליידיקן אייער ניט קומען.

מיט אַ ציטערנדיק־קול האט זי אויסגערופן:

—כבעט אייך, גייט זאגט, אַז כוועל באַלד קומען!

אַבער שייפער איז צוגעפאַלן צו אירע ליפּן. — זיין מויל באַוועגט זיך:

— דעם אמת זאגן, האט דאס, מיין פריינט מיך געשיקט אייך רופן צום קאָנצערט, איר זענט זיין מוזע, די קיניגן פון זיין האַרץ. אבער איך אויך האב זיך ניט געקענט אפּהאַלטן פון כאטש אַ קוש טאָן אַזאַ רייצנדיקע אידיליע. עס ארט מיך ניט מיין אומאַרענטלעכקייט צו אים.

אין רחלס זכרון זענען אויפגעשוואומען סאַשעס רייד וועגן פרויען... אַן אַ וואַרט איז זי אַוועק פון שייפערן, מיט אַ פאַרדראָס אויף אַלע מענער. — זיי זענען אַלע פאַלש! שייפער אַ סטודענט פונם יורידישן פאַקולטעט. — ווע־מען מעג מען פאַרטרויען? קיינער פון זיי פאַרדינט ניט אַ מיידל זאָל אַזויפיל יסורים איבערלעבן צוליב אים.

פּלוצים האט זיך איר כעס אויסגעניכטערט: ערשט די אָרימע, אַלטע סטודענטן, וועמען עס קומט אַזוי שווער אָן דאַס דערשלאָגן זיך צו זייער ציל, — בענקען צו קושן אַ יונג מיידל.

זי האט זיך פאַרשעמט: שייפערס שווערע, מאַטעריעלע לאַגע האט פון אים אַוועקגענומען די האָפנונג צו דערנענטערן זיך צו איינער. עס פאַרדריסט איר אַזוי שטאַרק, זי קען זיך ניט מוחל זיין — וואָס זי האט ניט פאַרגלעט זיין קושטאָן זי מיט עפּעס א שפּאַס׳ק וואָרט און פּטור.

זי האט שוין געהאַלטן דאס הענטל פון טיר: זי וועט איילן צום קאָנ־צערט! נו, און טאָמער וועט פון איר וועלן גוט מאַכן — שייפערן נאָך ערגער ווערן...

אַ פאַרצווייפלטע האָט זי אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער. די שיינענדי־קע לבנה האָט זיך באַהעפט מיטן קלאָרן, ווייסן שניי.

אין יענעם ווייטן נעפּל איז אַ זאַל איבערפולט מיט מענטשן. — אַט זיצט שייפער מיט זיין אויסגעקיילעכטער פּליצע, זיין קאָפּ — ווי ער וואָלט זיך גאָרניט אנגעקערט מיט זיין קערפּער. אַזוי פיל צער! אויף וועמען צאָרנט סאָשע?... ער לייענט זיין: „דער פאַרבאָטענער גן־עדן" — ער שרייט אַריבער זיין דערשלאָגן געמיט מיט אַ שווערן משפט אויף איר...

די לבנה האָט זיך ערגעץ פאַררוקט. רחל האָט, פאַרנאַכט, צו מערב, גע־זען דאָס בית־המדרש איבערפול מיט אידן. מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ האָבן זיי האַרציק געדאַוונט. ווייבער פון דרויסן האָבן געלאָזט טרערן: „גאָט אין הימל דערבאַרעם זיך אויף דיין פאָלק".

רחל ציטערט: איין אידענע האָט געטענהט — „גאָט! פאַרוואָס האָסטו דעם מענטשן־חיה געטרויעט די שלעכטיקייט?! ווייסטו דען ניט אַז אַ חיה כאַפּט זיך גיכער צום שלעכטן!"

פונם ווייסן שניי זענען געוואָרן געשענדעטע טלתים, פאַרחושכטע, צעריסענע, פאַרשמירטע מיט פאַרפּייניקט בלוט... אַלע הייזער דאַוונען, טענהן צו גאָט... אַ גרויס געבעט רייסט זיך פון זייער שטילקייט...

אין דער פרי איז ליזע געקומען צולויפן צו רחלן און דערציילט, אַז סאָ־שעס לידער האָט דאָס פּובליקום אויפגענומען מיט גרויסע אָוואַציעס.

—עס ברעכן אים מסתם נאָך איצט די הענט פון וויטעווען זיך מיט אַלע־מען, די מיידלעך האָבן אים ניט אָפּגעלאָזט. און מאַניע בראָנשטיין מיט קאַטיע שאַפּיראָ ווייסטו זיך זיי... אין קלוב האָבן זיי אים פאַרפירט. כאָטש מ׳האָט דאָרטן ליב אַ אידן, וואָס שפּילט ניט אין קאָרטן, ווי אויגן ווייטיק, נאָר צוליב אידישע מיידלעך זענען ביידע נאַטשאַלניקעס, אי פון פאָטשט, אי פון באַנק צו־געקומען מיט זייערע פריינט צו אונזער טיש.

„מאַניען האָט לוביטש צוגעשאַרט אַ היבש ביסל בראָנפן, געהייסן האָט עס וואָסער, אָבער זי איז ווי אַ קאַטינקע נאָר געקראָכן צו סאָשען.

„ער האָט געליינט דאָרט צוויי לידער און אַלע קריסטן זיינען צוגע־קומען, געציילטע האָבן געלויבט זיין שרייבן. אָבער פיל האָבן געוואָרטשעט, אַז אידן לערנען אויס ביי זיי די גאַנצע תורה.

ליזאַ האָט אַרומגעכאַפּט און געקושט רחלן:

— ערגער זיך ניט. דו ביסט ביי אים, ווי ביי אַ באמת פרומען מאַן זיין זינד, — דעם טאָסט האט ער געהויבן: „פאַר מיין הימלישער כלה, פאַר איר מיסטישן רייץ!"

רחל האט זיך געגריבלט אין אירע טרויעריקע מחשבות. זי האט געוואָלט פרייען זיך מיט זיין דערפאָלג; עס וועט אים דערמוטיקן, ער וועט ניט פילן איר פאַרדאַרבנקייט. זי האט ניט קיין שום רעכט צו זיין אייפערזיכטיק.

אָבער דאָס טאַטשען האט ניט אפגעלאזט. זי הערט ווי עמיצער טרויערט: „אַ איד מעג אפילו זיין דער בעסטער רוסישער פאָעט — אָבער אז דער אנטי־סעמיטיזם האט זיך צעוואַקסן נאָך ערגער ווי תמיד.

זי פרעגט: צו וואָס איז בכלל דאָס לערנען רוסיש? זי טרייסט זיך: שאַפן און וויסנשאפט איז אינטערנאַציאָנאַל. סאיז אַזאַ פרייד צו שטודירן די מייסטערווערק, כאטש סאיז איבערזעצט פון אַנדערע שפּראַכן.

— אָבער פאַרוואָס זאָלן אידן טראַכטן, לערנען אויף פרעמדע שפּראַכן? עס קען זיין — ווען מיר זאָלן זיך גייסטיק אויסלעבן אין אונזער שפּראַך — וואָלט אונזער אידיש־שאַפן צוגעטראָגן גאר עפּעס נייס צו דער גאַנצער וועלט קולטור. די קריסטלעכע וועלט נעמט צו דאָס בעסטע ביים אידן — אַלס אַ קומנדיקע זאַך. אים אַליין — פאַרשפּייט זי דאָס פּנים.

קאַפּיטל פינף-און-צוואַנציק

אַנגעשטעקטע מיט רעוואָלוציאָנערע אידעען זענען צוויי בחורים געקומען צו רחלן מיט אַ פֿאָרשלאָג: אויב זי קען ניט צוריקפֿאָרן לערנען — איז זאָל זי זיך פֿאַרשרייבן צו געבן פֿרייע לעקציעס. מדאַרף דערקלערן דעם פֿאָלק, ווי וויכטיק ס'איז דער זיג פֿון דער רעוואָלוציע.

רחלס מוטער האָט מיט אַ וואָונק זי אַריינגערופֿן אין צווייטן צימער:

— טאָכטער, איך בין ניט פֿון די אַלטמאָדישע מאַמעס, אָבער הייַנטיקע צייטן דאַרף מען זיך היטן מיט וועמען מקומט זיך צונויף.

זי האָט זיך צוגעבויגן צו רחלן, ווי זי וואָלט איר פֿאַרטרויט עמיצענס אַ שרעקלעכע זינד:

— געדענקסט ברייטמאַנען? - פּונקט ווען ער האָט אָנגעהויבן פֿאַרדינען גרודעס-געלט, איבערגעבראַכט זיין מוטער מיט די קינדער און זיי האָבן אָנגעהויבן צו וויסן פֿון אַ גוטן טאָג, — האָט אים אַ כאָנדראַ פֿאַרדרייט — און ער שפּאַנט שוין אין אַ גויאיש פּעלצל, מיט אַ האַק אויף די אַקסלען, און אַזוי, אַן איבערגעקערטער, איז ער אַוועק ערגעץ אין אויסרייסעניש, האַקן האָלץ אין וויסטע וועלדער. ער שיקט נאָך בריוולעך דער מאַמען זייַנער, דאָס גרויסע פֿאַרגעניגן אירס.

רחל האָט זיך איינגענורעט מיט דער באַק אין איר מוטערס אָרעם:

— אָה, מאַמעס, איך פֿאַרשטייט ניט אייערע קינדערס ליידן . . . זי האָט אַרויפֿגעשמייכלט — איך זאָל געווען נעמען לייביש ר' ישׂראלס — וואָלסטו דאָך אויך געהאַט אַן „איבערגעקערטן" איידעם.

— טאַקע דאַנקן גאָט פֿאַרן חסד.

מיט אַ שטאַרק געלעכטער איז רחל אַרויס פֿון צימער.

ביים ברודער ברוך אין גראַמען, ליכטיקן זאַל, וואו מהאָט געקענט פּראַווען די גרעסטע חתונה, זענען ביידע אירע באַקאַנטע געשטאַנען לעבן לאַנגען ווייס-דעמבאָווע טיש און באַטראַכט די שטולן מיט די בופעטן:

— מקאַרבט שוין מער ניט, משניצט גאַרנישט אויס. פּשוט ווי די נאַטור האָט עס געהאַט, בלויז מייסטעריש אָפּגעהובלעוועט.

— אַזאַ שיין, נאַטירלעך לעבן דאַרף מען אויסקעמפֿן.

די אידעען, וואָס די צוויי בחורים האָבן אַרומגערעדט, האָבן, ווי מיקראָבן פֿון אַ קראַנקהייט, באַהערשט רחלן: זי ווייסט עס אויך, אַז די מערהייט פֿאַרשטייט אַזוי ווייניק, ווי זיי וואָלטן גאַרנישט באַנוצט זייערע מוחות.

— געוויס. איך וועל שוין גיין מיט אייך צו פֿאַרשרייבן דערוואַקסענע צום לערנען.

אויפֿן וועג אַהיים, פֿאַרבייגייענדיק ליזעס הויז, האָט רחל מער ניט געקענט זיך באַהערשן און אַריינגעגאַנגען אַהין.

סאַשע איז געזעסן פֿון אויבנאָן, אַרומגערינגלט פֿון אַלע זייטן מיט מיידלעך. פֿאַמעראַנץ האָט זיך אַרומגעדרייט איבער דער שטוב. ער האָט אויסגעזופֿן:

— רחלי! כּהאָב שוין טאַקע שטאַרק געבענקט נאָך אייך! טוט מיך אַ קוש. — האָט ער אונטערגעשטעלט זיין באַק. אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

זי האָט אים געפֿרעגט:

— וואָו האָט איר איינגעהאַנדלט אייער שטענדיקע גוטע שטימונג? כ׳וואָלט אויך געוואָלט קויפֿן איינע פּאָר זיך, אָבער געקושט וואָלט איך זיך מיט עמיצן אַנדערש. פֿון קליינערהייט האָב איך פֿיינט זיס — דערהויפּט אַ גודנע זיסקייט.

ווידער האָבן זיך אַלע צעלאַכט.

רחל האָט דערפֿילט אויף זיך סאַשעס בליק מיט דעם זעלבן צאַפּל ווי אין זיך אַליין און מורא געהאַט אויפֿצוהייבן די אויגן.

אַ שאַרפֿע אומרו האָט זיך צוקאַפּריזעוועט אין איר: זאָלן אַנדערע, צוליב דער מענערשער אומפֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, זיך באַזאָרגן מיט חתונה פֿאַרמאַליטעטן: די הייליקייט וועגן חופּה וקדושין זענען צעטרעטן געוואָרן נאָך ווען זי איז אַ קליין מיידל געווען. — יענעם פֿאַרטאָג בעתן אַריינלאָזן איסרן דורך דער הינטערטיר. — זיי האָבן דערזען מנשה חזנס דאַרע, בלייכע האַנט ציט זיך אַריבער פֿון זיין בוידעם צו זייערע הויכע ווענט מיט האָלץ. — די מאַמע האָט אָנגעזאָגט זיי זאָלן זיך ניט דערוועגן דערציילן עמיצן: „ער איז זייער אַ פֿרומער איד — נאָר נעבעך אַ גרויסער עני־ואביון״. אָבער דעם שיק־אינגל האָט מען געהייסן מאַכן דריי „ווענט״ האָלץ אַנשטאָט די צוויי. ער האָט זיך געחכמיט: „ביז פֿאַרטאָג זאָגט ר׳ מנשה תהילים און איצט וועט ער אפֿילו קיין איין שטיקל ניט קענען דערלאַנגען״. חיים האָט געצאַרנט: „וועז ער אַרבעט אָבער אָפּ דעם טאָג אין פֿעלד — ווי זיס און הערלעך וואָלט געווען זיין תהילים״. פֿון יענעם טאָג אָן האָט זי אויפֿגעהערט גיין צו דער „הויכער־שול״ קוקן אויף חתונות.

סאיז נאַריש, זי וועט זיך צונויפֿגיין מיט סאַשען אָן שום צערעמאָניעס,

בכלל דאַרף מען ניט טראַכטן, אַז מאיז אויף אייביק צוגעבונדן איינער צום אַנדערן.

פּאַמעראַנץ האָט זיך צוגעבויגן צו רחלן מיט אַן ערנסטער מינע:

— הייסט עס העגלס שטיצן זיך אויפן כח פון שכל — איז דער תוך פון אייער וועלט. און פּע, פּע זיס! בראַוואָ פאַר אַזאַ מיידל!

שייפער האָט אויסגעצויגן מיט זיין הייזעריקער שטימע:

— רחל איז פון יענע, וועלכע גלויבן אַז דער באַזעס פון לעבן מוז זיין דאָס עסטעטיש שיינע. עפּעס אַ סך תלמידים הייגט פאַרעגעסטרירט?

זי האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— שיינע רייד, צו ממשותדיקס קומט עס ניט. סאיז גאָר ניט קיין גרינגע זאַך: קומסט צו דער אָרימער יוגנט: „יאָ". זאָגן זיי אַלע. זייער קול ציטערט אַזש: „אַוודאַי ווילן מיר קענען". זייערע אויגן ווערן גרויס, קיילעכדיקע עמערס מיט גליק.

מיינסט אַט קומען זיי זיך לערנען. שמייכלען זיי אָבער לעקעשעוואַטע און לאָזן אויס: „כוויס? כ'שעם זיך... כי". — כ'וויס? מ'זאָגט באַלשעוויקעס באַהאַלטן זיך הינטער די, וואָס גייען אַרום אונז פאַרשרייבן.

שייפער האָט געגעבן אַ האַסטיקן, צאַרנדיקן שפּרונג אויף, אַזש זיין אויסגעבויגענער רוקן איז דאַכט זיך גלייך געוואָרן:

— נויט, פינסטערניש, פאַראַכטונג נעמען זיי אומגעפרעגט, און ביל־דונג שרעקן זיי זיך: „ווער שטייט דאָרט פון הינטן?". מיט גוואַלט דאַרף מען זיי טרייבן. ממוז אויפקלאַפּן זייערע מוחות.

בילדער פון אומריינקייט אין די אָרימע שטיבער האָבן אַ שווער גע־טאָן פאַר רחלן: די ענגשאַפט, דער ברוד פון דער נויט האָט אויף די ווייבער עפּעס אַ באַזונדערן שטעמפּל געלעגט, אָבער די קליינע קינדערלעך זענען ליב ווי אַלע קינדער: אייניקע מיט דער געבוירענער פריילעכקייט, אַנדערע מיט זאַפטיקע, פאַרחלומטע אויגן.

פּאַמעראַנץ האָט זיך צעשמייכלט:

— מיין טאַטע גייט שוין אַרום מיט אַ בייזער באָרד: „אַ צרה, סאַציאַ־ליסטלעך, זיי ווילן אריינשלעפּן אין אַ בלאָטע, כ'הער שוין, זיי ווילן מאַכן אַ קלייזל פון בחורים מיט מיידן".

סאַשע האָט זיך צעלאַכט. — כאַ! כאַ!...

רחלס פּנים האָט זיך אָנגעצונדן מיט בזיון פאַר זיך, פאַר אַלע. זי האָט

דערפילט אַ טרוקענקייט רייסט איר האַלז. זי האט אינסטינקטיוו גענומען אַ גלאז צו גיין נאָך אַ טרינק, נאָר אין צווייטן צימער האט זי געכאַפּט איר פּאַלטא און אַוועק אַהיים: גוסטאַוו, זיסקינד, זיי וואַלטן שוין אַן עצה גע־געבן ווי אַ נעם צו טאָן זיך צו דער ארבעט.

— — —

סאַשע האט דערשפּירט: רחל איז ניטאָ.

ער איז אַריין צו זיך אין צימער. די ברעמען צונויפגעצויגען, די אויגן דעקלעך קרום־פאַרשניטן: אַ משונהדיק מיידל, זאָל גאָר וועלן איר „ניט וויסן" אַנהענגען אים, וואס ווייסט אַזוי „צו גוט" דאָס לעבן.

זיין כעס איז נאָך ביטערער געוואָרן: העי! דו, טייוול, שאַטן מיינער! אַ שוואַכינקער ביסטו ווען עס קומט צו איינגעמען אַזאַ „הייליק מיידעלע" — זי איז שטאַרקער פון דיר!

סאַשע האט, אַ דערצאָרנטער, זיך געריִיצט, געראַנגלט מיט טייוואַלים: איר זעט ווי „אַ צו פוריטאַנישע" דערציאונג האט זי צופּאַטערט.

ווי א פאַרסמטע מויז — האט ער זיך געדרייט איבערן צימער: די קליינשטעטלדיקע מיידלעך קענען ניט ליב האבן. יאָ, דערפאַר איז פאַראַן אין רחלן עפּעס נאָך בעסער פון ליבן — אפילו דריי לעבנס וואָלט ער אפּגעלעבט מיט איר.

פּלוצים האט זיין געזיכט באַקומען אַן אויסדרוק ווי פון אַ פאַרשייט אינגל, וואס האט גרויס תענוג פון קעמפן מיטן שניי־שטורם:

— גאָט, דיינע געשעפטן זענען איצט ניט פיל בעסער, איך וועל דיר פאַרקויפן מיין נשמה, צי וואס דאַרט, דו דענקסט, סאיז נאָך געבליבן אין מיר דיסציפּלינירט.

ער האט געשווידערט פונם געדאַנק: ער, ווער האט זיך כמעט פאַנאַטיש איבערגעגעבן דעם הפקר, אן שום געפיל, אן אחריות געשוואומען אויף דער אויבערפלאַך — זאל מיט אַמאָל גאָר זיך נעמען צום פּסקנען?!... כאַ, „דיסציפּלינירט"!....

— — —

פעניע איז אריינגעקומען צו רחלן:

— שטערן וואַרט אויף דיר ביי מיר. דער מענטש גייט אויס. ער בעט נאָר אַ מעגלעכקייט צו ריידן, ער וויל זיך רעאַביליטירן פאַר דיר.

רחלס איטלעך גליד האָט זיך פריידיק אַ לאָז געטאָן צו פעניס רייד. אָבער דאָס אומבאַוואוסטזיניק־פאַרפאַלגנדיקע האָט זי צוטומלט: גיב ניט נאָך! זיי זיך גובר!

— איך וועל ניט גיין. ער דאַרף זיך ניט רעאַביליטירן.

— הלואי זאָלסטו ניט וויסן דעם טעם פון ווערן אָנגערופן „אַן אַלטע מויד"! — האָט פעניע בייז אַ וואָרף געטאָן און איז אַוועק.

רחל האָט געביסן אירע הענט, אירע ליפּן, איר גאַנצער קערפּער האָט ווי קאָנוואולסירט: סאַשע וועט אויך ניט קענען איבערטראָגן די בענקשאַפט.

זי איז אַרויס פון איר צימער גלייך צו פעניען. דער בליק צושראָקן, ווי פאַר אַן אומגליק מיטן נאָענטסטן. אַרום מויל אַ יונגער שמייכל —אַט נעמט זי איין די גאַנצע וועלט.

איר מוטער האָט זי אָפּגעשטעלט:

— רחלע, טאָכטער, קום אַהער, איך מיט דיין עלסטן ברודער ווילן מיט דיר עפּעס איבעררעדן. ברוך האָט זיך באַגעגנט מיט רחלס אומבאַשטימטן בליק, און נאָך איידער עפּעס איז — האָט ער זיך געלאָזט אַרויסגיין:

— איך מיש זיך ניט, זאָל די מאַמע ריידן, זי איז אַ מאַמע.

— זעסט אַ געשראָפּטע מאַמע איך ביז. קינדער זאָלן נאָר וויסן איין זאַך „גיב". צו איבערבויען די שטיבער, צורעכטמאַכן די קליטן, אַזוי מתנה־לעך... און אַז אַ שוועסטער זאָל אַרומגיין, חלילה, ביזן גרויען צאָפּ — וואָלט אים גאָר ניט געאַרט.

רחל האָט דערהערט, אַז עס שמעקט מיט זאָרג — זי זאָל ניט פאַר־זיצן—האָט עס זי אָנגעפילט מיט העלער האָפנונג: געוויס האָט פעניע גערעדט מיט איר מוטער וועגן סאַשען.

אירע אויגן האָבן געבליאַסקעט:

— מאַמע, דו האָסט עפּעס אַ וואוילן חתן פאַר מיר?!

— אַט אַזוי זע איך, דו ביסט אַ קלוגע טאָכטער. מילא פריער, אָבער איצט ביסטו טאַקע עלטער מיט צוויי יאָר. — הער רחלע, ס'ווילן דיך צוויי רייכע חתנים. (רחלן איז דורך אַ קעלט). — דו קענסט זיך מיט ביידע — איז אַוועלכן פון זיי דו וועסט באַשטימען — וועל איך דיר ניט שטערן.

„ניט, שטערן״. רחל האט געפילט צו געבן זיך אַ דריי אויס! „ניט ווערן״.

— ביידע וואַזשנע סוחרים, איינער האט דיך געזען אין אָדעס ביי סאַניען אין אכסניה. ער איז אַן אלגאַפּאַלער פון דער טראַכטענבערגס משפּחה. זיי זענען תמיד געווען רייך, איצט האט דער זון זיך נאָך מער ארויפגעאַרבעט ווי דער אלטער טראַכטענבערג. ער פאַרט אַלע מאָל קיין אָדעס פאַר געשעפטן. דו האָסט מיט אים איבערגעשיקט אַ בריוו. ער איז א הויך־כער, שיינער מאַן. (האָט די מוטער צוגעשמייכלט). ער האט דיר פאַרגעלעגט צו גיין מיט אים אין טעאַטער, אָבער דו האָסט אים אָפּגעזאָגט. דאָס איז אים אַזוי געפעלן געווארן. ער האט זיך גאָרניט געקענט אָפּליבן פון דיר. „אַזאַ שטאָלצע מיידל״. ער האט מיך נאָך דעמאָלט געפרעגט, צי איך וואָלט אים געוואָלט פאַר אַן איידעם. אַבי איך זאָל נאָר וועלן, האט ער געזאָגט, איז ער גרייט צו וואַרטן ביז דו וועסט קומען אהיים. היינט איז ער געווען ביי מיר, ער וויל וויסן ווען ער זאָל קומען צו באַשטימען אַלץ. אים אַרט ניט, אַז דו זאָלסט ניט פאַרענדיקן דאָס לערנ־יאָר. ער וואָלט אפילו דעם חודש חתונה געהאַט. נאָר טאָמער ווילסטו ניט, וועט מען אָפּשטעלן די חופה אויף שבת־נחמו.

אַ פינסטער געשטאַלט איז אריינגעקראָכן אין רחלס אויגן: סאיז יענער אַלטער בחור, וואס האט שטאָלצירט מיט זיין איבערשטייגן אין רייכקייט די פאַר דער מלחמה גבירים, ער האט איר מאַמען אויך אריינגערעכנט. באַרימט זיך מיט „זיין גרויסער חכמה כיטרע צו דורכצופירן היינטיקע געשעפטן״. דרייט זיין שטעקן אַזוי, אַז יעדער זאָל זעען די גאָלדענע מאָנאָגראַמען. בלויז ווייל ער האט זיך אָפּגערופן צו איבערגעבן איר בריוו — האט ער געוואָלט זי זאָל גיין מיט אים אין טעאַטער, יענער גראָבער נפש מיטן חוצפּהדיקן באַקוקן זי דורך זיין זעלבסט צופרידענעם: „איך מיט מיין געלט — קען אָפּקויפן דאָס געלערנסטע מיידל״.

— פּעי! אַזאַ מין באַזאַרגן ביי אַ מאַמען אַ קינד. כ׳בין דיר מוחל די גאָלדענע מציאה.

— נאַריש מיידל, דאַרפסט ניט וויינען — כהאָב זיך דיר פריער געזאָגט, אַז דו קענסט אויסקלייבן אוואַסערן דו ווילסט אַליין. גרינבערג איז אַ שיינער, יונגער בחור. ער האט אויך אַ סך געלט אָפּגעשפּאַרט איצט. אַ פּעהיקער און דאָס מזל האט אים צוגעשפּילט. זיי זענען שטענדיק געווען אָרים, אָבער ליטישע מענטשן. ער האט חתונה געמאַכט זיין שוועסטער, דעם טאַטן וועט

זי האַלטן. גרינבערג וועט דיר אַריינקוקן אין מויל אַריין. ער זאָגט, ער איז שטאַרק פאַרליבט אין דיר, נאָר ער וואָגט ניט דיר פאַרצולייגן. ביי אַזעלכן גייט דאָס ווייב אין די הויזן, ער . . .

רחל איז אוועקגעלאָפן: גרינבערג, וואָס שטעקט אַרויס די גאַנצע צונג און ווערט אויסגעבאָדן אין שווייס ביז ער חתמט זיין נאָמען.

זי האָט זיך פאַרשלאָסן ביי זיך אין צימער, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז אָט וועלן נאָך אומברחמנותדיקע באַליידיקונגען זיך אַריינרייסן. אין קאָפּ האָט איר געראַוישט: „שטאַרק פאַרליבט" און יענער מענטשל... און ווי די צייט בייט זיך! די מאַמע איז ערשט געווען אַזוי פאַרביטערט, מיט אַזאַ ביטול קעגן דעם מלחמה־גביר. „אויפגעקומענער שלעפער" אים אָנגערופן. איצט שדכנט זי אים איר בת־יחידה. לויבט אים.

סהאָט זיך אָנגערוקט דער אָוונט. רחלס געדאַנקען האָבן זיך שטורמיש געדרייט: די וועלט איז אַ כאַאָס. סאיז סכנות נפשות צו לאָזן זיך פאָרן קיין אַדעס. נאָר וואָס קען נאָך זיין ערגערס פון אירע יסורים דאָ.

— — —

רחל האָט איבערגעלאָזט אַ בריוו אונטערן קישן, אַז זי פאָרט אוועק. אַ רגע: אפשר צוליב איר מוטער בלייבן? אין האַרצן וויל זיי די מאַמע געוויס אויך ניט, דאָס האָט גערעדט פון איר די סוחרים׳ס מיינונג: „לאָה מאַכט שטענדיק דעם פעטסטן מסחר". — אָבער ניט דאָס מאָל.

אין וואַגאָן זענען ניט געווען קיין סך מענטשן. סהאָט זיך צו רחלן צוגערוקט אַ שכורער קריסט, דער בראַנפּדריח האָט געזעצט פון אים, ווי פון אַ צעעפּנטן פאַס. ער האָט צונעמען די פּאַלעס פון זיין צו ברייטן פּידזשאַק און צופרידן געפּאַטשט זיך איבער אַ סאַמעטענעם וועסטל:

— דאָס האָב איך פון די זשידעס גענומען. אַכט מיט איין מאָל געקוילעט. כהאָב פאַר דיר אויך אַ מתנה! — ער האָט געשטופּט זיינע וואַקלענדיקע הענט צו זיך אין די קעשענעס און זיך געבייזערט, וואָס זיי האָבן בשום אופן נישט געקענט אַריין אינווייניק.

די אַרומיקע צוקוקערס האָבן פרייליך געלאַכט.

מיט זיין צושוויצטער טשופּרינע האָט זיך דער שכור צוגעבויגן צו רחלן:

— באַרישניאַ, איך וועט מיר אַנטשולדיקן פאַרן גראָבן אויסדרוק. — ער האָט מיט זיין כריפּליקן קול אָפּגעזאָגט אַ מיאוסע קללה אין דער מאַמעס־

מאמען אַרייז. — בין איך קיין קריסט ניט! — אויב איך וועל לאַזן איין זשיד אַ לעבעדיקן!

ווידער אַ צופרידענער געלעכטער פון אַרום.

דעם שכורס קאָפּ האט אראפגעשווערט און ער האט ווילד געכראפּעט. אַ פרוי מיט אַ שווערן קלומאַק, אַ פרנסה זוכערן — האט זיך געריקט אויף צוריק צו דער טיר.

רחל האט זיך ארומגעקוקט: וואוהין זאָל זי זיך איבערזעצן?

איר בליק האט זיך געטראָפן מיט די אויגן פון צוויי קריסטן. איר בלוט איז פאַרפראָרן געוואָרן: זיי ווינקען צו איר!!! זיי רופן זי!!!

אין איר פיינלעכער פארלוירנקייט האט זי דערזען אַ רעטונג: לעבן די צוויי מענער איז דאס פענסטער צעבראכן — איין שפרונג און . . .

משונהדיקע שטראַמען אין איר נשמה האבן זי אויפגעהויבן פון ארט. זי שטייט שוין אנגעשפּאַרט אין צעבראָכענעם פענסטער... זי גלויבט קוים אירע אויגן, אירע אויערן: אויף די פּנימער פון די צוויי איז אויסגעשפּרייט אַ ברידער־לעכער צער... איינער שעפּטשעט:

— מיר וועלן אייך קיין בייז ניט טאָן, זעצט אייך לעבן אונז.

דער אַנדערער:

— מיר וועלן אייך פאַרטיידיקן.

פונם טרעפן זיך מיט דער אומדערוואַרטעטער מענטשלעכקייט האט זי געפּילט צו וויינען און לאַכן. זיי האבן איר אומגעקערט דעם גלויבן.

אויף די ווייטערדיקע סטאַנציעס האבן זיך די וואַגאָנען וואס אַמאָל מער אנגעפילט: אָבער מען זעט ניט קיין אידישע פּנימער. וואס לאַכן זיי און טומלען אַזוי הויך? פּלוצים האט זי צווישן די געלעכטערס מיט קולות דער־הערט האַרץ־רייסנדיקע געשרייען פון אַ אידישן אינגערמאַן.

רחל האט געוויי‏טיקט: אַזויפיל פארגוואַלדיקונג און זי האט, אין אזא מערדערשער צייט, בייזווייליק באַהאַנדלט אַ יונגן בחור בלויז פאַר זיין צופּיל נאַכגעבן זיך.

דער אידישער יונגערמאַן האט געוואַיעט — פויסטן איינגעטונקען אין זיין בלוט האבן געשווינדלט אין רחלס קאָפּ... זי איז געזעסן כמעט צעדולט פון דעם באַרוישנדיקן, מהומהדיקן בילד.

— — —

אויף אדעסער וואָקזאַל האָט געפלאַטערט אַ רויטע פאָן! הילכיקע, פריי־לעכע קולות האָבן געררישט פון אַלע זייטן. דאָס רוב יונגע פּנימער, קוקן אויס ווי איין פריינטלעכע קאָמפּאַניע. פון יעדן שרייט אַרויס: „זייט מוטיק!"

אויף דער גאַס מאַלאַיאַ־אַרנאַאוטסקאַיאַ האָט זיסקינד אָפּגעשטעלט רחלן:

— קומט מיט מיר, נחמן האָט פאַררופן אַ ספּעציעלע זיצונג.

דאָס קליינע צימער איז איבערפולט, אַלע שרייען! אַזאַ פאַרביטערט קריגן זיך האָט זי נאָך קיינמאָל ניט בייגעוואוינט.

נחמן פאַדערט מזאל אין איין אָטעם אויפנעמען באַלשעוויזם מיט „יאָ".
— ער ווייסט אויך זיסקינדס אַלע „אָבערס"... דאָך איז איצט ניט די צייט אפילו פאַר איין תנאי — שוין זאָלן אַלע פאַרעגעסטרירן זיך — אַניט איז יעדערער אַ שונא פון סאָציאַליזם! ער איז אַוועק אַ שונא פון זיסקינדן און אַלע וואָס האָבן ניט געשטימט מיט אים. מיט איר, רחלן, האָט ער זיך אויף אַ רגע דערפרייט, ווי צום קושן זיך, נאָר אויפן אָרט איז זי „אַ דריטע קאַטעגאָריע" געוואָרן. — אירע רייד האָבן שוין גאָר קיין ווערט ניט...

די אַדעסער גאַסן זענען, אין פאַרגלייך מיטן באַלעבטן וואָקזאַל, זייער אומעטיק. די מענטשן קוקן שאַרף, שווער און אומרואיק.

אַנאַ מאַרקאָוונאַ האָט געזאָגט רחלן:

— באַהייצן און ברויט קאָסט אין טאָג אַרייַן. מ'קען עס באַלד פאַר קיין געלט ניט קריגן. מגיט אַרויס פיר לויט אַרבעס־ברויט יעדע צוויי טעג. ס'איז אַ שווער, גרין — פּירעקעדיק שטיינדל. דערצו קוקט נאָך אַרויס פון דעם שוואַרצע פּינטלען פון צעמאַלענע זשוקלעד. איר וועט זיך דאַרפן פאַרשרייבן אין קליימל צו קריגן אַ „ברויט־קאַרטל".

אַנאַ מאַרקאָוונאַ זשאַלעוועט אַפילו נאָך אַ קויל צולעגן אין פּרעסל צו אויפצוזידן אויף דעם דאָס צוויי־גלעזערדיקע טשייניקל. זי טוט עס אויף אַן אינטעליגענטן אופן:

— איאַ רחל, איר האָט געלערנט — אַז פון צופיל זידן ווערט פאַר־דאַרבן די געזונטע מינעראַלן.

רחלן איז אַזוי טרויעריק אויפן האַרצן — אַז סמעג אינגאַנצן זיין אָן טיי. ס'איז בכלל קיין טיי ניט, מ'גיסט אַרויף די הייסע וואַסער אויף אַ פייג און דאָס געלע, קאַלאַמוטנע אַנציעכץ טרינקט מען.

אַנאַ מאַרקאָוונאַ האַלט זייער פון רחלן, אָבער איינצוהייצן אין דער

הרובע קאסט אפּ אזוי פיל! איז פון ניט קענען צוזען ווי רחל פרירט — איז זי אוועק צו איר רייכער שוועסטער. דאָ איז אַ מחיה, ווארעם. בכלל דערקענט זיך דאָ ניט די שווערע צייט, זי האָט געזאָגט רחלן, אַז זי וועט אפשר בלייבן נעכטיקן. דאָ וועט זי ניט אויסזאָגן — אַז איר שכנה איז געקומען. זי ווייסט, אַז די רייכע, אַפילו די נאָענסטע קרובים, האָבן איצט ניט ליב מ׳זאָל זען ווי רואיק עס לעבט זיך זיי. — סהייסט זיי זענען שוין גאַרנישט רואיק...

רחל איז געווען צופרידן, וואָס די באַלעבאָסטע איז אַוועקגעגאַנגען: מיט דער נאַכטיקער שטילקייט וויל זי בלייבן אַליין.

זי האָט אויף איר נאַכט־העמד אנגעטאָן איר יאַפּאַנישן־כאַלאַט און זיך אַרונטערגערוקט אונטער דער קאָלדרע. אירע פינגער זענען פיבערדיק גע־לאָפן איבער איר אייגן לייב.

זי האָט געצאַרנט אויף איר צוריקגעהאַלטענער נאַטור: אַפילו פּאַאוסט האָט פאַרקויפט זיין נשמה ניט צוליב אַן אידעע, נאָר פאַר באַהערשן די געליבטע.

— סאַשע,— נאָר לאָז זיך ניט אין וועג: אַ גרויער־ריז באַוואַרפט די וועלט מיט גרויקייט, וואָס מער שוידער, גרויל עס שפּרייט זיך פון אים — אַלץ גרע־סער ווערט ער...

אַ שטילער קלונג האָט איבערגעריסן אירע מחשבות: אַנאַ מאַרקאָוונאַ קען מסתם דעם שליסל ניט געפינען.

— זאָל איך אייך אַריינלאָזן! פרעגט רחל אין שפּאַס.

— סאיז איך, סאַשע.

רחל ציטערט אינגאַנצן. זי האָט ארומגעפלאָכטן אירע נאַקעטע אָרעמס ארום זיין האַלז:

— דער שטורעם אין מיר האָט דיך געבראַכט צו מיר!

סאיז איר קאַלט ,אירע ציין קלאַפּן אַזש, זי איז צוריק אַריין אין בעט. זי דריקט סאשען צו זיך. איר האַרץ זינגט: זי פילט אַ שטאָלץ אין דעם געפיל וואָס קומט פון אים.

זי האָט זיך געגורעט, זיך געוואָלט צעגיין אין אים.

סאַשע האָט פון מורא פאַר איר קאַפּריזנעם גייסט — זיך אנגעשטרענגט צוריקצוהאַלטן זיין צעווילדעוועט ליידענשאַפט.

זי האָט געפילט זיין ׳קראַפט איבער זיך, דער הונגער פון אויפגע־וואַכטער פרוי צוזאַמען מיטן שרעק פון דער נשמה פאַר זיינע געפילן, וואָס זענען דורכגעגאַנגען אַזויפיל ניט זיטלעכע וועגן — האָבן אויפגערעגט די נער־ווען־נעץ. אירע נערוון האָבן מיט עפּעס אַן אפּעקלדיקעס געשמידט איר אומ־צוטרוי צו אים.צו זיך....

זי האָט זיך געהויקערט: וועט זי קיינמאָל ניט קענען פאַרגעסן זיין פאַר־לירן די מענטשלעכע־גאַנצקייט?

זי האָט געגלעט זיין געקנייטשן קאָפּ האָר, זיין שטערן: ניט ער איז שולדיק באַשטראָפט צו ווערן פאַר זיך און פאַר יענע באַעולהטע.

אירע געפילן האָבן זיך ביטער געראַנגלט מיט אירע געדאַנקען. זי איז געוואָרן מיד און טרייסטלאָז.

— רחל, וואָס וויינסטו? האָט זי סאָשע געקושט.

זי האָט אינגאַנצן געציטערט: פון זיין באַריר — לייזט זיך אויף איר פאַרשטאַנד. זי ווערט אַ ליידיקער אָטאָם!

זי איז אַראָפּ פון בעט, געכאַפּט איר טונקל וויין־קאָליר פּאַלטאָ אויף די אַקסלען: זי מוז זיך צוימען! וואָס איז ליידן פון איינציקע אין פאַרגלייך מיט די אומגערעכטיקייטן!

איר טרויעריקער בליק איז געפאַלן אויפן בילד פון דער גראַוויורע: „ים־איינשטילונג״. בעתן פאַרברענגען די קינדערשע יאָרן אין דאָרף איז אין איר אויפגעוואַקסן אַ ליבשאַפט צו נאַטור־שיינקייט. זי האָט געשפּירט אין די אָרעמס פונעם פייכטן ים־אָטעם אַ ציטערנדיק קול פון סאָשעס אומרואיקער נשמה...

ער וועט ניט זיין גליקלעך מיט איר. זי וועט זיך אָפּזאָגן פון אים צוליב זיין דיכטערישן חלום — צוליב וועלכן ער ראַנגלט זיך אַזוי עקשנותדיק פון קליינערהייט אָן. זאָל די ניט־רעאַליזירטע־ליבע, (אויב ער גלויבט אין דעם) וועקן אין אים דאָס העכערע, נערן זיין גייסט.

— האָט די רעוואָלוציע געמאַכט אַזאַ איבערקערעניש אין די מענטשן: נחמן באַטראַכט זיסקינדן פון שונא׳ס לאַגער, צווייפלט אין זיין אידעאַלער פּאַ־זיציע.

איר ליבע און פאַרלאַנג געליבט צו ווערן האָט געשריען: קיינער דאַרף ניט דאָ, אויף דער ערד, אַזוינע קרבנות!

אָבער דאָס אומקלאָרע האָט באַפוילן: זי מוז אויסהאַלטן!

— סאָשע פאַרגיב מיר די יסורים וואָס כ׳טו דיר אָן. פאַרגיב ניט וואָס איך קען קיינמאָל ניט זיין דיינע. ניט מיך פרעג, גאָרנישט פרעג!

עס האָט ניט געהאָלפן זיין בעטן, שווערן, כעסן, וויינען. זייערע ביידנס טרויער, אַנגסט...

זי האָט אים באַגלייט ווי אַ סטאַטוע, אין וועלכער אַ קינסטלער האָט

אריינגעטאָן זיין גאַנצן טאַלאַנט און מי ארויסצוברענגען א גאר, א נייעם ציר. א פונק פון א נייעם כוח....

מיטן פאַרמאַכן די טיר האט די סטאַטוע צוזאַמענגעבראָכן...

די נאַכט האט געהערשט. אַ שאטן האט זיך געוויגט אראָפּ און ארויף.

רחל האט קיינמאָל אַזוי ניט געוויינט, אירע אַלע ניינצן יאָר האבן געוויינט.

—מיטן טאָגן האט איר פאַרוויינט פּנים אנגעהויבן לייכטן. סאָשע וואלט געזאָגט: „דאָס איז יענע מאָמענטן — ווען זי ווערט אַ שיינהייט”.

זי האט געחלומט וועגן אַ מאַגיע פון אַ פיינלעכער נאַכט אין וועלכער עס ווערט אנגעשריבן אַ ליד, וואָס עפנט דעם מענטשן אַ וועג צום מענטש אַין זיך אַליין. עס פירט אים צו אַ נייעם אנהויב אין לעבן.

זייט

קאפיטל איינס	7
קאפיטל צוויי	11
קאפיטל דריי	19
קאפיטל פיר	27
קאפיטל פינף	33
קאפיטל זעקס	38
קאפיטל זיבן	43
קאפיטל אכט	54
קאפיטל ניין	59
קאפיטל צען	79
קאפיטל עלף	92
קאפיטל צוועלף	100
קאפיטל דרייצן	106
קאפיטל פערצן	112
קאפיטל פופצען	120
קאפיטל זעכצן	123
קאפיטל זיבעצן	127
קאפיטל אכצן	136
קאפיטל ניינצן	140
קאפיטל צוואנציק	144
קאפיטל איין־און־צוואנציק	150
קאפיטל צוויי־און־צוואנציק	158
קאפיטל דריי־און־צוואנציק	162
קאפיטל פיר־און־צוואנציק	168
קאפיטל פינף־און־צוואנציק	176